# דער
# קאָצקער רֶבּי

## אדמו״ר ר׳ מנחם מענדיל ז״ל מאָרגענשטערן.

זיין אָבשטאם, זיין לעבען, זיינע רביים, זיינע חברים, זיין שיטה
אין תּוֹרה און חסידות, זיינע קינדער און קינדס-קינדער.

### מאָנאָגראַפיע

ערשטער טייל

פון

פינחס זעליג במו״ה אברהם הירש גליקסמאן ז״ל, לאדז.

פיעטרקוב — תרח״ץ

נדפס בישראל תשל״ב

**GRAND RABBI CH. MORGENSHTERN**
OF KOTSK LAMAZ

BNE-BRAK,
P. O. Box 493
ISRAEL



**יחיאל מאיר מארגנשטערן**
**מקאצק**

בן הרב הקדוש מופת הדור בקש״ת מוה״ר ר׳ צבי זצלה״ה זי״ע אדמו״ר מלאמאז, בן הרב הקדוש בקש״ת מוה״ר ר׳ דוד זצלה״ה זי״ע אדמו״ר האמצעי מקאצק בן הרב הקדוש השכבה״ג בקש״ת מוה״ר ר׳ מנחם מענדיל זצלה״ה זי״ע רבנו הראשון מקאצק, אחיהם של הצדיקים הקדושים ר׳ יעקב ארי׳ זצ״ל מרדזימין, ר׳ אברהם זצ״ל משעדליץ ונכד הרבי הרה״ק ר׳ דוד גאלדמאן מקיעלץ ולהצדיקים הקדושים הרבי ר׳ יצחק זצלה״ה זי״ע מווארקי והרבי ר׳ ישעי׳ מושקאט זצלה״ה מפראגא זי״ע.

בני־ברק,
ת. ד. 493
ישראל

הובא לדפוס ע״י
הרבנית החשובה והנדיבה
**מרת פרימט מורגנשטרן תח׳**
**אשת האדמו״ר מלאמאז קאצק שליט״א**
בעיה״ק בני־ברק
שנת **ת׳ש׳ל׳ם** המלאכה

**הכתובת:**
**הרבנית פרימט מרגנשטרן**
ת. ד. 493 בני־ברק

**כל ההכנסות מוקדשות להחזקת**
**ביהמ״ד „מדרש יחיאל״, רח׳ ברסלב 14, בני־ברק**

Printed in Israel 1972

# אינהאלט פון ערשטען טייל

עמוד


מכתב מאת אדמו"ר אבד"ק סאקאלאוו שליט"א. ד—ה

הסכמה מאת אדמו"ר אבד"ק וולאדאווע שליט"א. ה

הקדמה. ו

א. דער אבשטאם פון קאצקער רבין. ז—י

ב. די קינדער יאהר'ען פון קאצקער רבין. יא—יב

ג. רבי מנחם מענדיל האט תשובה געטאן און זיך בעזעצט אין טאמאשאוו. הרב ר' משה מיכל פון זאמאשטש געווארען ביאלער רב. יב—יז

ד. דער רבי ר' בונם און זיין תלמיד ר' מנחם מענדיל פון טאמאשאוו. יח—יט

ה. דער מהר"ל פון פראג, דער רבי פון „עולם העליון" פארן פשיסחער און פארן קאצקער רבין. כ—כא

ו. אדמו"ר ר' מנחם מענדיל איז געקרוינט געווארען אלס א רבי פון חסידים און זיך בעזעצט אין טאמאשאוו. כב—כח

ז. אדמו"ר ר' מנחם מענדיל איז אוועק פון טאמאשאוו און זיך בעזעצט אין קאצק. אביסל פון זיינע תורה-ווערטער. כח—לא

ח. דאס קאצקער חסידות. לא—לה

ט. דער קאצקער רבי האט ניט אויפגעשריבען זיינע חידושי-תורה. לה—לז

י. דער קאצקער רבי און דער לענטשנער רבי. א מעשה פון רב הקדוש. לז—מ

יא. דער קאצקער רבי א תלמודישער גאון. מ—מד

יב. דאס התנגדות אויף קאצק. מד—מו

יג. דער קאצקער רבי ווערט אן אלמן און נעמט א זיווג שני. מז—נב

יד. דער קאצקער און דער איזביצער רבי. נב—נז

טו. דער קאצקער רבי אין זיין התבודדות-צייט און די פאלשע קלאגען, וואס זענען אין צוזאמענהאנג דערמיט פארשפרייט געווארן. נז—סח

טז. קאצק און דאס בוך „אין פוילישע וועלדער". סח—עב


# דער צווייטער טייל וועט אנטהאלטען


יז. דער קאצקער רבי און זיין מחותן דער אלקסער—ביאלער רב, ווי אזוי אז דער שידוך איז צושטאנד געקומען.

יח. דער קאצקער רבי און זיין איידעם דער סאכאטשעווער רבי — דאס המחלקות פון קאצקער רבין און וואס דער „חידושי הרי"ם" האט ביי זיין לויה אויף איהם געזאגט.

יט. דער קאצקער רבי און זיין צווייטער איידעם דער קאצקער רב אן אבשטאם פון ש"ך.

כ. דער קאצקער רבי און זיין זוהן ר' בנימין פון זיווג שני.

כא. דער קאצקער רבי און זיין יונגסטער זוהן ר' משה ירחמיאל. א בריף פונעם חידושי הרי"ם צו די ווארשאווער דאזארעס.

כב. דער קאצקער רבי און זיין עלטסטער זוהן אדמו"ר ר' דוד. זיינע תורה ווערטער און זיין שוועהר ר' הירשלי דישקעס.

כג. אדמו"ר ר' חיים ישראל פון קאצק—פילעוו אן אייניקעל פון קאצקער רבי און זיינע גרויסע זיהן.

כד. אדמו"ר ר' צבי הירש פון לאמאז אן אייניקעל פון קאצקער רבי און זיינע גרויסע זיהן.

כה. אדמו"ר ר' יעקב יושע אן אייניקעל פון קאצקער רבי און זיינע חשובע קינדער.

כו. אדמו"ר ר' שמואל דער סאכאטשעווער רבי, אן אייניקעל פון קאצקער רבין און זיינע הייליגע ספרים „שם משמואל".

כז. דער קאצקער רבי און ר' אלעזר הכהן דער פולטוסקער רב. דער קאצקער רבי איז זיצענדיג פרייטאגצונאכטס ביים טיש מיט חסידים איז ער אוועקגעפאלען אין חלשות און דורך ר' אלעזר הכהן איז ער צו זיך געקומען.

כח. געשטאלט, כאראקטער, און דאס מתפלל זיין פון קאצקער רבין.

כט. דער קאצקער רבי און זיין נאמן בית ר' הירש טאמאשאווער.

ל. די מצבות-אויפשריפטען פון קאצקער רבינס פאטער, מוטער, זיידע און עלטער באבע, וועלכע ווייזען אויף זייער גרויסקייט אין תורה, קדושה און יחוס.

ב"ה יום ועש"ק תצא עזרתך לפ"ק.

לש"ב וידי"נ המופלג בתוי"ר חכם וסופר איש תבונות
מו"ה פנחס זעליג גליקסמאן שיחי' שוכט"ס לו.

הספר רפדוני בתפוחים גם מכתבו השגתי. אמת כי בין הכתבים שנשארו ממר אבא ז"ל, נמצא פנקס קטן בשם „נחלה לישראל", שבו הי' כתוב סדר השתלשלות יחוסו עד הגאון הקדוש ר' דוד אבד"ק אסטרהא זצ"ל. כבר חפשתיו אצלי ולא מצאתיו עדיין, אולי אמצאנו בבואי לביתי לסאקלוב אחר סוכות הבע"ל וכו'.

מה שמתמה, מדוע לא הי' שום איש מאתנו בעיר גוריי, לדעת אל נכון סדר יחוסנו, אתמהה, הלא תמיד הי' העולם לומדי תורה ועוסקים בחסידות, ומי שם לבו לדברי בטלה כזו, להביט אל מעשה ביכלעך וקורות הדורות, ובפרט לדעת יחוס אדמו"ר הנורא מקאצק, אשר כל העולם ראו, כי שם ה' נקרא עליו ויראו ממנו, ובפרט כי ראינו בו, שכל הלך רוחו הי' נסתר במכסה עתיק, ולא שמעו ממנו שנשא שמות אבותיו על שפתיו, או כי התייחס במי.

הרה"ג ר' שאול אבד"ק פינטשאב אחי הרה"ג ר' בעריל וואלף האבד"ק קאצק, חתנו של אדמו"ר זקני הקדוש מקאצק, סיפר לי, שאמר לו זקני הקדוש הזה פעם אחת: „אמור לאביך, הוא מתייחס, שהוא נכד הש"ך, אבל יחוסנו גדול מיחוסו, רק יחוסנו אינני יכול לגלות". א"כ איפוא קם רצון בלבות נכדיו, לחפש אחר יחוסו, אבל עתה שהפרוטה כלה והכל רצים אחר האגדה, כדאיתא במדרש שה"ש, ובפרט שכבר חלפו זמנים כבירים, עתה מצוה לפרסם קצות דרכיו ויחוסו לפענ"ד.

ואשר שמע, שזקני אדמו"ר מקאצק ז"ל קרא שם בנו בנימין על שם שניידער שהי' בעירו, שקר הדבר, כי שמעתי הרבה פעמים ממר אבא ז"ל, כי לפני ברית מילתו הי' מדבר עם זוגתו הרבנית אם הילד, והסכימו שניהם תחלה לקרוא אותו שם אחר, רק אח"כ בלכתו לביהמ"ד להיות סנדק, התיצב ונשאר בעמידתו זמן מה, אח"כ הלך לביהמ"ד לסנדקאות, ויקרא שם הילד בנימין.

וכאשר שאלתו הרבנית אח"כ למה עשה כן, ענה ואמר להצטדקותו, כי בעת הליכתו לביהמ"ד, בא אליו מעולם העליון המלמד, אשר למד אצלו בילדותו ואמר לו, היתכן, שלמד אצלו תורה, ואינו קורא את בנו על שמו, ע"כ קרא לו שם זה. מזה נראה שהמלמד שלו ר' בנימין ז"ל הי' איש קדוש ונסתר, וכו' א).

והנני אומר לו בקיצור, שלא ידפיס דברים טרם שאראה, אם מכוונים הם אל האמת לאמתו, כי ברוב הימים וכותבי זמננו קולטים ידיעות ממש מן

---

א) יש לשער, כי הרבנית חפצה לקרוא את שם הילד על שם אביה ר' משה חלפן. (פ. ז. ג.).

האויר, עשאו בלבול גמור בסיפורי מפעלות ודיבורי הצדיקים, ואין להביט עליהם כלל א).

ואשר שאלני על אודותי — אנכי נתקבלתי לרב אב"ד בעיר סאקלוב בשנת תרנ"ט,' ובאתי שמה י"א טבת תר"ס. בפטרבורג הייתי באספת הרבנים בשנת תר"ע.

ועל שאלתו אם חיברתי ספרים, הלא כבודו יודע, שזקני הקדוש מקאצק זי"ע מאס מאד מלכתוב חידושיו על ספר, וכן נהג מר זקני הקדוש ר' דוד ז"ל, אף שהי' ספרא רבא עד להפליא, בכ"ז לא רשם אף תיבה אחת מכל מה שחידש בעולמו, ואפי' מר אבא ז"ל שהתחיל לכתוב מעט, רובי תורתו אנכי כתבתי, וגם הקונטרס „שלום ירושלים" אנכי כתבתי ולא הוא, ולא רצה בשום אופן שיודפסו חידושיו, זולת הקונטרס „שלום ירושלים", ראיתי בו שהי' ניחא לי' להדפיסו, אבל בכל כתביו שלטו ידי זרים ונגנבו ונאבדו, וחבל על דאבדין.

כן אנכי חידשתי בעזה"י הרבה ולא רציתי בימי חורפי לכתוב אותם על ספר, כמו שראיתי אצל אבותי, רק זה לפני איזה שנים, שראיתי שנהג עלמא לכתוב על ספר אפי' פטומי מילי בעלמא, גם אנכי רושם לפעמים מה שהשי"ת מאיר עיני, וישנם תח"י הרבה פנקסים של חידושי תורה, ומפני תשות כחי אין ביכולתי לסדרם כראוי.

דברי ש"ב דושה"ט מברכו בכל טוב ובכתיבה וחתימה טובה ושנת ישועה לכל ישראל.

יצחק זעליג מקאצק האבד"ק סאקלוב.

# הסכמה

ב"ה

בהיותי לפי שעה בפה לאדז הראה לי ש"ב, הרב חכם וסופר וכו' מהר"ר פנחס זעליג נ"י גליקסמאן ספר שכתב ע"ד תולדות אא"ז רשכבה"ג וכו' רבי מנחם מענדיל זצ"ל הרבי הראשון מקאצק בשפת יהודית מדוברת, ולא הי' לי פנאי לעיין בספר כולו, המעט שראיתי בו הוטב בעיני, וגם יש לו חזקת חבר ומפורסם הוא בספריו שכבר הוציא לאור, אמינא יישר חילו וזכות אא"ז זצ"ל יעמוד לו שיצליח במפעלו זה ויהי' לתהלה ולברכה.

יום ד' לסדר כי תשא ט"ו אדר א' תהר"ץ.

משה ברוך בהרה"ק מהר"ץ זצ"ל מקאצק-בליקעווע
אבד"ק וולאדאווע והגליל.

---

א) לא עלה בידי לנסוע לסאקלוב להראות לו הכתבים אבל זהיר הייתי בזה כמו דבריו. (ס. ז. ג.).

# הקדמה

אין דעם ספר האָב איך געגעבען אַ מאָנאָגראַפיע וועגען ערשטען בערימטען קאָצקער רבין, אדמו״ר ר׳ מנחם מענדיל זצ״ל, לויט ווי ס׳איז מיר בעקאַנט געוועזן פון ספרים, פון חסידים, פון זיינע אייניקלעך און פון מיין אייגענער בעאָבאַכטונג. גישט מיין מיינונג, מיין אנזיכט און אורטייל איבער איהם און זיין שיטה אין חסידות האָב איך אָנגעשריבען. צו אָט דעם פיהל איך מיך צו שוואַך, כ׳האָב באָרנישט די דרייסטקייט, אין דעם ענין מיינע אייגענע פעסטשטעלונג אין די עפענטליכקייט צו געבען. נאָר כ׳האָב גאַנץ אָביעקטיוו אָבגעשילדערט זיין לעבען פון זיין קינדהייט אָן ביז זיין לעצטען טאָג, כ׳האָב איבערגעגעבען זיין שיטה אין תורה און חסידות, זיין כאַראַקטער זיין התנהגות, לויט ווי זיינע גרויסע חברים און שפּעטערע אויטאָריטעטע חסידים האָבען דערצעהלט. כ׳האָב אויך געשריבען וועגען זיינע גרויסע און בערימטע קינדער און קינדס קינדער, וועלכע האָבען געשפּיעלט און שפּיעלען נאָך היינט אַ ראָלע אין פּוילישען יודענטום.

צו אָט די אַרבייט האָב איך מיך געפיהלט פעהיג און בערעכטיגט שוין דערפאַר, וואָס מיינע זיידעס און מיין פאָטער ז״ל זענען געוועזן קאָצקער חסידים און מקורבים פון קאָצקער רבין, צז״ל וואָס איך שטעה נאָהנט צו אָט דער רבי׳שער משפחה און כ׳בין אין איהר גוט אָריענטירט.

כ׳האָב דאָס ספר געשריבען אין דער יודישער שפּראַך, כאָטש כ׳בין נישט געוואָהנט צו שרייבען יודיש, געוועהנליך שרייב איך העברעאיש, דערפאַר וואָס כ׳האָב געוועהען, אַז אַ גרויסע טייל פון די יודישע מאַסען זענען וועגען אָט דעם רבין און זיינע חסידים שלעכט אינפאָרמירט געוואָרען און גלויבען אַלץ נאָך אינם אַמאָליגען פאַלש בעגרינדעטען התנגדות׳ אויף קאָצק און אין די פאַלשע לעגענדעס, וואָס זענען אַמאָל טענדענציעז, בעקעממעדיג דאָס חסידות בכלל, וועגען קאָצק פערשפּרייט געוואָרען.

ברוך ה׳ שהחיינו לזמן הזה!

פ. ז. גליקסמאן.

ב״ה לודז יא שבט תרצח.

כ׳האָב איבערגעגעבען דאָס ספר אין כ״י דעם סאָכאטשאָווער רבין אדמו״ר ר׳ דוד שליט״א, און ער האָט עס ביי זיך געהאַלטען עטליכע וואָכען, דאָס ספר האָט איהם, זעהט אויס, געפאַלען.

ooooooooo

# דער קאָצקער רבי

## א. דער אָבשטאַם פון קאָצקער רבין.

א. אדמו״ר ר׳ מנחם מענדיל ז״ל, דער ערשטער קאָצקער רבי, איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר תקמ״ז (1787) א) אינם שטעטעל גאָריי, לובל. וואָיעוו., ביי אַ זעהר מיוחס׳דיגער משפחה. זיין פאטער, ר׳ יהודה לייבוש מאָרגענשטערן, איז דאָרטען געווען כמעט דער חשובסטער איינוואוינער. געווען אַ תלמיד־חכם, אַ יחסן, פיל יאָהרען אַ גבאי פון דער חברה קדושה ב). ר׳ יהודה לייבוש האָט געשטאַמט פונם שטעטעל קאָרעוו, געווען אַ זוהן פונם דאָרטיגען זעהר חשובען איינוואוינער ר׳ מנחם מענדיל, וואָס איז געווען אַ זוהן פונם קארעווער מפורסם׳דיגען גביר, תלמיד־חכם און גרויסער בעל־צדקה, ר׳ לייבוש, וואָס האָט אַליין אויסגעהאַלטען אין קארעוו אַ קלויז און מפרנס געווען אין זיין הויז צעהן תלמידי חכמים ג).

זיין מוטער אסתר (עטא), מסתמא אַ אשה חשובה, איז געווען די טאָכטער פונם גאָרייער זעהר חשובען איינוואוינער ר׳ ישכר בער הלוי סג״ל, ביי וועלכען ס׳זענען געווען תורה און גדולה צוזאַמען, געהאַט זיהן און איידעמס למדנים און רבנים, און איז געווען פיל יאָהרען ביז זיין לעצטען טאָג אַ גבאי פון דער חברה־קדושה. ווען ר׳ יהודה לייבוש האָט מיט איהר חתונה געהאַט, האָט ער זיך בזעצט, ווי דער שטייגער איז דאַמאָלס געווען, אין גאָריי, וואו זיין שווער האָט איהם געגעבען פרנסה, בעת ער איז געזעסען על התורה ועל העבודה.

ב. דער דערמאַנטער ר׳ מענדיל פון קאָרעוו, דער זיידע פון קאָצקער רבין, איז געווען אַן איידעם פונם בעוואוסטען גאון, חסיד און קדוש ר׳ דוד היילפרין, דער אַמאָליגער אָסטראָהער און זאַסלאַווער רב. אַ גרויסער מרחק איז קאָרעוו פון אָסטראה אָדער זאַסלאַוו, אָבער דער גרויסער נאָמען פון ר׳ לייבושן, האָט איהם דערנעהנטערט צום גאון ר׳ דוד היילפרין. שפעטער מחותנים זענען זיי געווען. מן הסתם איז ר׳ מענדיל אויך געווען אַ תלמיד־חכם, ווען נישט דאס, וואָלט אַ וודאי דער גאון ר׳ דוד איהם נישט גענומען פאַר אַן איידעם.

---

א) דאָס איז געדרונגען דערפון, וואָס ער איז נפטר געוואָרען תר״ס אין עלטער פון 72 יאָהר. ב) ר׳ יהודה לייבוש פלעגט זיך אונטערשרייבען אינם פנקס פון דער חברה־קדושה, בעת ס׳זענען פאַרגעקומען גבאים־וואַהלען: יהודה לייבוש חתן ר׳ בער סג״ל. אין יאָהר תק״ע האָט ער זיך דאָרט אונטערגעשריבען: יהודה לייבוש מאָרגענשטערן. אינם זעלביגען פנקס איז איינגעשריבען: „ב׳ ימים לחודש אייר תקע״ב נפטר הרבני מו״ה יהודה לייבוש במהו״ר מנחם מענדיל ז״ל״. אין גאָריי איז בעוואוסט, אַז דאָס איז דער פאָטער פונם ערשטען קאָצקער רבין. מען ווייסט דאָרט נאָך היינט אין וועלכען הויז ער איז געבוירען געוואָרען און אויך וועלכען אָרט אינם בית המדרש ער פלעגט זיצען און לערנען. (אַזוי שרייבט מיר דער פרעזעס פון דער גאָרייער קהלה ר׳ משה האָס). ג) ספר „מגלת יוחסין״ פון הרב ר׳ יחזקאל מילזאהן געדרוקט אינם ספר „גלגולי נשמות״. דאָרט שטעהט אויך, אַז ר׳ לייבוש איז געווען אַ זוהן פון ר׳ נפתלי הירש מירלס, דער געוועזענער דיין און פרנס אין בערלין.

דער גאון ר׳ דוד היילפרין איז געווען א זוהן פונם בעוואוסטען גאון, דעם אָסטראָהער רב ר׳ ישראל היילפרין, וועלכען מען האָט אויך גערופען ר׳ ישראל חריף און האָט אויך גע׳שמט פאַר א „בעל מופת״. אַמאָל, דער־צעהלט מען, האָט ער געשאָלטען א מסור און זיין קללה איז פערווירקליכט געוואָרען, אַזוי אַז נאָך אין דעמזעלביגען טאָג איז ער אין א טייך דערטרונ־קען געוואָרען א). און נאָך דער פטירה פון הרב ר׳ ישראל, אין יאהר תצ״א ער״ח שבט, האָט מען אויף זיין אָרט געוועהלט אַלס א רב דעם זוהן זיינעם, דעם גאון ר׳ דוד׳ן ב).

ג. אָבער נישט לאַנג איז ר׳ דוד געזעסען אויפן כסא רבנות פון אָסטראָה, ווארום אין יענער צייט איז געווען דער גאון ר׳ אברהם משולם זלמן אשכנזי, דער זוהן פון „חכם צבי״, א רב אין קלויז פון אָסטראָה, און צווישן אָט די ביידע גאונים האָט נישט געהערשט קיין שלום. זיי האָבען, נעמליך, געהאַט חלוקי דעות וועגען כסא רבנות פון זייער שטאָט, צו וועלכען יעדער פון זיי האָט געהאַט א טענה. און ר׳ דוד היילפרין, וואָס איז געווען א געליבטער תלמיד פון בעש״ט ז״ל, ווען ער האָט דערצעהלט דעם רבין זיינעם וועגען אָט די מחלוקת, האָט ער איהם בעפוילען, אַז ער זאָל צוליב דעם פערלאָזען דאָס כסא רבנות פון אָסטראה, וואָס ער האָט טאַקי געטהון. דאַמאָלס איז ר׳ דוד אויפגענומען געוואָרען אַלס א רב אין זאַסלאַוו, וואו ער האָט געפיהרט ס׳רבנות 20 יאָהר. אין יאָהר תקכ״ה ט״ז תמוז איז ער נפטר געוואָרען.

זעהר א חשובע צוואָה האָט ר׳ דוד איבערגעלאָזט. ער האָט נעמליך צוו. אנד. בעפוילען אַז מען זאָל געבען פון זיין עזבון 4000 זהובים אויף צדקה זאַכען. פון זיי 150 זהובים דעם מגיד פון פולנאָה, 150 זהובים דעם מגיד פון מעזריטש, 150 זהובים דעם מגיד פון זלאָטשעוו און 150 זהובים ר׳ פנחס׳ן פון קאָרעץ.

פון אָט די צוואָה איז צו זעהען, אַז ר׳ דוד היילפרין איז טאַקי געווען, ווי דערמאַנט, א געליבטער תלמיד פון בעש״ט, אַזוי אַז ער האָט געשפענדעט פאַר זיינע גרויסע תלמידים אַזאַ בעדייטענדע סומע ג). מען דער־צעהלט, אַז ווען דער בעש״ט איז אַמאָל געקומען קיין זאַסלאַוו, איז ער איינגעשטאַנען ביי ר׳ דוד היילפרין.

ד. ביי די אייניקלעך פון קאָצקער רבין געפינט זיך פאָלגענדער כתב־יחוס ד):

אדמו״ר מקאָצק בן הר׳ לייבוש מגאָריי, בן ר׳ מענדיל בן ר׳ לייבוש

---

א) ר׳ ישראל היילפרין איז געווען א זוהן פונם גרויסען גאון ר׳ אליעזר ליפמאַן היילפרין, דער טאַרניגראדער רב, וואָס איז געווען א זוהן פונם גאון און חסיד, דער טיקטינער רב, ר׳ יצחק אייזיק היילפרין. און איידעם איז ר׳ ישראל געווען פונם גאון ר׳ יצחק פון קראקא וואָס איז געווען א רב אין בראָד. (ס׳ מזכרת לגדולי אסטראה סימן נ״ח). ב) ר׳ דוד איז גע־ווען אַן איידעם פונם בעוואוסטען רב ר׳ חיים, וואָס איז געווען א זוהן פונם גאון, דער מחבר פונם ספר „עיר בנימין״. (דאָרט). ג) אָט די צוואָה צוזאַמען מיט דער צוואָה פון זיין זוהן ר׳ ישכר בעריש איז געדרוקט געוואָרען אין א בעזונדער ספר. דאָרט איז אויך געשריבען דער שלשלת היוחסין פון זיין פרוי, די רבנית מ׳ רוזא. ד) איך האָב דעם כתב יחוס בעקומען פונם סטריקאָווער רב הרה״ג ר׳ יוסף אשר זעליג הלוי פיש שליט״א, אַן אור־אור אייניקעל פונם קאָצקער רבין ז״ל.

מקאָריב, חתן ר׳ יהושע הלוי מסימיאַטיטש, בן ר׳ יהושע הלוי ממעזריטש, בן הר׳ אברהם הלוי מקראקא, בן הר׳ נתן הלוי ש״ץ וחזן.

ר׳ יהושע הלוי הרב מסימיאַטיטש, חתן הרב יששכר בעריש מקראקא, בן הרבי ר׳ העשיל אבד״ק לובלין, בהה״ג ר׳ יעקב אבד״ק לובלין בהה״ג מו״ה אפרים פישל נפתלי הירש מק״ק לאדמיר.

הר׳ מענדיל חתן הרב דוד היילפרין מאסטראה, בן הר׳ ישראל חריף אבד״ק זאסלאוו, בן הר׳ לייזר ליפמאן אבד״ק טארניגראד, בן הר׳ יצחק אייזיק אבד״ק טיקטין, בן הר׳ אליעזר ליפמאן, בן הג׳ ר׳ וואלף אבד״ק לובלין, בהה״ג יעקב היילפרין.

ר׳ שמואל הלוי אבד״ק מעזריטש היה חתן הגאון מו״ה יצחק אבד״ק ווילנא ופוזנא, רבו של הגאון מג״א, והר׳ אברהם הלוי מקראקא היה חתן הגאון הר׳ יושע אבד״ק קראקא בע״מ „מגיני שלמה״ בהרב מו״ה יוסף.

ר׳ לייבוש פון גאָריי האָט אַ נאָמען געגעבן איין זוהן זיינעם ישראל נאָך זיין גרויסען עלטער-זיידען ר׳ ישראל היילפרין און איין זוהן — מענדיל נאָך זיין פאָטער ר׳ מענדיל פון קאָרעץ. ר׳ ישראל איז געוועזן אַ תלמיד־חכם און אַ חסיד, געוואוינט אינם שטעטעל טורבין, איז געוועזן אַ מחותן פונם אלכסנדרער רבין אדמו״ר ר׳ חנוך העניך הכהן לעווין ז״ל און פון איהם זענען אַרויסגעקומען חשובע משפחות א). און ר׳ מענדיל — איז געוועזן דער גרויסער קאָצקער רבי. אָט די ביידע ברידער האָבען זיך גערופען מאָרגענשטערן, בעת זייערע אַנדערע ברידער, זאָגט מען, האָבען זיך גערופען היילפרין. צוליב וועלכער אורזאַך דאָס איז אזוי געוועזן, איז אונז נישט בעקאַנט.

ה. דער קאָצקער רבי האָט אַמאָל געזאָגט: „איך האָב נישט קיין צייט מיך צו יחוס׳ן. נאָר דער קאָזשעניצער מגיד האָט געזאָגט, ווען איך וואָלט געוואוסט, אַז כ׳קום אַרויס פון אברהם יצחק יעקב, וואָלט איך מיר געמאַכט טשאַפּקא נאַ באָק און וואָלט געטאַנצט אַ קאָזיקל אין מיטען מאַרק, אָבער איך ווייס, אַז כ׳קום אַרויס פון אברהם יצחק יעקב״ ב).

דעם ספק, וואָס דער קאָזשעניצער מגיד האָט אויסגעדרוקט וועגען זיין אָבשטאַם, האָבען אויך אויסגעדרוקט מאַנכע פון די חכמי התלמוד. דאַמאָלס ווען זיי האָבען זיך געוואָלט נעמען פרויען, האָבען זיי נעמליך נאָכגעקלעהרט, אויב די פרויען זענען פון אַ ריינער יודישע גזע. מענכע תנאים האָבען זאָגאַר געזאָגט: „פון וואו ווייסען מיר, אַז מיר אַליין זענען פון אַ ריינער יודישער אָבשטאַמונג״ ג). אָט דער ספק איז זיי געקומען דערפון, וואָס ס׳זענען געוועזן צייטען, בעזונדערס צייטען פון מלחמה, וואָס אכזריות׳דיגע גויים האָבען פערגעוואַלדיגט פיל יודישע פרויען.

---

א) מ׳ ברכה שפרה מרים, די טאָכטער פון אלכסנדרער רבין, איז געוועזן די פרוי פון ר׳ מענדלין, דער זוהן פון ר׳ ישראל׳ן פון טורבין. ר׳ מענדיל מאָרגענשטערן האָט געוואוינט אין לאָדז. ער איז געוועזן א תלמיד־חכם, אַ חסיד און אַ הויזבעזיצער. זיינע זיהן זענען געוועזן די בעקאַנטע גערער חסידים ר׳ פנחס לייבוש און ר׳ ישראל מרדכי מאָרגענשטערן פון לאָדז. ב) כ׳האָב דאָס געהערט פון ש״ב אדמו״ר ר׳ הירשלי ז״ל פון ליקעווע אין נאָמען פון זיין פאָטער אדמו״ר ר׳ ישראל ז״ל. ג) זעה קידושין ע״א.

אין יענער צייט האָבען זיך יודען גמאַכט סימנים פון אַ מיוחס'דיגער אָבשטאַמונג. „סימנא דיחוסא שתיקה" האָט מען דאַמאָלס פעסטגעשטעלט, ד. ה., דער, וועלכער ביי אַן אויסגעבראָכענער מחלוקה איז דער ערשטער וואָס שווייגט און קריגט זיך נישט, אָט דאָס איז אַ סימן, אַז ער שטאַמט פון אַ ריינער יודישער גזע א).

אָבער דער קאָצקער רבי האָט מיט אַ פעסטער דֵעה פערזיכערט, אַז ער קומט אַרויס פון אברהם יצחק יעקב. איך דערלויב מיר צו זאָגען, אַז ער האָט געזעהען די שלשלת היוחסין זיינע, וואָס איז פון גאונים, צדיקים און קדושים פון דור דורות. דערפאַר האָט ער געקאָנט מיט אַ זיכערהייט אַזוי פעסטשטעלען. און אפשר האָט ער נאָך געהאַט אַנדערע סימנים. אפשר האָט ער זיך געשטיצט אויפן מאמר חז"ל (קידושין ע' ע"ב): כשהקב"ה משרה שכינתו אין משרה אלא על משפחות מיוחסות שבישראל, (ווען דער אייבער־שטער מאַכט רוהען זיין שכינה, מאַכט ער נאָר רוהען אויף מיוחס'דיגע משפחות פון יודען). באמת האָט מען ביים קאָצקער רבין אויך בעמערקט דעם דערמאַנטען סימן פון יחוס, דהיינו, זיין פערמיידען זיך צו קריגען מיט עמיצען. דאָס האָט ער נעמליך געטהון דאַמאָלס, ווען ער האָט פערלאָזט זיין וואוינ־שטאָט טאָמאַשאָוו, צוליב אַ מחלוקה, וואָס מען האָט קעגען איהם געפיהרט, אַזוי אויך דאַמאָלס, ווען אַ גרויסער חסיד זיינער האָט קעגען איהם מורד געווען, ווי מיר וועלען ווייטער שרייבען — געקריגט האָט ער זיך נישט. אַזוי האָט אויך געטהון, ווי דערמאנט, זיין גרויסער זיידע ר' דוד היילפרין ב).

דער קאָצקער רבי האָט טאַקי אַ נאָמען געגעבען דעם ערשטען זוהן זיינעם דוד, נאָך זיין גרויסען זיידען ר' דוד היילפרין, און דער ר' דוד האָט אין אַ צייט אַרום אַ נאָמען געגעבען איינעם פון זיינע זיהן „יעקב יושע", נאָך דעם גאון, דעם מחבר פונם ספר „מגיני שלמה", און איינעם — „ישראל", נאָכן גאון ר' ישראל היילפרין. מן הסתם האָט ר' דוד דאָס געטהון מיט דער הסכמה פון זיין גרויסען פאָטער.

זעהט מען, אַלזאָ, קלאָר, אַז דער קאָצקער רבי האָט באמת געשטאַמט פון גרויסען יחוס, נאָר ער האָט זיך נישט קיין צייט גענומען, וועגען איהם צו שמועסען ג). (זעה ווייטער קאַפיטל 18).

---

א) זעה גמרא קידושין ע"א. ב) אַזוי געפונען מיר אויך אין דער גמרא (חולין פ"ט ע"א) אין העולם מתקיים אלא בשביל מי שבולם את עצמו בשעת מריבה (די וועלט דערהאַלט זיך נור צוליב דעם, וואָס פערשליסט זיך ביי אַ מחלוקה) ד. ה. ער האַלט צו זיין מויל און שווייגט. ג) ס'איז אַ געמיינער שקר דאָס, וואָס שטעהט אינם ספר'ל „קוצק" עמוד 48: „הוא ממשפחה פחותה ודלה לא בנן של קדושים ולא נכד, לא בר אבהן ולא זכות אבות". זעהר אַ קנאַפע ידיעה האָט דער מחבר פון „קאָצק" אין דער משפחה פון קאָצקער רבי. ער שרייבט, למשל, אויף זייט 55, אַז דער קאָצקער רבי איז געווען אַן איידעם פון „חידושי הרי"ם'ס" פאָטער, וואָס איז געווען אַ גביר. דאָס איז אויך אַ שקר גמור. דער חידושי הרי"ם'ס פאָטער, ר' ישראל, איז געווען אַ רב אין גער. דער קאָצקער רבי איז ערשט געוואָרען אַ שוואָגער פון חידושי הרי"ם, ווען ער האָט גענומען אַ זיווג שני, היינו, די שוועסטער פון זיין פרוי.

## ב. די קינדער יאָהרען פונם קאָצקער רבין.

א. ס׳ווערט דערצעהלט, אַז דאַמאָלס ווען דער קאָצקער רבי איז נאָך געווען אַ קינד פון 3 יאָהר האָט איהם שוין בעגייסטערט דער געדאַנק פון אַן אויבערשטער השגחה, אַזוי ווי אַן אגדה דערצעהלט וועגען אברהם אבינו (נדרים נ״א). און ווען ער האָט אָט וועגען דעם געטראַכט, איז ער אַריין אין אַן אויפרעגונג, אַן התלהבות, זאָגענדיג דעם פסוק (תהלים פ״ד): לבי ובשרי ירננו אל אל חי (מיין האַרץ און מיין קערפער זינגען צום לעבעדיגען גאָט). טיילמאָל איז ער אין אַזאַ אויפגערעגטען צושטאַנד געהאָפּקעט, געשפּרינגען אין אַ בלאָטע אַריין, איז אומגעפאַלען און פערלוירען זיינע חושים. און דאַמאָלס ווען ס׳האָט איהם קינדווייז עפּעס געפעהלט, פלעגט ער זאָגען, „כ׳וועל בעטען צו מיין גאָט, וועט ער מיר עס געבען״ א).

ב. קינדווייז האָט ער געלערנט אין די חדרים פון זיין געבורטס שטעטעל גאָריי. זייענדיג אַן עלוי מיט אַ חשק צום לערנען, איז ער אַ וודאי דאָרט געווען דער אויסגעצייכנעטסטער תלמיד. ס׳האָט אָבער נישט לאַנג געדויערט, איז פאַר איהם מעהר אין גאָריי קיין פאַסיגער מלמד נישט געווען. מ׳האָט, אַלזאָ, געמוזט זוכען פאַר איהם אַ גרויסען מלמד, אַ גאון, ביי וועלכען ער זאָל קענען האָבען אַ תכלית. דאַמאָלס האָט ער פערלאָזט זיין פאָטערס הויז און איז געפאָהרען קיין זאַמאָשטש, כדי צו לערנען אין דער ישיבה פון דאָרטיגען רב, דעם בעוואוסטען גאון ר׳ יוסף הויכגעלערנטער, דער מחבר פונם ספר „משנת חכמים״. (לעמבערג תקנ״ב) ב).

ר׳ יוסף הויכגעלערנטער איז געווען איינער פון די גרעסטע גאונים אין זיין צייט, וועלכער האָט מרביץ תורה געווען און אויסגעשטעלט פיל תלמידים. ער האָט פערפאַסט פיל ספרים, אָבער געדרוקט איז בלויז געוואָרען דאָס דערמאָנטע ספר ג). אָט דער גאון, וואָס איז געווען גרויס סיי אין הלכה סיי אין אגדה, האָט אַ וודאי געהאַט אַ גרויסע השפעה אויפן גאָרייער עלוי, ווייזענדיג איהם דעם אמת׳דיגען דרך אין די דערמאָנטע געביעטען פון דער תורה.

ג. אין משך פון 1795 ביז 1809, פאַר דער דריטער טיילונג פון פּוילען, האָט די וואָיעוואָדסטווא לובלין אָנגעהערט צו עסטרייך. און אין דער עסטרייכישער מלוכה איז געווען דאַמאָלס אַ געזעץ, לויט וועלכען די יודישע בעפעלקערונג מוז לערנען די דייטשע שפּראַך און אַנדערע עלעמענטאַרע וועלטליכע למודים און יעדער בחור, וואָס נעהם נעמען אַ פרוי, מוז קענען אַ מלאכה, דורך וועלכער ער זאָל קענען דערנעהרען אַ פאַמיליע. צוליב דעם איז דער גאָרייער עלוי, ר׳ מענדיל, געווען געצוואונגען, אָט דאָס

---

א) ספר שיח שרפי קודש ח״ג עמוד 9. ב) ס׳ שש״ק ח״א עמוד 59. כ׳האָב געהערט זאָגען, אַז אין זאַמאָשטש האָט געוואוינט זיינס אַ שוועסטער, ביי וועלכער ער האָט זיך אויפגעהאַלטען. אָבער נישט אין זאַמאָשטש האָט ער זיך דערצויגען, ווי ס׳ברענגט דער דערמאָנטער שרייבער פון תל־אביב. ג) אין „שם הגדולים החדש״ שטעהט וועגען איהם: הוא הגאון האמתי מאיר הגולה פאר הדור והדרו, נזר ישראל ותפארתו בן הגאון הגדול המפורסם ר׳ יעקב יצחק ז״ל, ושמו יקר מאד על כל הארץ והאיר עיני ישראל בתורתו וצדקתו ובחבורו משנת חכמים על הרמב״ם ז״ל ס׳ המדע.

אַלעס צו לערנען. אַלס מלאכה האָט ער געוועהלט דאָס פאַך פון אויספּערטיגען מעדיצינען, פאַרמאַציע, וואָס ער האָט דערלערנט אין לעמבערג א).

נוי ווייט ער האָט געקענט די פאַרמאַציע, איז נישט בעקאַנט. אויסגענוצט אַלס אַ פרנסה האָט ער עס געוויס נישט. ס׳האָט נאָר געהייסען, אַז ער איז אַ פאַרמאַצעווט, כּדי ער זאָל זיין בערעכטיגט צו טהון אַ שידוך. אָבער אַ ידיעה אין דעם פאַך, האָט ער שוין געוויס געהאַט. ער פלעגט טאַקי כּל ימיו לייענען די רעצעפּטען, וואָס דאָקטוירים האָבען איהם און זיינע נאָהנטע חסידים פערשריבען און אַרויסזאָגען איבער זיי זיין מיינונג.

---

## ג. רבי מנחם מענדיל האָט חתונה געהאַט און זיך בעזעצט אין טאָמאַשאָוו.

א. אין יאָהר תקס״ז, ווען ר׳ מענדיל איז אַלט געווען 20 יאָהר, האָט ער חתונה געהאַט פון טאָמאַשאָוו (לובל. וואָיעוו.) מיט דער בתולה גליקל, די טאָכטער פון אַ דאָרטיגען חשוב׳ן בעל־בית ר׳ אייזיק ניי. כאָטש אין יענער צייט איז געווען איינגעפיהרט ביי יודען אין פוילען, בעזונדערס ביי שטרענג אָרטאָדאָקסישע יודען, חתונה צו האָבען אין פריהער יוגענד, דאָך האָט ר׳ מענדיל בנוגע זיין פערזאָן דאָס נישט געוואָלט, מיט דער מאָטיווירונג אַז „נפשו חשקה בתורה״, אַז ער האָט חשק צו לערנען תורה. אַזוי האט זיך געפיהרט בן עזאי, ער האט נישט גענומען קיין פרוי, טענה׳נדיג: מה אעשה שנפשי חשקה בתורה, וואס קאָן איך טהון, אַז מיך גלוסט צו לערנען תורה.

אָבער ווען ער איז אַלט געוואָרען 20 יאהר, האָט ער זיך געווענדעט צו זיין פאטער מיט אַ ביטע, ער זאל טהון מיט איהם אַ שידוך. מן הסתם דערפאַר, וואס דער תנא ר׳ ישמעאל האָט געזאָגט (קידושין כ״ט): „עד כ׳ שנה יושב הקב״ה ומצפה לאדם מתי ישא אשה, כיון שהגיע עשרים שנה ולא נשא אשה, אומר, תיפּחנה עצמותיו של אותו האיש״. (ביז 20 יאהר וואַרט דער אייבערשטער דעם מענש, ווען ער וועט שוין נעמען אַ פרוי, ווען ס׳דערגרייכען 20 יאהר און ער האָט נאָך קיין פרוי נישט גענומען, זאָגט דער אייבערשטער, זיינע ביינער זאָלען געשוואָלען ווערען). ווען ר׳ לייבוש מארגענשטערן האט דאָס געהערט פון זיין זוהן, איז ער באַלד געפאָהרען קיין טאָמאַשאוו, אַ שטאָט וואָס ליגט נישט ווייט פון גאָריי, און האָט אויסגעזוכט אַ פאַסענדען שידוך פאַר איהם ב).

ר׳ אייזיק ניי, דער שוועהר פונם קאצקער רבין, איז געווען אַ פערמעגליכער, זעהר אַן אַנשטענדיגער בעל־בית. ער האט צוגעזאגט דעם איידעם זיינעם אַ היבשען נדן און „עולמית קעסט״, ווי דער שטייגער איז דאַמאָלס

---

א) אַזוי האָט מיר דערצעהלט הרב הגביר ר׳ אברהם חיים טרונק, וואָס ער האָט עס געהערט פון אדמו״ר ר׳ הירש פון לאָמאַז, אַן אייניקעל פון קאָצקער רבין. ב) אַזוי האָט מיר דערצעהלט דער קאָצקער רב ש״ב אדמו״ר ר׳ יוסף שליט״א, אַן אור־אייניקעל פונם ערשטען קאָצקער רבין. דאָס, וואָס אַנדערע שרייבען, אַז ער האָט חתונה געהאָט, אַלטזייענדיג 14 יאָהר און ער האָט בעקומען טויזענד רובעל נדן, שטימט נישט מיט דער ווירקליכקייט.

געווען, און אין דעמזעלביגען יאהר איז נאך פאָגעקומען די חתונה אין סאָמאָשאוו, וואו ר׳ מענדיל האט זיך בעזעצט.

אַ וואָרט פון ר׳ אייזיק׳ן איז געבליבען אין זכרון פון דער משפחה, וואס טהוט איהם אייניגערמאסען כאראַקטעריזירען. דאַמאלס נעמליך ווען ר׳ דוד, דעם קאצקער רבינס זוהן, איז געפאָהרען צו זיין חתונה און איז געגאַנגען צו זיי זיידען ר׳ אייזיק, זיך מיט איהם צו געזעגנען, האט איהם ר׳ אייזיק געזאגט: „דוד, בעהאַנדעל די מענשען גוט, וועלען מענשען דיך אויך גוט בעהאַנדלען״. טיילמאָל האט דער קאצקער רבי דערמאנט זיין זוהן ר׳ דוד׳ן, אַז ער זאל האַלטען די צוואה פון זיין זיידען א).

ב. ר׳ מענדיל איז געווען אינגאַנצען איבערגעגעבען צו תורה, חסידות און קדושה. דאָס חסידות-געפיהל פון זיין גרויסען זיידען ר׳ דוד היילפרין, דער תלמיד פון בעש״ט, האט זיך ביי איהם דערוועקט ב).

פון סאָמאָשאוו האָט ער געמאַכט זיין ערשטע נסיעה צום רבין פון לובלין. וועגען אָט די נסיעה האט ער אין אַ צייט אַרום דערצעהלט דעם איידעם זיינעם, דעם סאָכאַטשאָווער רבין:

„ווען כ׳בין ס׳ערשטע מאָל געקומען צום הייליגען „חוזה״ פון לובלין, כאָטש כ׳בין נאָך גאַנץ יונג געווען, האט ער מיך זעהר מכבד געווען, און געשיקט זיין משמש צו מיר אין דער אכסניא אריין, מיר צו זאָגען, אַז דער רבי בעט מיך, כ׳זאָל קומען אין דער פריה דאַווענען אין זיין מנין, וועלכעס ס׳איז בעשטאַנען פון די גרויסע חבריא קדישא. און דערנאָך האָב איך גע-ברויכט פיל יאָהרען צו אַרבייטען, כדי אָט דעם כבוד אַרויסצורייסען פון צווישען די צייהן״.

דער קאצקער רבי האָט נעמליך אָנגערופען די דריי מדות: „קנאה, תאוה, כבוד״, דריי קרעטשמעס. די ערשטע צוויי, האָט ער געזאָגט, איז איהם לייכט געווען בייצוקומען, אָבער ביי די לעצטע קרעטשמע פון כבוד האָט ער געהאַט אַ שווערע אַרבייט. דערויף האט ער דערצעהלט די דער-מאנטע מעשה, וואָס ער האט געהאַט ביי זיין ערשטער נסיעה צום רבין פון לובלין. וואָס פאַר אַ שטייגער כבוד ער האט נעמליך געמיינט, אָבער נישט קיין כבוד פון עולם הזה ג).

פון אָט דער מעשה זעהט מען קלאָר, אַז אדמו״ר רבי מענדיל איז ערשט נאָך זיין חתונה געפאָהרען צום רבין פון לובלין, נישט ווי אַ לעגענדע דערצעהלט, (ספר „נפלאות היהודי״ עמוד 52), אַז דער „חוזה״ האָט, דערשפירענדיג אַ „ניצוץ קודש״, וואָס ס׳איז פערהאַן אין גאָריי, בעפוילען אַ חסיד זיינעם, וואס איז צו איהם געקומען פון גאָריי, אַז ער זאָל דעם „ניצוץ־קודש״ צו איהם ברענגען. דער חסיד האָט שטאַרק געזוכט און איז דורך גרויסע בעמיהונגען דערגאַנגען, אַז ער האָט דאָס געמיינט דעם בחור

---

א) געהערט פון קאַצקער רב אדמו״ר ר׳ יוסף שליט״א. ב) מען דערצעהלט, אַז דער פאָטער זיינער, וואָס איז געווען אַ מתנגד, האָט איהם אַ פאָרוואורף געמאַכט, פאַרוואָס ער פער-לאָזט דעם יודישען דרך פון זיין פאָטער און בעהעפט זיך צו חסידים. האָט ער געענטפערט: פריהער שטעהט אין פסוק: זה אלי ואנוהו, ד. ה., כ׳מוז דיענען דעם אייבערשטען לויט מיין פערשטאַנד, און דערנאָך שטעהט: אלקי אבי וארוממנהו. ג) ספר אביר הרועים עמוד צ״ד.

ר׳ מענדלין, און ער האָט איהם טאַקי צו איהם געבראַכט. אָט דאָס, זעהט אויס, איז נישט וואהר א), ווארום אַ בחור׳ל וואָלט דער רבי פון לובלין אַ חדאי נישט פערבעטען צו זיין מנין ב).

אָבער אדמו״ר ר׳ מענדיל, נישט פערשטעהענדיג אין זיין יוגענד דאָס גרויסקייט פון רבין פון לובלין ג), איז נישט געבליבען זיין חסיד, נאָר איז געפאָהרען קיין פשיסחא צום „יוד הקדוש״ און איז געוואָרען זיינס אַ תלמיד מובהק, איינער פון זיינע שעהנסטע חסידים. דער „יוד הקדוש״ האט איהם באַלד ביי זיין אָנקומען געזאָגט דעם פסוק (איכה ג׳): טוב לגבר כי ישא עול בנעוריו (ס׳איז גוט פאַר אַ מענש, ווען ער טראָגט אַן עול אין זיין יוגענד). „אָט די ווערטער״ האָט דער קאָצקער רבי שפּעטער געזאָגט, „זענען איהם אַריין אין אַלע זיינע רמ״ח אברים און שס״ה גידים״ ד). אַמאָל האט דער רבי פון לובלין געפרעגט דעם „יוד הקדוש״, אויב ער האָט עפּעס גוטע יונגע לייט. „מענדיל פון טאָמאַשאוו — האָט ער געענטפערט — וויל האָבען יראת שמים״ ה).

ג. אין יאהר תקע״ד י״ט תשרי איז ר׳ יעקב יצחק דער אַזויגערופענער „יוד הקדוש״, נפטר געוואָרען. דאַמאלס האָט זיך זיין עולם צוטיילט. אַ טייל איז געפאָהרען צו זיין זוהן ר׳ ירחמיאלן, אַ טייל — צו זיין איידעם ר׳ משה׳ן, אַ זוהן פון ר׳ דוד׳ן פון לעלעוו, אָבער ס׳רוב פון זיינע חסידים האָבען זיך גענומען פאַר אַ רבין דעם בעריהמטען חסיד ר׳ שמחה בונם באָטהאַרד פון פשיסחא, וואָס אויף איהם האָט אַמאָל דער „יוד הקדוש״ געזאָגט, אַז ער איז די נקודה פון זיין האַרץ און איהם האָט ער איבערגעלאָזט דעם אוצר פון יראת שמים ו). אין אַ יאהר אַרום האָט זיך דער פשיסחער עולם פאַרגרעסערט, ווארום אין ט׳ באב תקע״ה איז דער חוזה פון לובלין נפטר געוואָרען, און אַ טייל פון זיינע חסידים זענען דאַן געפאָהרען צום רבין ר׳ בונם. און ר׳ מענדיל פון טאָמאַשאָוו איז אויך געוואָרען אַ הייסער חסיד זיינער. ער אַליין האָט זיך באמת געהאַלטען פאַר זיינס אַ תלמיד, בעת אַ סך פון זיינע חסידים האָבען איהם בעטראַכט פאַר זיינס אַ חבר, ס׳זענען אויך צווישן זיי געווען אַזעלכע, וואָס זענען נאָר געפאָהרען קיין פשיסחא צוליב דעם, וואָס דאָרטען וועלען זיי טרעפען ר׳ מענדלין פון טאָמאַשאוו ז).

וועגען זיין פשיסחער רבין האָט אַמאָל ר׳ מענדיל געזאָגט: דער רבי פון לובלין האָט געהאַט, עהנליך צו דעה חיה תחש, אַ סך פאַרבען. יעדע־רער פון זיינע תלמידים האָט זיך אנגעאייגענט איינע אַ פאַרב זיינע: דער תורה, דער מצות, דער מדות, אָבער דער עיקר רבי, וואָס ער האָט אין זיך געהאַט, וואָס ס׳איז יראת שמים, אָט דאָס האָט גענומען מיין רבי פון פשיסחא ח).

---

א) כמילא האָבען אויך, ווי ס׳זעהט אויס, די מעשיות, וואָס ווערען דאָרט אין צוזאַמענ־האַנג דערמאָנט, נישט קיין יסוד. ב) דער קאָצקער רב אדמו״ר ר׳ יוסף שליט״א האָט מיר אויך געזאָגט, אַז דער קאָצקער רבי איז ערשט נאָך זיין חתונה געפאָהרען צום חוזה פון לובלין. ג) אַזוי האָט ער אַליין אין אַ צייט אַרום געזאָגט. (נפלאות היהודי עמוד מ״ד). ד) ר׳ יוסף לעווענשטיין, מרום הרי״ם וצוף הרי״ם דף י׳ ע״ב. ה) נפלאות היהודי עמוד 53. ו) נפלאות היהודי עמוד 15. ז) מאיר עיני הגולה אות קנ״ג. ח) שיח כתבי קודש ח״ג עמוד 9.

ד. אדמו״ר ר׳ מענדלין איז עס אין טאָמאַשאוו בנוגע זיין רוחניות׳דיקן שטרעבען גוט געגאַנגען. ער האָט נעמליך דאָרט קונה שלמות געווען אין ענינים פון תורה, חסידות און קדושה, און האָט אויך אויסגעווירקט אַן השפּעה אויף זיין סביבה. אָבער בנוגע זיינע חומריות׳דיקע בעדערפענישען, האָט ער געהאַט אַ סאַך צו ליידן. ערשטענס האָט ער געהאַט אויסצושטעהן פון „צער גידול בנים״. ס׳זענען איהם נעמליך עטליכע קינדער קליינערהייט געשטאָרבען. ס׳איז איהם מעהר נישט געבליבען בלויז דער איינציגער זוהן זיינער ר׳ דוד.

דער חסיד ר׳ פּרץ פון הוראדלי האָט דערצעהלט:

כ׳בין אַמאָל ביי איהם געווען, וועלענדיג איהם מנחם זיין דאַמאָלס, ווען ער איז געזעסען שבעה, האָב איך געזעהען, ווי זיין זוהן ר׳ דוד זיצט ממש אויף דער ערד, האָב איך איהם געפרעגט, פאַרוואָס ער טהוט זיך אַזוי פּייניגען, האָט מיר ר׳ מענדיל געענטפערט, אַז ער וועט נאָך אַמאָל זיין אַ ראש און אַ חשוב א).

אויך האָט ער פיל געליטען פון מאַנגעל אין פּרנסה. דער שווער זיינער האָט איהם טאַקי צוגעזאָגט „עולמית קעסט״, אָבער נישט אייביג האָט ער דאָס געקאָנט מקיים זיין. ס׳האָבען זיך אויך געטראָפען מענשען, וואָס האָבען איהם געוואָלט מהנה זיין מיט אַ מטבע, אָבער ר׳ מענדיל איז נישט געווען דער, וואָס וויל אָננעמען נדבות פון מענשען אפילו בדרך הכבוד. זאָגאַר פון דער בעוואוסטער גביר׳טע תמר׳ל זאנענבערג פון וואַרשאָ, האָט ער נישט געוואָלט נעמען קיין אונטערשטיצונג, כאָטש זי וואָלט איהם דאָס גאַנץ גערען געטהון ב).

ה. תמר׳ל, די פרוי פון וואַרשאָווער גביר און נדבן ר׳ מיכאל זאָנענבערג, וואָס איז געווען אַ זוהן פון ר׳ שמואל זביטקאווער איז געווען אַן אמת׳ע אשת חיל, האָט געפיהרט גרויסע געשעפטען, געווען אַ ליפעראַנטקע פאַר דער רוסישער מלוכה, דערצו — אַ צדיקת, געטהון מעשים טובים, בעזונדער געשטיצט צדיקים און חסידים. ביי איהרע גרויסע אונטערנעמונגען האָט זי מיינסטענס געגעבען בעשעפטיגונג צו גרויסע פרומע יודען ג). זי איז די מוטער פון די רייכע וואַרשאווער בערגזאָנס.

אַמאָל האָט דער בעוואוסטער צדיק ר׳ פייוועל דאַנציגער, דער אַמאָליגער רב פון גריצע, דער פאָטער פונם אלכסנדרער רבין ר׳ יחיאל ז״ל, געזאָגט צו ר׳ מענדלין, זייענדיג אין פשיסחא, אַז ער וואָלט געקאָנט קריגען געלד פון תמר׳לן. דערויף האָט ר׳ מענדיל אויפגערעגטערהייט געגעבען אַ שפּיי, זאָגענדיג: וואָסז געלדז — שפּעטער האָט ר׳ פייוועל געזאָגט,

---

א) ספר שיח שרפי קודש ח״ג עמוד 9. ב) ס׳ ישמח ישראל פון אלכסנדרער רבין זצ״ל.
ג) מען דערצעהלט, אַמאָל איז דער רבי ר׳ בונם געווען אין אַ קוראָרט אין פּרייסען, דאָרטען זענען אויך געווען זיינע גרויסע תלמידים ר׳ מענדיל פון קאָצק, ר׳ יצחק פון וואָרקע, ר׳ יצחק מאיר פון וואַרשאָ און ר׳ יעקב ארי׳ פון ראַדזימין, און זייער קאַסע בעשטאַנד האָט זיך אויסגעלאָזט. אין אַ פריהמאָרגען האָט דער רבי ר׳ בונם געזאָגט צו זיינע תלמידים: היינט וועט אַ רווחה קומען. תמר׳ל איז געקומען צופאָהרען, האָט מיטגעבראַכט אַ שעהן ביסעל געלד פאַר זיי, און האָט געכאַפּט זייערע העמדער און אויסגעוואַשען. קונטרס „עץ אבות״ עמוד 4 אין ספר „חידושי מהרא״ך״.

אַז ר׳ מענדיל האָט איהם דערמיט אַזוי פערמיאוסט געלד, אַז ער האָט עטליכע וואָכען דערנאָך נישט געקאָנט קוקען אויף אַ מטבע א).

אָבער דאָך פון איין מענש איז ער געווען איינפערשטאַנדען אָנצונעמען געלד אויף זיין פרנסה, דאָס איז געווען דער גרויסער חסיד, תלמיד חכם און גביר ר׳ משה מיכל גיווערץ פון זאַמאָשטש

ו. ר׳ משה מיכל איז געווען אַ זוהן פונם בעוואוסטען גאון און מקובל ר׳ אליעזר פישל, אַ רב אין סטריזוב (גאַליציען), דער מחבר פון די קבלה־ספרים „עולם הגדול״, „עולם אחד״ און „עולם ברוך״. ר׳ משה מיכל האָט חתונה געהאַט מיט דער טאָכטער פונם זאַמאשטשער גביר ה׳ מרגליות, וועלכער האָט איהם געגעבען אַ נדן פון אַן ערך הונדערט טויזענד רובל. אַזוי אַרום איז דער תלמיד הכם ר׳ משה מיכל, וואָס האָט זיך בעזעצט אין זאַמאָשטש, אויך געוואָרען אַ גרויסער גביר. און ער איז געווען אי׳נער פון די שענסטע פשיסחער חסידים. אָט דער ר׳ משה מיכל האָט געגעבען ר׳ מענדלין, עטליכע רובל וועכענטליך אויף פרנסה.

אַמאָל, דערצעהלט מען, האָט אדמו״ר רמ״מ פון איהם אויך נישט גע־וואָלט אָננעמען קיין געלד. האָט ר׳ משה מיכל איהם געפרעגט פאַרוואָס? האָט אדמו״ר רמ״מ געענטפערט: זאָלסט וויסען, אַז צו יעדער פרנסה פונם מענש איז פערהאַן אַ סיבה. אָבער אַז דער כביכול וויל דעם מענש אויס־פרובען, אויב ער איז תולה זיין פרנסה אין דער סיבה אָדער אינם כביכול, וואָס איז מסבב כל הסיבות, דאַמאָלס נעמט ער פון איהם אַוועק די סיבה. אין צווייטען פאַל גיט ער איהם ווייטער פרנסה. הייגט די סיבה פון מיין פרנסה ביזטו. טאָמער וויל מיך דער אייבערשטער אויספרובען און פון מיר אַוועקנעמען אָט די סיבה, אַזוי אַרום ווערסטו דאָך מוזען ווערען אַן אָרימאַן, כדי זאָלסט מיך נישט מפרנס זיין. צוליב דעם וויל איך מסלק זיין מיין פרנסה פון דיר, כדי זאָלסט נישט ווערען אַן אָרימאַן דורך מיר. אויף דעם האָט ר׳ משה מיכל געענטפערט: „פונדעסטוועגען וויל איך נישט אויפהערען פון מיין אייגענעם ווילען צו זיין די סיבה פון אייער פרנסה״. ר׳ משה מיכל האָט אין איהם מפציר געווען, אַזוי אַז ער האָט ווייטער אָנגענומען פון איהם דאָס געלד אויף זיין פרנסה.

דער סוף איז געווען, אַז ר׳ משה מיכל איז טאַקי געוואָרען אַן אָרימאַן. אָבער בינתיים איז אדמו״ר רמ״מ געוואָרען דער בערימטער קאָצקער רבי, און ער האָט פערשאַפט ר׳ משה מיכל׳ן דאָס כסא רבנות פון גרויס ביאַלע, וועלכעס ער האָט פערנומען ביז זיין לעצטען טאָג ב).

מען דערצעהלט, אַז דער קאָצקער רבי האָט זיך נאָכגעפרעגט, וואָס ר׳ משה מיכל האָט געזאָגט אין ביאַלע, האַלטענדיג זיין ערשטער דרשה, אין דער ביאַלער שוהל. מען האָט איהם דערצעהלט, אַז ר׳ משה מיכל האָט צוו. אַנ. געזאָגט אויף דעם פסוק, „והיה כשבתו על כסא ממלכתו״ (דברים י״ז י״ח). ד. ה. „אַ רב דאַרף תמיד זיין אַזוי גוט, מיט דעמזעלביגען

---

א) ספר ישמח ישראל פון אלכסנדרער רבין זצ״ל. ב) ספר שיח שרפי קודש ח״ב אות שפ״ת.

ברען און התלהבות, ווי ער איז דאַמאָלס, ווען ער זעצט זיך ערשט אויף זיין רבנות־שטוהל". אָט דאָס געזאָגטע האָט דעם קאָצקער רבין שטאַרק געפאָלען א). (נפטר געוואָרען י"ט חשון תרט"ו).

## ד. דער רבי ר' בונם און זיין תלמיד רבי מענדיל פון טאָמאַשאָוו.

א. דער רבי ר' בונם איז געבוירען געוואָרען אין יאָהר אַן ערך תקכ"ב ב) אין וואָידיסלאוו, וואו זיין פאָטער ר' הירש, דער מחבר פון „עשרה למאה", איז געווען אַ מגיד. זייענדיג אַן עלוי, האָט איהם זיין פאָטער געשיקט קיין מאַטערסדאָרף (אונגאַרן), כדי צו לערנען אין דער ישיבה פונם בעוואוסטען גאון ר' ירמיה. נישט וועלענדיג ציהען פרנסה דורך זיין למדנות, איז ער געפאָהרען קיין דאַנציג, וואו ער האָט זיך אויסגעלערנט דאָס פאַך פאַרמאציע. טראָצדעם וואָס ער איז געוואָרען אַן אויסשטודירטער אַפּטייקער, איז ער אויך געוואָרען אַ גרויסער חסיד. מ'זאָגט, אַז ער האָט זיך ערגעץ צוזאַמענגעטראָפען מיטן בעוואוסטען צדיק ר' דוד'ן פון לעלעוו, וועלכער האָט אויף איהם משפיע געווען, צו ווערען אַ חסיד און צו פאָהרען צום „חוזה" פון לובלין. ר' בונם האָט חתונה געהאַט און זיך געמאַכט אַן אַפּטייק אין פשיסחא. אין אַ צייט שפּעטער האָט ער זי געמוזט אַוועקלייגען, צוליב דעם וואָס ס'איז אַרויס אַ גזירה, אַז יודען טאָרען קיין אַפּטייק נישט האָבען ג). אין לובלין איז ער בעקאַנט געוואָרען מיטן „יוד הקדוש", איז געוואָרען זיין חסיד, און נאָך זיין פטירה איז ער, ווי אויבען געזאָגט, געוועהלט געוואָרען פאַר אַ רבי, צו וועלכען רבי מענדיל פון טאָמאַשאָוו איז אויך געפאָהרען.

ב. דער רבי ר' בונם האָט געזאָגט, אַז אַ מענש דאַרף זיך מאַכען אַ רבי פון דער ערדישער וועלט (עולם התחתון) און אַ רבי פון דער הימלישער וועלט (עולם העליון), ד. ה. אַזאַ רבי, וואָס איז שוין נפטר געוואָרען, האָט אָבער איבערגעלאָזט ספרים, אין וועלכע מ'דאַרף לערנען. אַלס אַזאַ רבי האָט ער זיך געמאַכט דעם מהר"ל פון פראָג ד). און אָט דעם למוד האָט אויך זיין גרויסער תלמיד רבי מענדיל אָנגענומען ה).

דער רבי ר' בונם האָט איינגעפיהרט אַ נייע שיטה אין חסידות. אַנשטאַט דאָס הייליגע התלהבות און האַרצגעפיהל פונם אַלטען חסידות, האָט ער געשטעלט דאָס הערשען פונם שכל, וואָס איז אינם מוח, און אַלס הויפּט יסוד פון דעם חסידות, האָט ער געשטעלט דעם עיון אין תלמוד און

---

א) זעה אין מיין ספר „פון דער סדרה" אויף אָט דעם פסוק. ב) אַ בעווייז דערצו איז דערפון, וואָס ער איז נפטר געוואָרען תקפ"ז אין עלטער פון עטליכע זעכציג יאָהר. ג) ס'ווערט דערצעהלט, אַז זייענדיג דאַמאָלס אין דער שלעכטער לאַגע, אַוועקצולעגען די אַפּטייק זיינע און צו בלייבען אַ בעל־חוב פון עטליכע הונדערט רובל, איז ער געפאָהרען קיין קראָקאָ און מתפלל געווען בייִם קבר פון רמ"א. באַלד דערנאָך, געהענדיג אין גאַס, האָט איהם געפרעגט אַ קריסט, אויב ער ווייסט נישט, וואו ער קאָן אָבקויפען אַן אַפּטייק. דעמזעלביגען האָט ער זיין אַפּטייק גוט פערקויפט. תורת שמחה סי' רע"ד. ד) תורת שמחה. ה) ספר שיח שרפי קודש ח"ד עמוד 11 אין נאָמען פון סאָכאַטשאָווער רבי.

אין די ספרים פון מהר״ל. דאַגעגען האָט ער אינגאַנצען פערלאָזט דעם עיון אין קבלה־ספרים אין סתרי תורה, מאָטיווירענדיג, אַז אין היינטיגען דור איז נישט פערהאַן, ווער ס׳זאָל קענען חכמת הקבלה. ער האָט נאָר געזאָגט תורות לויט מאמרים פון תלמוד און מדרשים אָבער נישט פון סתרי תורה א).

מיט זיינע גרויסע חסידים, וועלכע מ׳האָט גערופען „חבריא קדישא", פלעגט ער יעדען טאָג לערנען אַ שיעור גמרא מיט תוספות און רמב״ם. ביים לערנען האָבען זיי זיך מפלפל געווען, מ׳האָט געפרעגט קשיות און געזאָגט תירוצים. און ווען איז געווען דעם, וואָס האָט אין פערלויף פון אַ קורצער צייט גאָרנישט געפרעגט און גאָרנישט געענטפערט, וואָרום דעם האָט מען געהייסען מוחל זיין פונם שיעור ב).

איינס פון די יסודות פון זיין חסידות איז געווען „הצנע לכת", אַז מ׳דאַרף בעהאַלטען, פערבאָרגען דאָס יודישקייט, די גוטע מדות, פאַר מענשען, און זיך עפענטלעך אַזוי שטעלען, אַ שטייגער מ׳וואָלט גאָרנישט מקיים געווען אַלע מצות. זיי האָבען אויך נישט מדקדק געווען צו דאַווענען תפלה בזמנה. אָט דער נייער גאַנג אין חסידות האָט אַרויסגערופען אַ התנגדות אויפן פשיסחער רבין, סיי מצד פרומע מתנגדים סיי מצד חסידים פון אַנדערע רביים.

ג. אַמאָל האָט זיך געמאַכט אַ בעוועגונג ביי זיינע געגנערישע רביים, אויסצודרוקען אַן עפענטליכען פראָטעסט קעגען פשיסחער חסידות און גאָר דעם פשיסחער רבין מחרים צו זיין. ס׳האָט זיך נעמליך זיי געבאָטען אַ גוטע געלעגענהייט דערצו. אינם שטעטעל אָסטיליע, וואו ס׳האָט געוואוינט דער צדיק ר׳ יוסף פון האָרבאַשוב, אַ זוהן פונם צדיק ר׳ מרדכי פון נעשחיז, איז געפראַוועט געוואָרען אַ גרויסע רבי׳שע חתונה, צו וועלכער ס׳האָבען זיך פערזאַמעלט אַן ערך 200 רביים און רבנים. דאָרט האָבען זיי געפונען דאָס פאַסענדע אָרט אויפצוהויבען אַ געשריי קעגען רבין ר׳ בונם. די אָסטיליער מחותנים האָבען דעם פשיסחער רבין אויך איינגעלאַדענט צו דער חתונה, כדי אַרויסצוגעבען אַ פסק אין זיין געגענוואַרט, ווי דער דין איז.

דער רבי ר׳ בונם איז געווען גרייט צו פאהרען אויף דער חתונה, כדי זיך דאָרט צו פערענטפערען. אָבער דער גרויסער תלמיד זיינער רבי מענדיל פון טאָמאַשאוו, האָט איהם אָפגערעדט דערפון און איהם געזאָגט מיט אַ פעסטער דעה: „ווען איהר וועט שוין זיצען אין דער בויד, וועל איך מיך אַנידערלעגען פאַר די פערד און וועל אייך נישט לאָזען פאָהרען". דאַמאָלס האָט זיך דער רבי ר׳ בונם אויפגעשטעלט און אָנהאַלטענדיג זיך מיטביידע הענט אָן זיין טישעל, האָט ער געזאָגט: „אַ וודאי, אַז מיר האַלטען זיך אָן אין אונזער טישעל, האָבען מיר פאַר זיי קיין מורא נישט, נאָר מיר וועלען אַהינשיקען אונזערע מענשען".

ס׳זענען טאַקי געפאָהרען קיין אָסטיליע, דער אַזויגערופענער „חידושי הרי״ם", רבי פייוועל דאַנציגער דער אַמאָליגער גריצער רב, רבי זושא שעדליצער, ר׳ ישכר הורוויץ פון וואַרשא און ר׳ אליעזר בער פון גראַבאָוויץ.

---

א) ספר תורת שמחה. ב) ספר שש״ק ח״א עמוד ל״ז.

אַ שאַרפער ויכוח איז פאָרגעקומען אין דער חתונה-נאַכט צווישען די מתנגדים פונם פשיסחער חסידות און זיינע פערטיידיגערס, די משולחים פון פשיסחא. אָבער זיי האָבען בעוויזען געדעכט צו מאַכען דעם פשיסחער רבין און זיין חסידות פאַר די אויגען פון דער גרויסער פערזאַמלונג. אַ רושם האָט בעזונדער געמאַכט די ווערטער פון אדמו״ר ר׳ ירחמיאל׳ן, דער זוהן פון יוד הקדוש, וואָס האָט צוו. אַנד. געזאָגט: „כ׳קאָן עדות זאָגען, אַז ר׳ בונם איז געוועזען דאָס שפיצל פון הארץ פון מיין פאָטער, ר׳איז ביי איהם געוועזען אַזוי חשוב, ווי ס׳אַפעל פון אויג״ א).

דער רבי ר׳ בונם איז געוועזען דער ערשטער און דער איינציגער אין זיין דור, וואָס האָט געטראַכט וועגען קויפען ארץ ישראל פון טערקיי, ער האָט נעמליך אויסגעדרוקט זיין פערוואונדערונג דערויף, פאַרוואָס משה מאָנטיפיארע איז זיך נישט משתתף מיט נאָך יודישע גבירים צו קויפען ארץ ישראל פונם תוגר. האָט איהם איינער געפרעגט, וואָס קומט אַרויס, אַז מיר זענען נישט פונם כּביכול געדאַכט געוואָרען עולה צו זיין קיין ארץ ישראל און זיך דאָרט צו בעזעצען. דערויף האָט ער געענטפערט, איהר זאָלט אַזוי נישט זאָגען, ווען דאָס לאַנד וועט נאָר אַרויסגעהן פון זייערע הענט, איז שוין נאָהנט אונזער הילף צו קומען.

אַזוי שרייבט אדמו״ר ר׳ ישראל ז״ל פון פילעוו, אין זיין קונטרס „שלום ירושלים״, אַז ער האָט דאָס געהערט דערצעהלען פון זקנים, וואָס זענען געזעסען אין אַ מסבה מיטן רבי ר׳ בונם, ביי וועלכער ס׳האָט זיך אויך געפונען דער אלכּסנדרער רבי אדמו״ר ר׳ העניך ז״ל.

אָבער דער קלוגער תלמיד חכם הרב ר׳ יהודה לייב גרויבארט שטעלט פעסט אין זיין „ספר זכרון״ (עמוד 176), אַז אדמו״ר ר׳ ישראל האָט געהאַט אַ טעות, דאָס האָט נישט דער רבי ר׳ בונם געזאָגט, נאָר דער קאָצקער רבי ר׳ מענדיל, מאָטיווירענדיג, אַז די ערשטע נסיעה קיין ארץ ישראל, האָט ר׳ משה מאָנטיפיארע געמאַכט אין יאָהר תקפ״ח, דאַמאָלס ווען דער רבי ר׳ בונם איז שוין געוועזען אויפן „עולם האמת״, הייגט ווי אַזוי האָט ער פון איהם געוואוסט.

אָבער אָט די פעסטשטעלונג האָט קיין גרונט נישט, וואָרום דער רבי ר׳ בונם האָט געקענט הערען וועגען ר׳ משה מאָנטיפיארע נאָך איידער ער איז געפאָהרען קיין ארץ ישראל. מכּחיש צו זיין דאָס עדות פון אדמו״ר ר׳ ישראל׳ן צוליב אַזאַ שוואַכע סברא, האָט הרב גרויבארט נישט געדאַרפט. ווען דאָס וואָלט געזאָגט דער קאָצקער רבי, וואָלט געוויס זיין איניקעל אדמו״ר ר׳ ישראל דערפון געוויסט, וואָרום ווען דער קאָצקער רבי איז נפטר געוואָרען, איז שוין אדמו״ר ר׳ ישראל געוועזען נאָך זיין חתונה.

13 יאָהר האָט דער רבי ר׳ בונם געפיהרט אדמורו״ת און איז נפטר געוואָרען תקפ״ז י״ב אלול אין עלטער פון עטליכע זעכציג יאָהר.

---

א) תורת שמחה סימן שכ״ו און מאיר עיני הגולה סימן קנ״ג.

# ה. דער מהר"ל פון פראג, דער רבי פון „עולם העליון" פאַרן פשיסחער און קאָצקער רבין.

א. רבי יהודה ליוואי, וואָס איז בעקאַנט אונטערן נאָמען „מהר"ל פון פראג", איז געבוירען געוואָרען אין דער סדר-נאַכט פון יאָהר רע"ב (1572) אין פּויזען, וואו זיינע עלטערן האָבען זיך בעזעצט, ווען זיי זענען גע- קומען פון וואָרמס (דייטשלאַנד). נאָכדעם ווי ער איז געווען אַ ראש ישיבה אין מעהרען 29 יאָהר, איז ער אויפגענומען געוואָרען אַלס אַ רב אין פראג, וואו ער איז נפטר געוואָרען אין יאָהר שס"ט ח"י אלול אין עלטער פון 97 יאָהר.

דער מהר"ל איז געווען איינער פון די גרעסטע גאונים, וועלכע דאָס יודישע פאָלק האָט אַמאָל געהאַט. ער האָט פערפאַסט פאָלגענדע ספרים: גור אריה, תפארת ישראל, נצח ישראל, נתיבות עולם, גבורת ה', באר הגולה, דרך חיים (אַ פּירוש אויף פרק אבות) און נאָך באורים וחדושים אין פלפול. אין ספר „נתיבות עולם" (ח"א נתיב התורה פרק י"ד) ברענגט ער בעווייזען, אַז אַ יוד דאַרף אויך לערנען אַסטראָנאָמיע און אַנדערע חכמות. ער אַליין האָט טאַקי געלערענט תורה און חכמה, וועלטליכע קענטעניששען, חקירה ספרים, אַסטראָנאָמיע און געאָגראַפיע. ער האָט אויך עוסק געווען אין חכמת הקבלה און סתרי תורה. זיין אייניקעל דער בעוואוסטער גאון ר' נפתלי הכהן, שרייבט אויף איהם, אַז ער האָט זיך בעדיענט מיט רוח הקודש, (תשובת חכם צבי סימן ע"ו). צוליב דעם דערצעהלט מען, אַז ער האָט בע- שאַפען אַ ליימענעם גולם.

דער בעוואוסטער גאון ר' יוסף שאול נאַטאַנזאָהן פון לעמבערג, גע- בענדיג אַן הסכמה אין יאָהר תרי"ט אויף אַ נייע אויפלאַגע פון מהר"ל'ס ספרים, שרייבט: „הספרים האלה אינם צריכים הסכמה, כי מה עז מארי ומה מתוק מדבש, אמרי נועם מקדוש ה' מכובד, והוא יתחתן בשתים, ע"פ נגלה, ביאור מתוק על המקראות והאגדות, דרושים לכל חפציהם, ותוכו רצוף אהבה מסוד ה' ליראיו, והמה תפוחי זהב במשכיות כסף, כאשר גלה סודו בספר דרך החיים פ"ה דאבות, במה שהשיב שם על הגאון בעל מעשי ה', אשר כל דבריו לקוחים מספרי הקדושים אשר בארץ".

ב. דער מהר"ל איז געווען דער ערשטער, וואָס האָט זיך אָקעגענגעש- טעלט דעם דרך פון לערנען חריפות'דיגע פלפולים, וואָס האָט זיך פערשפרייט זייט דעם גאון ר' יעקב פּולאַק. אין ספר „באר הגולה" סימן ג' שרייבט ער: „יעדער חכם ונכון וואונדערט זיך אויף דעם נאָהנטקייט פון די דברי חז"ל צום פשט, און דער, וואָס איז פרעמד פון חכמה, דער וואונדערט זיך אויף דעם ווייטקייט פון די דברי חז"ל צום פירוש פונם פסוק און זייערע ווערטער געפעלען איהם נישט. אַזוי איז בנוגע דער גאַנצער תורה, דער וואָס איז ווייט פון חכמה, דער זעהט אין דער תורה זאַכען, וואָס זענען ווייט פון אמת, אָבער דער משכיל שטעלט פעסט, אַז זיי זענען פערשטענדליך, און אויב ער פערשטעהט זיי נישט, איז דאָס דער חסרון פון איהם".

ג. דער מהר"ל שרייבט אין זיין ספר נצח ישראל, פרק א' עמוד 4:

דער גלות פון יודישען פאָלק איז אַ קלאָרער בעוויז אויף זיין צו- קונפטיגער גאולה, וואָרום ס'איז נישט קיין צווייפעל, אַז דער גלות איז

אַ שנוי, אַ ענדערונג, אַן ארויסטריט פונם סדר, פון דער אָרדנונג. דער אייבערשטער האָט נעמליך איינגעאָרדנט יעדע אומה אויף איהר פּאַסענדען אָרט, און דאָס יודישע פאָלק האָט ער איינגעאָרדנט אויף זיין פּאַסענדען אָרט, וואָס ס'איז ארץ ישראל. און דער גלות, די אויסוואַנדערונג פון יודען מיט געוואַלט פון זייער אָרט, איז אַן ענדערונג, אַ גענצליכער ארויסטריט פונם סדר, און אַלע זאַכען וואָס געהען ארויס פון זייער נאַטירליכען אָרט, האָבען נישט קיין בעשטאַנד אינם אָרט, וואָס ס'איז פאַר זיי אומנאַטירליך, נאָר זיי מוזען געהען צוריק צו זייער נאַטירליכען אָרט, וואָרום ווען זיי וואָלטען פערבליבען אין זייער אומנאַטירליכען אָרט, וואָלט דאָס אומנאַטירליכע געוואָרען נאַטירליך, און דאָס איז דאָך אַ זאַך פון אוממעגליכקייט.

דער מהר"ל ברענגט ווייטער ביישפּילען פון דער נאַטור, פון פייער און פון ערד, אַז זיי קענען זיך אויך נישט לאַנג האַלטען, ווען מען ברענגט זיי מיט געוואַלט אויף אַן אָרט, וואָס איז פאַר זיי אומנאַטירליך, און ער זעצט פאָרט זיין דערמאַנטען געדאַנק וועגען קיום פון יודען. ער שרייבט נעמליך ווייטער:

„און אַזוי אויך בנוגע יודען. ווען זיי וואָלטען אויף שטענדיג פערבליבען אין גלות, וואו ס'איז נישט זייער געפּאַסטער אָרט, וואָרום זייער געפּאַסטער אָרט לויט דער ווירקליכער אמת'דיקער אָרדנונג, איז דאָך ארץ ישראל, און אַז זיי זאָלען דאָרט פערבלייבען אונטער זייער אייגענער מאַכט, אָבער נישט אונטער דער מאַכט פון אַנדערע, אַזוי ווי יעדע בעשטעהענדע זאַך פון דער וועלט האָט איהר בעשטימטען אָרט, אַזוי ווי אונזערע חכמים ז"ל האָבען פעסט-געשטעלט (אבות פ"ד) אין לך דבר שאין לו מקום (ס'איז נישט פערהאַן קיין געגענשטאַנד, וואָס ס'האָט נישט זיין אָרט). און אַזוי אויך דער פּיזור, די פערשפּרייטונג פון יודען, איז נישט קיין נאַטירליכע זאַך, און אַזוי ווי יעדע זאַך מוז צוריק קומען אויף איהר בעשטימטען אָרט, אַזוי מוזען אויך די מיט געוואַלט פערשפּרייטעטע צוריק צוזאַמען געהען, דערפאַר וואָס זיי זענען אַן איינציגער כלל". —

דאָס איז איינס פון די טויזענדער תורה-ווערטער, וועלכע ס'געפינען זיך אין די דערמאַנטע מהר"ל'ס ספרים. דאָס קאָן דיענען דעם לייענער אַלס אַ ביישפּיל פאַר זיינע אַנדערע תורה-ווערטער. זיי אַלע זענען נעמליך דערמיט גלייך, וואָס זיי זענען געגרינדעט אויפן יסוד פון טיעפען שכל, און אויף פאָרשונג לויט גמרא און מדרשים, אָבער ווי ס'ווערט אָנגענומען פון רבנישע אויטאָריטעטען, זענען זיי אויך אויסגעהאַלטען לויט דער חכמת הקבלה.

אָט דעם מהר"ל'ס ספרים האָבען אויסגעווירקט אַן איינפלוס אויפן רבין ר' בונם און אויך אויף זיין גרויסען תלמיד, דעם רבין ר' מענדעל, וועלכער האָט איהם אויך געהאַלטען, ווי דערמאַנט, אַלס זיין רבין פון „עולם העליון". דער קאָצקער רבי האָט אויך געזאָגט, אַז די ספרים פון מהר"ל געבען אַ שכל און אַ סברא, צו פערשטעהן גמרא און פוסקים. (שש"ק ח"א אות שע"ז).

## ו. אדמו״ר רבי מנחם מענדיל אין טאָמאַשאוו.

א. נאָך דער פטירה פון רבין ר׳ בונם, איז דער „עולם״ זיינער נישט געווען אייניג בנוגע דער וואַהל פון אַ נייעם רבין. אַ טייל פון זיינע חסידים האָבען זיך גענומען פאַר א רבין דעם דערמאַנטען ר׳ מענדלין פון טאָמאַשאָוו, אַרום וועלכען זיי האָבען זיך נאָך פריהער גרופירט, און אַ טייל — ר׳ אברהם משה׳ן, דעם איינציגען זוהן פון רבין ר׳ בונם. מ׳זאָגט, אַז די ערשטע זענען מיינסטענס געווען די שאַרפע, די מעהר למדנישע חסידים.

ס׳האָט געמאַכט אַ רושם דער פאַקט, אַז אויך דער בעוואוסטער גאון רבי יצחק מאיר אַלטער פון וואַרשא, וועלכען מ׳האָט אין אַ צייט אַרום גערופען „חידושי הרי״ם״, איז געוואָרען ר׳ מענדלס חסיד. אַ סך חסידים האָבען זיך אויף איהם פערקוקט. ר׳ מענדיל האָט אָנגעהויבען פיהרען אדמורו״ת אין זיין וואוינשטאָט טאָמאַשאָוו.

מ׳דערצעהלט, א) אַז די בעוואוסטע גרויסע רבנים ר׳ פייוועלע דאַנציגער פון גריצע און ר׳ זישע פון שעדליץ, די חשובע חסידים ביים רבין ר׳ בונם, האָבען זיך בעראַטען מיטן „חידושי הרי״ם״, ביי וועלכען פון די צוויי דערמאַנטע קדושים זיי זאָלען זיך האַלטען. אָט דער גאון האָט פאַר זיי פאָרגעצויגען ר׳ מענדלין פון טאָמאַשאָוו. תחילת האָבען זיי מסכים געווען צו דער דעה, שפעטער אָבער האָבען זיי זיך צוריקגעצויגען דערפון, מאָטיווירענדיג, אַז טאָמאַשאָוו איז אַ שטייגער ווי לערנען מהרש״א, אָהן פריהער צו לערנען די גמרא, אויף וועלכע דער מהרש״א בעציהט זיך, וואָס צו דעם מוז מען האָבען אַ שאַרפען מוח. זיי זענען טאַקי געוואָרען ר׳ אברהם משה׳ס חסידים. אָבער נאָכן פערלויף פון 15 חדשים איז ר׳ אברהם משה נפטר געוואָרען. דאַמאָלס האָט זיך זיין גאַנצער „עולם״ גענומען פאַר אַ רבין דעם צדיק ר׳ יצחק׳ן פון וואָרקע.

ב. אין טאָמאַשאָוו האָט אדמו״ר ר׳ מענדיל געפיהרט ראַביסטווא מיט אַן אויסערגעוועהנליכער גייסטיגער קראַפט און מיט גרויס התלהבות. ער האָט דאָס פשיסחער חסידות, וואָס איז בעשטאַנען, ווי אויבען געזאָגט, פון „הצנע לכת״, לערנען גמרא מיט תוספות, און מעיין זיין אין מהר״ל׳ס ספרים, נאָך פערטיעפט און פערברייטערט ב).

די טאָמאַשאָווער חסידים האָבען זיך נישט בעגניגט מיטן פערבלייבען ביים רבין אַ שבת, אָדער 3–2 שבתים, און הערען פון רבין עפעס אַ וואָרט תורה. זיי זענען געווען מעהר ביים רבין ווי אין דערהיים. ס׳זענען געווען אַזעלכע חסידים, וועלכע האָבען פערלאָזט ווייב און קינד, אַוועקגעוואָרפען די עניני עולם הזה און זיך אָנגעקניפט אין רבין במסירת הנפש. דער נאָמען „חסידים״, לויט דער היינטיגער השגה, איז פאַר זיי גאַנץ קנאַפ. אויב מ׳וויל זיי אָנרופען מיטן ריכטיגען נאָמען, דאַרף מען זיי אָנרופען „תלמידים״. זיי האָבען זיך נעמליך נישט אַוועקגערירט פונם רבין. ער האָט מיט זיי אויך

---

א) שיח שרפי קודש. ב) מען דערצעהלט, אז דער „חידושי הרי״ם״ האָט געזאָגט: ביז פשיסחא האָבען אַלע רביים מפרש געווען דעם בעש״ט׳ס חסידות, און פון פשיסחא אָן איז אַלץ אַ פירוש אויף פשיסחער חסידות. (שלמה וויינריב, קאָצקער חסידות. אָרטאָדאָקסישע בלעטלעך, תרס״ג).

געלערנט גמרא און פּוסקים. דער עיקר לימוד איז אָבער געווען חסידות, שיעור בעיון, מיט אַ טיעפער, ברייטער ערקלערונג.

די אַלטע טאָמאַשאָווער חסידים פלעגען דערצעהלען: דער רבי פון טאָמאַשאָוו האָט געקאָנט אַמאָל מיט אונז געהן אין וואַלד אַריין און דאָרטען אין אונז אַריינרעדען צעהן שעה דורכאַנאַנד, ביז יעדער פון אונז איז געוואָרען בטל במציאות. מ׳האָט געדאַרפט דערצו זיין אַ גרויסער בעל־כח מיט זעהר אַ שטאַרק האַרץ. יעדעס וואָרט זיינס איז געווען אַזוי קורץ און שאַרף, אַרויסגעזאָגט מיט אַזאַ התלהבות, אַז אַפילו דעם, וואָס זיין האַרץ איז געווען אַ שטיין, האָט עס געריהרט און ווייך געמאַכט.

די צאָהל טאָמאַשאָווער חסידים, זאָגט מען, איז געווען קלענער, ווי די צאָהל פשיסחער אָדער וואָרקער חסידים. באמת האָט אדמו״ר ר׳ מענדיל נישט געוואָלט האָבען אַ סך חסידים. אין אַ שפּעטערער צייט האָט ער אַמאָל געזאָגט: אין טאָמאַשאָוו האָט מען מעהר נישט געוואָלט, ווי אַ צוויי דריי הונדערט חסידים, נאָר זיי זאָלן זיין אַזוי גרויס ווי דער בעש״ט איז געווען, און גאָר בפשטות, צו קענען טראָגען אויפן קאָפּ אַ בלעטעל פון קרויט שטאָטס אַ יאַרמאלקע און אַרומגאַרטלען זיך מיט שטרוי און שרייען: לה׳ הארץ ומלואה.

ג. אָבער דאָרט האָט אדמו״ר ר׳ מענדיל געהאַט פיל צו ליידען פון מחלוקת. אין טאָמאַשאָוו האָט נעמליך אויך געוואוינט דער רבי ר׳ יוסלי פון יאַרטשעוו, וואָס איז נאָך געווען אַ מתנגד אויפן רבין ר׳ בונם. אויף דער אויבען דערמאַנטער חתונה אין אָסטיליע, האָט ר׳ יוסלי אויך געשטאָרמט קעגען פשיסחער חסידות. היינט, ווען דער נאָכפאָלגער פון רבין ר׳ בונם, וואָס האָט פערשאַרפט און פערטיעפט זיין חסידישען דרך, האָט געפיהרט ראַביסטווא נאָהנט פון איהם, האָט ער אַ ודאי דאָס נישט געקענט פערשווייגען. און זיינע חסידים, וועלכע זענען צו איהם געקומען, האָבען מיטגעהאָלפען צו פיהרען אַ מחלוקה קעגען אדמו״ר ר׳ מענדלין. אויך צווישען די איינוואוינער פון טאָמאַשאָוו האָט זיך דערוועקט אַ שנאה צו איהם און צו זיינע חסידים, וואָרום זיי, די טאָמאַשאָווער יודען, האָבען בעטראַכט זייער התנהגות אַלס זעהר משונה׳דיג ווילד, וואָס מענשען פערלאָזען זייער הויזגעזונד און קומען אַהער זיך מוח׳ן. עפּעס טהון בעבודת הבורא מיט ממשות׳דיגע זאַכען, האָט מען ביי זיי קנאַפּ געזעהען. געלערנט האָבען זיי נעמליך ביים רבין אין שטוב און אַלץ בצנעה. מען האָט נאָר געזעהען אַרומבלאָנדזען טיעף פערטראַכטע מענשען. דערצו זענען זיי געווען אָרימע לייט. בעזונדער האָט געהערשט אָרימקייט ביים רבין גופא. דעריבער זענען פאָרגעקומען דאָרט רדיפות קעגען אדמו״ר ר׳ מענדלין און זיינע חסידים.

ד. אין אַ בריוועל, וואָס אדמו״ר ר׳ מענדיל האָט דאַמאָלס געשריבען צו זיין גרעסטען חסיד, דעם „חידושי הרי״ם״, איז טאַקי אויסגעדרוקט זיין פערזאָרגטקייט און עלענדקייט. ער שרייבט צוו. אַנד., אַז טיילמאָל פעהלט איהם אויס אויף פאָסט־געלד, ווען נישט דאָס, וואָלט ער איהם אָפטערס געשריבען. דאָס איז דאָס איינציגע בריוועל, וואָס ס׳איז געקומען פון איהם אין די עפענטליכקייט, דערפאַר ווילען מיר עס דאָ איבערגעבען אין זיין לשון:

ב״ה יום ועש״ק פ׳ יתרו פק״ח לפ״ק פה טאמאשאוו.

החיים שלום וברכה לכבוד ידיד ישראל וידיד נפשי אהוב לבי הרב הגאון החריף בכל מושכל מו״ה יצחק מאיר נ״י ויזרח.

לא אוכל להתאפק ולהחרש, כי מאד יחרד לבי על אשר לא הגיעני מכתב מאתו זה כמשלוש חדשים, ועגמה נפשי מאד כשבת בדד גם בתוך רעים האהובים, כי לא המה ינחמוני מהגיון לבבי. וכאשר הייתי באמנה אתו בהיותי בווארשא, כן גם עתה, כל הנשארים מפשיסחא אנשי אדמו״ר נבג״מ לבד מהצעירים, אשר מבוקש עוז בלבבם להאיר להם מחשכה המה נשארו באמונתם והנשארים המה הבל, לבד אליו נשאתי נפשי לנחמני במכתבו ממעמדי.

ביום ו׳ וארא ערכתי אליו מכתב, ותשובתו עוד לא ראיתי. על כן מבוקשי לנחמני במכתבו. גם מכאב הצדדים לא אוכל לשבת על מקום זמן מסוים, וזה לי לצער גדול והדעת נעדרת. הנה דאגתי על ידידי אם איננו פרוש מחמת הבדידות. כל מו״מ משונאי יצא מלבבי. האמת אגיד ולא אכוש, כי יוכל להיות זמנים, אשר אין בינינו לשלם על הפאסט. ואלולי זאת לא כחדתי מכתב לזמנים ארוכים.

דברי אוהב נפשו נפש ידידי הרוצה להתנחם בנחמתו כ״ט עולמים,

מנחם מענדיל מטאמאשאוו.

ה. ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט, באַלד ס׳אַנדערע יאָהר פון זיין פיהרען ס׳אדמורו״ת אין טאָמאַשאָוו, האָט ער בעשלאָסען, צו פערלאָזען טאָמאַשאָוו און זיך איבערציהען אין אַן אַנדערער שטאָט אַריין. אַזוי ווי זיין עלטער־זיידע, דער גאון ר׳ דוד היילפרין, האָט פערלאָזט זיין כסא רבנות, פון אָסטראָה צוליב אַ מחלוקה, ווי אויבען דערמאַנט, אַזוי האָט ער אויך געוואָלט טהון. ער האָט מאָטיווירט אָט דעם בעשלוס מיט פאָלגענדע ווערטער:

די גמרא זאָגט (סוטה מ״ט): שני תלמידי חכמים הדרים בעיר אחת ואין נוחים זה לזה בהלכה אחד מת ואחד גולה (ווען 2 תלמידי־חכמים וואוינען אין איין שטאָט און איינער צום אַנדערן איז נישט נאָכגיביג אין הלכה, שטוט איינער שטאַרבען און איינער געהט אין גלות). איך וויל זיין דער גולה א).

אָבער וואו אַהין ציהט מען זיך? מאַכט זיך אַ מעשה: דער בעוואוסטער גרויסער חסיד ר׳ מתתיהו קוראָנער, דער קאָסעוועור רב ב), איז געוואָרען אַן אַלמן ל״ע. דאַן האָט ער גענומען אַ רייכע אַלמנה פון קאָצק און גלייכצייטיג האָט ער אָנגענומען דאָס קאָצקער כסא רבנות. און ווען ר׳ מתתיהו האָט געזעהען, אַז זיין רבי פון טאָמאַשאָוו פיהלט זיך דאָרט צוליב מחלוקה נישט גוט, אַזוי אַז ער האָט בעשלאָסען צו פערלאָזען טאָמאַשאָוו, האָט ער איהם געראַטען, אַז ער זאָל זיך ציהען קיין קאָצק, מאָטיווירענדיג אַ ודאי דערמיט, אַז אין דער שטאָט, וואו דער מרא־דאתרא איז זיין תלמיד, וועט אַ ודאי קיין

---

א) ספר שיח שרפי קודש ח״ג עמוד 17.

ב) אין „שם הגדולים החדש״ שטעהט: הרב מו״ה מתתיהו, רב גדול צדיק ומקובל חסידא ופרישא אבד״ק קאָסעוועו וקאָצק, תלמיד הגה״ק עליון הר׳ מנחם מענדיל מקאָצק והר׳ שלמה יהודה ליב מלענטשנע זי״ע. ורבים מישראל התקופפו בצל כנפי צדקתו, ומנוחתו בעיר קאָסעוועו.

מחלוקה קעגען איהם נישט פאָרקומען. אדמו״ר ר׳ מענדיל האָט אָנגענומען זיין עצה און געמאַכט קאָצק אַלס זיין רעזידענץ.

קאָצק איז אַ קליין שטעטעל אין דער לובלינער וואָיעוואודסטווא. ביי דער פאָלקס-צעהלונג פון יאָהר 1853 האָט קאָצק געציילט 1652 יודען און 270 קריסטען. ס׳ליגט נישט ווייט פון וואַרשא. אַ שאָסע-וועג פיהרט פון וואַרשא קיין קאָצק.

---

## ג. אדמו״ר ר׳ מענדיל אין קאָצק און אַ ביסעל פון זיינע תורה-ווערטער.

א. אין יאָהר תקפ״ט, עפּעס מעהר ווי אַ יאָהר נאָך דער פּטירה פון רבי ר׳ בונם, האָט זיך אדמו״ר ר׳ מענדיל בעזעצט אין קאָצק. דאַמאָלס האָט זיך אָנגעהויבען דער ציפאָהר פון חסידים צו אדמו״ר ר׳ מענדלין בעדייטענד פערגרעסערן. דער נאָמען „קאָצק״ האָט בעקומען אַ קלאַנג אויף דער יודישער גאַס. אין אַלע שטעט און שטעטלעך האָבען זיך געעפענט קאָצקער שטיבלעך, וועלכע זענען געווען אין פערגלייך צו שטיבלעך פון אַנדערע רביים, די שענסטע. די גרעסטע למדנים פון שטאָט און די גרעסטע גבירים זענען געגאַנגען אין קאָצקער שטיבעל אַריין. זאָגאַר אין ליטע, צ. ב. ביאַליסטאָק, זענען פאַרהאַן געווען בעדייטענדע קאָצקער שטיבלעך. ס׳האָט זיך דאָרטען ביים רבין אָנגעהויבען פערזאַמלען אַ גרויסער עולם. דאָס בעסטע פון אַלע יודישע פאָלקסשיכטען איז געלאָפען קיין קאָצק — ממש געלאָפען. קאָצק איז געוואָרען אַן אָנציהונגספונקט, וואו אַהין ס׳זענען געצויגען די גרעסטע רבנים, גאונים און למדנים, די בעסטע יונגע לייט, אויך די עדעלסטע גבירים א). דערצו איז אויך געווען צו בעמערקען דעם איינפלוס פונם „חידושי הרי״ם״. ער האָט נעמליך קיין געלעגענהייט נישט דורכגעלאָזט, וואָס האָט זיך איהם געבאָטען, צו פערשפרייטען דאָס קאָצקער חסידות. ביי איהם האָבען, למשל, געלערנט בחורים, זיהן פון וואַרשאווער גבירים. אויף זיי האָט ער משפיע געווען, אַז זיי זאָלען פאָהרען קיין קאָצק, וואָס האָט בעאיינפלוסט זיינע חסידים, צו האָבען ריינע, עהרליכע מחשבות, צוצוקומען צום אמתן רצון הבורא און גאָר בפשטות ב). דער בעוואוסטער חסיד ר׳ זעליג שרענצקער האָט געוויזען אויף דעם אַ רמז פונם פסוק אמת מארץ תצמח (תהלים פ״ו), ווארום „מארץ״ איז בגימטריא „מקאָצק״.

ב. צווישען קאָצקער און וואָרקער חסידים אין אַלע שטעט האָט געהערשט אומאיינינקייט, אַנטאַגאָניזם, בעת צווישען די רביים, דעם קאָצקער און דעם וואָרקער, האָט געהערשט גרויסע פריינדשאַפט. זיי זענען נאָך געווען נאָהנטע חברים זייענדיג חסידים ביים רבין ר׳ בונם. ווען ס׳איז פאָרגעקומען אין אַ קהלה אַ פראַגע וועגען אויפנעמען אַ רב אָדער

---

א) ר׳ שלמה וויינריב, קאָצקער חסידות. ב) מאיר עיני הגולה ח״א.

אַ שוחט, האָבּען זיך אָט די חסידים געגענזייטיג בּעקעמפט. מיינסטענטיילס האָבּען די קאָצקער צוליב דער מעהרצאָהל און דעם חשיבות זייערער געהאַט צו פערצייכענען אַ זיעג. אָט דער אַנטאַגאָניזם איז איבּערגעגאַנגען בּירושה פון דור צו דור, אַזוי אַז ס׳איז נאָך פאַרהאַן צווישען זייערע נאָכקומענשאַפטען, נעמליך די גערער און אַלכסנדרער חסידים. זיי זענען נעמליך געגנערישע פּאָליטישע פּאַרטייען: אַגודה און אונפּאַרטייאישע. אַמאָל האָט דער וואָרקער רבי דערצעהלט דעם קאָצקער רבּין מיט צופרידענהייט, אַז צווישען זייערע בּיידענס חסידים איז געקומען צו אַ שלום. „אויבּ אַזוי״, האָט דער קאָצקער רבי געענטפערט האָט דער כח פון שקר גובר געווען. ס׳איז מעשה שטן, אַז דער נקודת-האמת, (דער וואָרהייטס-פּונקט) זאָל איינגאַנצען אָבּגעמעקט ווערען. דערצו איז אַ ראיה פון מדרש, וואָס זאָגט, אַז דאַמאָלס, ווען דער אויבּערשטער איז געגאַנגען בּעשאַפען אדם הראשונ׳ען, זענען די מלאכים, שטרייטענדיג, געוואָרען כּתּות כּתּות: חסד האָט געזאָגט, אַז דער מענש זאָל בּעשאַפען ווערען, ווייל ער איז מיט צדקות, שלום האָט געזאָגט — נישט, ווייל ער איז פול מחלוקת. וואָס האָט דער אויבּערשטער געטהון? ער האָט גענומען דעם אמת און איהם אַראָבּגעוואָרפען אויף דער ערד, אַזוי ווי ס׳שטעהט אין פסוק (דניאל ה׳): ותשלך אמת ארצה.

אַלע פרעגען אויף דעם דאָזיגען מאמר פון מדרש, פאַרוואָס איז נאָר דער אמת אַראָבּגעוואָרפען געוואָרען, און דער שלום, וואָס האָט געטענה׳ט, אַז דער אמת איז פול מחלוקת, איז נאָך דאָרט געבּליבּען? ס׳זעהט אָבּער אויס, אַז די מחלוקת לשם שמים, שטאַמט פון מקור האמת, און וואו דער אמת איז נישטאָ, דאָרטען איז נישטא קיין מחלוקת לשם שמים. (אוהל יעקב סימן פ״ד).

ג. דער אַמאָליגער סטריקאָווער רבי אדמו״ר ר׳ וואָלף לאַנדא, וואָס איז געווען איינער פון די שענסטע קאָצקער חסידים, האָט אַמאָל שבת זיצענדיג ביים טיש געזאָגט: כ׳וועל אייך זאָגען דעם ערשטען מאמר, וואָס כ׳האָבּ געהערט פונם קאָצקער רבּין. כ׳האָבּ זאַגאַר פון איהם פריהער געהערט פיל תּורה-ווערטער, אָבּער מיט אָט דעם וואָרט, האָט ער צופלאַמט מיין האַרץ. פרייטאָג צונאַכטס נאָך קידוש האָט ער זיך אַנידערגעזעצט אויף זיין שטוהל, זיין צורה איז פערענדערט געוואָרען, כּמעט מיט התפשטות הגשמיות, מיט זיין גאַנצען כּוח, האָט ער אויסגעשטרעקט די האַנד, זיך געוואַשען, און נאָכן מאַכען די ברכה המוציא, האָט ער געזאָגט: ויאמרו כל אשר דבר ה׳ נעשה ונשמע (שמות כ״ד ז׳).

ס׳זענען פאַרהאַן אויף דער וועלט חכמים, חוקרים, פילוסופים, וועלכע פאַרשען אין דער דערקענטעניש פון ג-ט. אָבּער ווי וויט קענען זיי משיג זיין, נישט מעהר פון זייער מדרגה און זייער שכל. אָבּער די יודען האָבּען כלי-עשיה, (ווערקצייג), נעמליך די טעטיגקייט פון מצוות, און אָט מיט דעם קענען זיי בּעגרייפען מעהר און מעהר פון זייער מדרגה, ביז דער מדרגה פון מלאכי השרת. אָט דאָס איז דער טייטש פון „נעשה ונשמע״, אויבּ מיר וועלען האָבּען די כלי-עשיה, די מעשה המצוות, וועלען מיר הערען, בּעגרייפען אַלץ ל מ ע ל ה. ל מ ע ל ה. (אויפן העכסטען שטאַפּעל).
(ספר „זר זהב״, קונטרס אמרות טהורות, פון סטריקעווער רבּין ר׳ וואָלף ז״ל).

ד. אדמו״ר ר׳ בעריש פון ביאַלא, אַ ברודער פון דער־אַנטען אדמו״ר ר׳ וואָלף פון סטריקוב, איז אַמאָל געווען אין קאָצק, האט איהם דער רבי געזאגט פאָלגענדען טייטש אויפן פסוק א) (משלי י״ד): בכל עצב יהיה מותר ודבר שפתים אך למחסור: דאָס וואָרט, עצב בעדייט אַ פאָרם, ווי מ׳געפינט אין פסוק (איוב י״ח) ידיך עצבוני ויעשוני, ד. ה. דיינע הענד האָבען מיך געפאָרמט, אַזוי ווי מ׳געפינט אין דער גמרא (שבת קמ״ז) אין מעצבין את הקטן. די כוונה פונם פסוק איז, „בכל עצב יהיה מותר, אין יעדערן פאָרם, וואָס אַ חסיד פאָרמט זיך, עפעס נייעס אויפצוטהון אין עבודת הבורא בפועל, האָט ער אַ פערדיענסט, ודבר שפתים, אבער בלויז רעדען חסידות, ברענגט נאָר אַ חסרון״.

ה. דער קאָצקער רבי האָט אַמאָל געזאָגט אויף דער גמרא (שבת י״ד ע״ב): „בשעה שתיקן שלמה עירובין ונטילת ידים יצתה בת קול ואמרה, (משלי כ״ד) אם חכם בני ישמח לבי גם אני״. ווען מיין זוהן איז קלוג פרייט זיך אויך מיין האַרץ). „עירובין״ מיינט מען דאָ אויסגעמישט זיין מיט דער וועלט און „נטילת ידים״ מיינט מען דאָ — ריין אָבגעוואַשען פון דער וועלט. ד. ה. אַ מענש דאַרף זיך אָנאייגנען אָט די צוויי קאָנטראַסטען צוזאַמען. אַ ודאי דער בטלן, וואָס זיצט הינטערן אויווען, אין בית המדרש, און זעהט נישט פאַר זיך קיין וועלט, איז קיין וואונדער נישט, וואָס ער איז ריין פון וועלטליכע ענינים, אָבער שלמה המלך, וואָס האָט זיך געהאַט אַלע פערגעניגענס פון עולם הזה, און דאָך איז ער געווען ריין, אָבגעוואַשען פון אַלעם אומריינעם, אָט דערצו דאַרף מען באמת זיין אַ חכם גדול.

יאָ עסען, יאָ טרינקען, יאָ זיין אויסגעמישט מיט דער וועלט, יאָ האַנדלען, יאָ טהון לויטן דרך הטבע, אָבער נאָר דערפאַר וואָס דער אייבערשטער האָט אַזוי געהייסען ב).

ו. דער קאָצקער רבי איז געגאַנגען אין דער שיטה פון זיין אַמאָליגען רבין, דעם „יוד הקדוש״, וואָס האָט געזאָגט. „אַז דאַמאָלס ווען דער מענש ווייזט זיך אַליין אַ פייג, קאָן ער ווייזען אַ פייג דער גאַנצער וועלט״. דאָס הייסט, אַז דאַמאָלס ווען ער ווייסט, אַז זיינע מעשים זענען גוטע, דאַרף ער נישט איבערקלערען, אַז טאָמער געפעלען זיי אַנדערע מענשען נישט, וואָס דערפאַר וועלען זיי האָבען קעגען איהם התנגדות. אָט דאָס איז די הנחה פון רמב״ם, וואָס שרייבט אין דער הקדמה פון זיין ספר „מורה נבוכים״: ווען איך געפין נישט קיין מיטעל, צו לערנען דעם איבערצייגטען אמת, נאָר אַזאַ, וואָס געפעלט בלויז איין איינציגען קלוגען מענשען, און ס׳געפעלט נישט צעהנטויזענד נאַראָנים, וואָלט איך פאָרגעצויגען, אָט דאָס צו שרייבען צוליב דעם איינציגען מענש, נישט פיהלענדיג דעם טאדעל פון די צעהנטויזענד, כדי מציל צו זיין דעם איינעם פונם טעות, אין וועלכען ער איז פערזונקען ג).

ז. אַ חסיד, וואָס איז געווען פערנומען מיט געשעפטען, האָט זיך

א) אדמו״ר ר׳ בעריש האָט דאָס נאָכגעזאָגט דעם בעוואוסטען חסיד רבי שמחה אובערבוים נ״י פון לאָדז. ב) ר׳ שלמה וויינריב, קאָצקער חסידות. ג) שיח שרפי קודש ח״ג עמוד 12.

אַמאָל בעקלאָגט פאַרן קאָצקער רבין, אַז צוליב זיינע געשעפטען האָט ער קיין צייט נישט, עוסק צו זיין אין תורה און חסידות, אַזוי ווי ער האָט געטהון אין דער צייט, ווען ער האָט בעקומען קעסט ביי זיין שוועהר. דערויף האָט איהם דער רבי געענטפערט: אין דער משנה שטעהט, רבי חנניה בן עקשיא אומר, רצה הקב״ה לזכות את ישראל לפיכך הרבה להם תורה ומצות. (דער אייבערשטער האָט געוואָלט מאַכען פאַר יודען אַ זכות, דעריבער האָט ער זיי געגעבען פיל תורה און מצוות). אין פלוג איז קשה, אַדרבא, ווען ער וואָלט זיי געגעבען ווייניגער מצוות, וואָלטען די יודען געקאָנט גרינגער זיי מקיים זיין, דאַגעגען ווען ס׳זענען פאַרהאַן פיל מצוות, קאָן מען זיי צוליב טרדות פון פרנסה נישט טהון. נאָר דער טייטש איז אַזוי, אַז דער אייבערשטער האָט אַריינגעצויגען פיל מצוות אין אַלעם טהון און שאַפען פונם מענש, דהיינו, ווען ער בויט זיך אויף אַ הויז, מוז ער אין דעמזעלביגען מאַכען אַ גאָנעק, אַ מזוזה און אויך אַ סוכה. און ווען מ׳אַקערט און מ׳זייעט אין פעלד אָדער אין ווייגאָרטען, דאַרף מען אָבהיטען מצות כלאים, לקט, שכחה, פאה, תרומות און מעשרות, און דאָס זיבבענטע יאָהר האַלטען שמיטה. אַזוי אויך האָט די תורה דיר געגעבען מצוות אין דיין האַנדלען, אין דיין געשעפט, דהיינו, געבען ריכטיגע מאָס, ריכטיג געוויכט, זיין אָבגעהיטען פון פאַלשקייטען און אָבנאַרעריי, עהרליך זיין אין דיין זאָגען יאָ אָדער ניין, זיין אָבגעהיטען פון הסתכלות אויף נשים. אָט דאָס איז דער טייטש פונם דערמאַנטען מאמר פון חנניה בן עקשיא, אַז דער אייבערשטער האָט פאַר די יודען פערמעהרט תורה און מצוות, האָט זיי אַריינגעצויגען אין אַלע אַנגעלעגענהייטען פון מענשליכען לעבען, כדי זיי זאָלען קענען מקיים זיין די מצוות שטענדיג, סיי ביי זייער רוהען סיי ביי זייער טרדות צוליב פרנסה.

ח. אַ יונגער מאַן, זייגס אַ חסיד, האָט אַמאָל פאַר איהם אויסגעדרוקט זיין פערוואונדערונג אויפן פסוק (בראשית ג׳) „והוא ימשל בך״ (ער וועט הערשען איבער דיר), דערפאַר וואָס ער זעהט, אַז זיין פרוי הערשט איבער איהם. דערויף האָט איהם דער רבי אויגענבליקליך געענטפערט: אינם ערשטען האַלבען פסוק שטעהט דאָך „ואל אישך תשוקתך״ (צו דיין מאַן וועסטו גליסטען) „ווען אָט דאָס איז פערקעהרט, איז דער אַנדערער פאַל אויך פערקעהרט״.

ט. אַ חסיד האָט זיך אַמאָל פאַרן קאָצקער רבין בעקלאָגט, אַז צו איהם אין געוועלב קומען אַריין ערלים מיט נקבות, וואָס זענען איהם מבלבל. „וואָס טהוסטו דערצו״, האָט איהם דער רבי געפרעגט. „איך קוק אַריין אינם תניא״. דערויף האָט איהם דער רבי געזאָגט: „דאָס איז דאָך אלוקות, נאָר ווען דו זאָגסט אין דער פריה שמע ישראל... זאָלסטו דאָס נישט פערגעסען ביז אויף דער נאַכט״.

י. אויפן פסוק בשנת שש מאות שנה לחיי נח נבקעו מעינות תהום רבה, זאָגט דער זוהר הקדוש (פרשת וירא ק״ז ע״א), אַז דערמיט איז געמיינט דאָס יאָהר ת״ר לאלף הששי (5600) און אַז אין אָט דעם יאָהר וועלען זיך עפענען די טויערען און קוואַלען פון דער חכמה. דער קאָצקער רבי האָט אויף דעם מאמר געזאָגט, אַז אין דער דערמאַנטער צייט האָבען זיך טאַקי

געעפענט די קוואַלען פון חכמה, און דאָס איז די אורזאַך, וואָס אין דער לעצטער צייט זענען דערפינדען געוואָרען אַזעלכע וויכטיגע וויסענשאַפטס־צווייגען, וואָרום צוליב אונזערע זינד זענען מיר נישט ראוי געווען צו די נייע קוואַלען פון חכמה, האָבען זיי די חצונים פערכאַפט און בענוצט פאַר זייערע וועלטליכע אַנגעלעגענהייטען א).

יא. דער בעוואוסטער זדונסקאַוואָלער רב ר׳ מענדיל פון ליסא ב) האָט זיך אַמאָל בעקלאָגט פאַרן קאָצקער רבין, אז איהם איז געשטאָרבען אַ טאָכטער, אַ שטייגער ער האָט געוואָלט דערמיט אויסדרוקען, אַז ער האָט געהאַט אַזאַ אומגליק און ווייסט נישט, פאַרוואָס דאָס איז איהם גע־קומען. דער רבי האָט איהם דאַן געפרעגט עפעס אַ קשיא אויף אַ מאמר פון דער גמרא. ר׳ מענדיל האָט זיך געשאַרפט דעם מוח און די קשיא פער־ענטפערט. „אויב אַזוי״, האָט דער רבי איהם ווייטער געפרעגט, „איז דאָך אַ קשיא אויף אַ תוספות״. ר׳ מענדיל האָט ווידער טיעף אַריינגעקלערט און פערענטפערט די קשיא. דער רבי האָט ווייטער געצויגען דעם פלפול און ווידער געפרעגט אַ קשיא לויט זיין תירוץ. ר׳ מענדיל האָט עס ווייטער פערענטפערט מיט חריפות. „זעהט איהר, וואָליער רב״, האָט איהם דאַן דער רבי געזאָגט, „ווען די אַלע קשיות האָבען תירוצים, האָט אַ וודאי אייער קשיא אויפן רבונו של עולם אויך אַ תירוץ״ ג). רבי מענדיל האָט זיך דערמיט בערוהיגט.

יב. אויפן מאמר (חגיגה י״א ע״ב) „ולא במעשה מרכבה ביחיד אא״כ הוא חכם ומבין מדעתו״ האָט דער קאָצקער רבי געזאָגט: אין פלוג איז קשה, פאַרוואָס האָט דער תנא געוואָרנט, מען זאָל נישט לערנען סתרי תורה, בלויז מיט אַ חכם און אַ מבין מדעתו, נאָר דערפאַר וואָס ער וועט אַפילו יאָ לערנען פיל מאָל, וועט ער אויך נישט תופס זיין, אויב ער איז נישט צוגעגרייט דערצו און נישט גערייניגט זיין גראָבען חומר (בהזדככות החומר העכור). אָבער מען קאָן זאָגען, אַז דער עיקר וואָרנונג איז געווען, אַז אַפילו די הקדמה דערפון טאָר מען איהם אויך נישט איבערגעבען, דערפאַר וואָס ער קאָן קאַליע און געמינערט ווערען און אַראָבפאַלען צוליב דעם פון זיין עבודות. וואָרום דער גראָבער קאָפ, דער חומר עכור, ווען מען זאָגט איהם עפעס פון סתרי תורה, און ער קאָן עס נישט משיג זיין, שטעלט ער פעסט, אַז די גאַנצע זאַך טויג נישט, והראיה, ס׳איז נישט לויט זיין פויערישען שכל, אַזוי אַרום קאָן ער ווערען אַ כופר הכל, איז גלייכער מ׳זאָגט איהם גאָרנישט. (אוהל תורה סימן רע״ג). אַזוי האָט זיך טאַקי דער קאָצקער רבי געפיהרט.

יג. אויפן פסוק (בראשית ל״ט) „איננו גדול בבית הזה ממני — ואיך אעשה הרעה הגדולה הזאת וחטאתי לאלקים״, האָט דער קאָצקער רבי געפרעגט, פאַרוואָס האָט יוסף נישט געזאָגט „וחטאנו לאלקים״, (מיר וועלען זינדיגען צום אייבערשטען), אַ גוי, אַ בן נח, איז דאָך אויך פערבאָטען, אַזאַ זינד צו

א) ספר נפלאות חדשות מ״ח ע״ב. ב) ר׳ מענדיל איז געווען אַ גאון און אַ צדיק און האָט אויסגעוואַנדערט פון דייטשלאַנד דערפאַר וואָס דאָרט האָט זיך פערשפרייט די אַסימילאַציע צווישען יודען. (איז נפטר געוואָרען תרל״ג). ג) ספר שיח שרפי קודש ח״ב.

טהון, איז דאָס דאָך פאַר איהר אויך אַ חטא? „נאַר", האָט דער רבי געזאָגט, „יוסף הצדיק האָט נישט געוואָלט, ז', די ערלית, כּולל זיין מיט זיך צוזאַמען, זיך מיט איהר נישט מייחד זיין אַפילו אין אַ דיבור". (ספר כּוכב מיעקוב ה' ע"ב).

יד. ווען ס'איז אַמאָל צו איהם געקומען אַ חתן פאַר דער חתונה, כּדי זיך צו געזעגענען און פון איהם צו נעמען אַ בּרכה, האָט דער רבי צו איהם געזאָגט: ווייסט פאַרוואָס אונזערע חכמים ז"ל האָבּען אויסגעוועהלט דאָס לשון „הרי אַתּ מקודשת לי" צו זאָגען דאַמאָלס, ווען מען נעמט זיך אַ ווייבּ, פאַר וואָס נישט קיין אַנדערע לשונות, וואָס זענען לויטן דין פון דער גמרא אויך גילטיג דערצו, דהיינו, „הרי אַתּ מאורסת לי", „הרי את לי לאנתי"? דאָס איז דערפאַר, ווייל אין אָט דעם מאמר איז פאַרהאַן אַ רמז, אַז אַ מענש דאַרף אַריינגעהן אין דעם ענין מיט קדושה און טהרה, אויבּ נישט, איז דער שאול תחתית א) און דאָס גיהנם נישט גענוג פאַר איהם.

טו. דער קאָצקער רבי האָט געזאָגט: דער וואָס טהוט פערמיאוסן דעם דעת, זאָגענדיג, הלואי וואָלט איך דאָס נישט געוויסט, אויף דעם איז געזאָגט געוואָרען דער פסוק (הושע ד') כּי אתה הדעת מאסת ואמאסך גם אני (דו האָסט דאָס וויסען פערמיאוסט, וועל איך דיך אויך פערמיאוסן) ב). אין דעם ענין האָט ער נאָך געזאָגט, ווי מ'דערצעהלט: קהלת האָט געזאָגט, ויוסיף דעת יוסיף מכאוב (וואָס מעהר וויסען, מעהר שמערץ), איך זאָג, קרענקען זאָל מען און וויסען זאָל מען. אָט דאָס איז די שיטה פון זיין רבּין פון „עולם העליון", דער מהר"ל פון פראַג.

טז. אַ חסיד האָט איהם אַמאָל געפרעגט אַן עצה וועגען אַ שידוך און פערלאַנגט באַלד אַ קלאָרע תשובה. דער רבי האָט איהם געענטפערט: דו מיינסט באמת, אַז דאַמאָלס ווען מ'קומט אימיצער פרעגען אַן עצה, געהט מען אין הימעל אַריין, מ'עפענט ס'בּוך, כּדי צו זעהען, וואָס דאָרט איז איינ־געשריבען, און באַלד דערנאָך ווען ס'קומט ווידער אימיצער פרעגען אַן עצה, עפענט מען ווידער ס'בּוך אַריינצוקוקען, און אַזוי ווייטער און ווייטער. סאַרע עזות פּנים מוז דער זיין, וואָס טהוט אַזוי, נאָר דאַמאָלס ווען מ'קומט פרעגען אַן עצה, קומט מען צו גיאות, און אַז מ'האָט גיאות, האָט מען נישט קיין שכל. מוז מען צוערשט אַרבּעטען, אַוועקצושאַפען דאָס גיאות. און אַז מ'האָט שוין אַזוי געטהון, מוז מען זעהען, אויבּ די זאַך איז אויס־געהאַלטען לויטן דין תּורה, דערנאָך — אויבּ זי איז אויסגעהאַלטען לויטן יושר. דאַן קאָן מען געבּען אַ גוטע עצה. אָבּער אויף אַנ'אַנדערן אופן קאָן מען נישט ראַטען ג).

יז. ס'איז געווען אַמאָל אַ צייט, ווען אַסטראָנאָמען האָבּען פעסט־געשטעלט לויטן גאַנג פון די פּלאַנעטען, אַז די וועלט וועט אין אַ קורצער צייט אַרום אונטערגעהן. אָט די פעסטשטעלונג האָט געמאַכט אַ רושם אין דער האַנדעלסוועלט. פּראָדוקטען זענען נעמליך געפאַלען אין פּרייז. סוחרים האָבּען ווייניג געהאַנדעלט. דאַמאָלס איז געקומען אַ גרויסער סוחר פון דייטשלאַנד צום קאָצקער רבּין, איהם געפרעגט אַן עצה, אויבּ ער זאָל זיך רעכענען מיט

---

א) צוף הרי"ם. ב) רמתים צופים סימן ל"ז. ג) געהערט פון מיין פאָטער ז"ל.

דער דערמאַנטער פעסטשטעלונג פון די אַסטראָנאָמען אָדער נישט. דער רבי האָט איהם קאַטעגאָריש געענטפערט: ניין. „די אַסטראָנאָמען", האָט ער געזאָגט, האָבען אפשר אַ טענה לויט זייער שיטה, שטעהט אָבער במשמורותיהם ברקיע כרצונו, אַז דאָס ווענדט זיך אין זיין רצון, און זיין רצון איז נישט, אַז די וועלט זאָל אונטערגעהן. דער דייטשער סוחר האָט געפאָלגט זיין עצה, האָט געמאַכט גרויסע געשעפטען און איז נתעשר געוואָרען א).

יח. מיין פאָטער ז״ל, וואָס איז געווען אַ חכם, אַ מופלג בתורה, געהאַט אויך וועלטלעכע בילדונג, און איז אין משך פון תרט״ו ביז תרי״ח, געווען דריי מאָל אין קאָצק, פלעגט כל ימיו רעדען מיט גרויס התפעלות וועגען קאָצקער רבין. אַמאָל האָט ער מיר געזאָגט פאָלגענדע ווערטער: אין קאָצק, כאָטש דער וואָס האָט נישט געוואָלט גלויבען, אָבער „חכם עדיף מנביא" ג) האָט מען דאָרט געזעהען. זיינע עצות אַפילו אין האַנדעלס אַנגעלעגענהייטען זענען אייביג געווען אויסגעהאַלטען. ס'האָט אַמאָל איינער דעם קאָצקער רבין געפרעגט, ווי אַזוי ער קאָן געבען עצות אין האַנדעלס זאַכען, ער געפינט זיך דאָך גאָר נישט אין דער האַנדעלס וועלט, זייענדיג שטענדיג פערנומען מיט תורה און חסידות? דערויף האָט ער געענטפערט: „טאַקי דערפאַר, וואָס איך שטעה פון דערווייטענס, אין אַן אַנדער אָרט, קאָן איך בעסער אַריינקוקען אין דעם אָרט, וואו איך בין נישט. אַזוי איז די טבע" ג).

יט. זיין גאַנג איז געווען, צו זאָגען יענעם קורץ און שאַרף, אַז ס'זאָל געהן אין האַרץ אַריין. אַמאָל איז צו איהם געקומען איינער פון חב״ד'ישע חסידים. האָט איהם דער רבי געפרעגט, וואָס ער איז מכוון ביים זאָגען „קריאת שמע" און „שמונה עשרה". דער חסיד האָט איהם די כונה זיינע געזאָגט. דערויף האָט דער רבי געזאָגט מיט געבייזער: און ווי איז דער פיפעק? דער קאָצקער גאַנג איז נעמליך געווען אַזוי צו זאָגען, אַז ס'זאָל אָננעמען ביים פיפיק. אַ קאָצקער חסיד האָט אַמאָל געזאָגט צו אַ חסיד פון אַן אַנדערען רבי: ענקער רבי זאָגט תורה אין הימעל אַריין און אונזער רבי זאָגט תורה אינם פיפעק אַריין ד).

## ח. דאָס קאָצקער חסידות.

א. די קאָצקער חסידים האָבען זיך שטאַרק געמאַטערט, אַז יעדע עבודה, סיי אַ גשמיות'דיגע סיי אַ רוחניות'דיגע, אַפילו אויך אַ קרעכץ, זאָל זיין אָהן שום פניה, נאָר מיט דער ערליכער כונה צו טהון דעם רצון פונם בורא, ס'זאָל זיך נישט אַריינמישען קיין שום אַנדערע מחשבה. אין געגענפאַל האָט דאָס געהייסען ביי די קאָצקער אַן אַרט „עובד את עצמו", אַן אַרט דינען אַן עבודה זרה. וואָס איז דען דער חלוק, צו מען דינט צו יענעם אָדער צו זיך אַליין. זיי האָבען זעהר ענערגיש געפיהרט מלחמה

א) געהערט פון מיין פאָטער ז״ל אויך פון אַנדערע קאָצקער חסידים. ב) בבא בתרא י״ב ע״א אויך אין דער הקדמה פון זוהר בראשית. ג) ספר שיח שרפי קודש ח״ב. ד) שש״ק ח״ד עמוד 24.

מיטן עגאָאיזם, וואָס פערסמט די נשמה און פערפיהרט ב„תהו לא דרך”, מען זאָל שטענדיג זיין פערשיכורט מיט אייגענע נגיעות און קיינמאָל נישט קומען צום אמת און תמימות. מען בעדאַרף וויסען, האָט דער קאָצקער רבי געלערנט, אַז דער „איך” איז אַ בעהאַלטענער גנב, ער גנב׳ט זיך אַריין צום מענש און פערסמט איהם, און דער מענש אַליין ווייסט גאָר נישט דערפון, דער נוגע ווייסט נישט, אַז ער איז אַ נוגע.

ב. צו פיהרען אַזאַ קאַמף, מוז מען זיך שטאַרק בעמיהען, טיף אין זיך אַריינקוקען, צו זוכען און געפינען ביי זיך דעם בעהאַלטענעם „גנב”, דעם איך, און מיט פערשיעדענע עצות איהם עוקר צו זיין פון האַרצען. אָט דאָס האָט געהייסען ביי די קאָצקער „יציאה מרשות עצמו”, צו זיין ריין פון אייגענע נגיעות און פניות אַפילו אויף אַ משהו שבמשהו. אָט די „אי יציאה מרשות עצמו” איז מיינסטענס פערבונדען און פערקניפּט מיט דער שלעכטער מדה פון האַלטען און גלויבען אָן זיך אַליין. דער קאָצקער רבי האָט גע־טייטשט דיעם מאמר פון דער גמרא (ברכות כ״ט) „יוחנן כהן גדול שמש בכהונה גדולה פ׳ שנה ולבסוף נעשה צדוקי”, ער איז ביי זיך גערעכט געוואָרען.

די קאָצקער חסידים האָבען אָוועקגעשטויסען אַזעלכע עבודות, וואָס זענען לויטן מענש, וועלכער טהוט זיי, צו הויך און איז זיי נישט ראוי. אויב אַ מענש כאַפּט זיך צו דעם, וואָס ר׳איז נישט ראוי, איז עס שקר. דאָס איז אַ מין „אונאת עצמו”, זיך אַליין נאַרען מיט שקר און צביעות. זיי, די קאָצקער חסידים, האָבען דעריבער זעהר געאַרבייט אין „הכרת עצמו”, צו וויסען וואָס מ׳איז און ביי וואָס מ׳האַלט. טאָמער האָט אימיצער פון זיי גערעדט אַ דיבור, ביי וואָס ער האָט נישט געהאַלטען, אויב ס׳איז נאָר געווען אַזאַ מין תנועה, אַזאַ מין קרעכץ, וואָס איז נישט געווען אייגען, אמת און אָפענהאַרציג, האט עס געהייסען ביים קאָצקער רבין — גנבה.

ג. דער קאָצקער רבי פלעגט טשעפּען די רבנים און למדנים, וועלכע לויט זייער גדלות אין תורה און חסידות, האָבען זיי זיך געהאַלטען במעלה יתירה. אין די עשרת הדברות שטעהט „לא תגנוב”, דו זאָלסט נישט גנב׳נען, און אין פרשת קדושים שטעהט „לא תגנובו”, איהר זאָלט נישט גנב׳נען. דערויף האָט דער קאָצקער רבי געזאָגט, אַז צו אַ שעהנעם יוד קאָן מען נישט זאָגען בלשון אַתה, דו זאָלסט נישט גנב׳ענען, זאָגט מען דעריבער צו איהם „לא תגנובו”, איהר זאָלט נישט גנב׳נען. דער רבי האָט געזאָגט: „לא תגנוב”, הייסט, דו זאָלסט נישט זיין קיין גנב.

דער גרויסער כח הכרה פונם קאָצקער רבין, צו דערקענען אַ דיבור קל, אַפילו אַ נישט אכת׳ע תנועה, איז געווען געוואַלטיג. מיטן ערשטען בליק האָט ער שוין אָנגעטאַפּט יענעמס מחשבה און בעמערקט, ווי ווייט דער איך זיינער האָט איהם אָבגעהרג׳ט, כאָטש יענער ביי זיך האָט גאָר נישט גע־פיהלט די קראַנקהייט פון זיין נשמה, אָבער דערביי האָט ער איהם געגעבען די רפואה מיט זיין שאַרפען טשעפּ. אָט דאָס איז געווען אַ גאונישקייט, וואָס איז געגעבען געוואָרען פון אייבערשטען, צו דערקענען דעם מענשענס געדאַנק־ענטוויקלונג און דעם שלעכטען געדאַנק־בעהעלטעניש, וואָס בעהאַלט זיך פאַר זיין אייגענטימער אַליין.

ד. בעת איינער איז אַ גרויסער מפונק, וואָס זיין חוש הריח איז

אונגעהייער גרויס, אַזוי אַז ער קאָן דערשפּירען אַ גאַנץ קליינעם אומ־אַנגענעהמען געשמאַק, בשעת ער קומט ערגעץ, וואו ער דערשפּירט אַזאַ מין ריח, וואָס אַנדערע הויבען נישט אָן צו דערשפּירען, שרייט פון איהם דער עדעלער מפונק אַרויס: ס׳שטינקט! אַזוי אויך האָבען די אַלטע חסידים דערקלערט דעם קאָצקער רבינס אמת. ער איז אַזוי ווייט צוגעקומען צום אמת, אַז יעדעס מינדעסטע קליינינגקייט פון אַ מענשליכע בעוועגונג, וואָס איז נישט געווען אייגען, האָט עס זיין עדעלער, אמת׳ער מפונק׳דיגער חוש הריח באַלד דערפיהלט.

ה. דער קאָצקער רבי האָט געזאָגט: אַ וואָרט ווערט נישט אָבגעשאַצט לויט זיין אייגענעם אייגענשאַפט, נאָר לויטן זאָגער פונם וואָרט. יעקב אבינו האָט, למשל, געזאָגט: (בראשית כ״ט כ״א) „הבה את אשתי ואבואה אליה כי מלאו ימי״. ס׳דאַכט זיך אין פלוג, עפּעס גאָר פּראָסטלעך גערעדט, ווי רש״י ז״ל פרעגט: והלא קל שבקלים אינו אומר כן? אלא — ענטפערט רש״י — להוליד תולדות אמר כך. יעקב אבינו׳ס כונה איז דאָ געווען זעהר אַן ערליכע, אַ ריינע, נאָר בלויז מקיים צו זיין דעם רצון פון בורא. דאַגעגען אָבער ביי בלעם׳ן איז גאָר געווען פערקעהרט, ער האָט געמליך געזאָגט (במדבר): „אם יתן לי בלק מלא ביתו כסף וזהב לא אוכל לעבור פי ה׳״ (אויב בלק וועט מיר געבען אַ פולע שטוב זילבער און גאָלד קאָן איך נישט עובר זיין דאָס געבאָט פונם אייבערשטען), דאַכט זיך אין פלוג, גאַנץ שעהן גערעדט, דאָך זאָגט רש״י דערויף: „למדנו שרוחו גבוהה עליו ומחמד ממון אחרים״, (דאָס לערנט, אַז ער איז געווען שטאָלץ און געגלוסט צו פרעמד געלד).

ו. און בכדי צוצוקומען צום אמת, בכדי אַרויסצורייסען פון זיך די אייגענע נגיעות׳ן און פניות׳ן, האָבען די קאָצקער חסידים אָנגעווענדט גרויסע כחות, צו בענוצען זיך מיט דער מדה „הצנע לכת״, ווי שוין אויבען דער־מאַנט, צו דיענען דעם אייבערשטען בצנעה, דאַגעגען עפענטליך, פאַר יענעם, אַרויסווייזען זיך גאָר פערקעהרט. נאָך טיעפער זענען זיי געגאַנגען, בכדי צו דערווייטערען זיך פון דער מדה גרועה, צו האַלטען פון זיך און גלויבען אין זיך, איז זייער „הצנע לכת״ אויך געווען אַ „הצנע לכת״ אפילו פאַר זיך אַליין, מ׳זאָל אַליין גאָרנישט פיהלען, אַז מ׳טהוט עפּעס, אַז מ׳איז עפּעס.

אַ קלוגער רב האָט אַמאָל געזאָגט אַ וויץ: קאָצקער חסידים טהון מצוות בסתר און עבירות בגלוי, דאַגעגען אַנדערע טהון פערקעהרט: עבירות בסתר און מצוות בגלוי. פונדעסטוועגען כאַפּט מען געכער יענע ביי אַן עבירה, איידער אַ קאָצקער חסיד ביי אַ מצוה. אָט דער וויץ כאַראַקטעריזירט דאָס אַמאָליגע קאָצקער חסידות.

ז. אַן אַלטער קאָצקער חסיד האָט דערצעהלט: ס׳איז גאָרנישט מעגליך איבערצוגעבען, וואָס קאָצק איז געווען. די נסיעה איז שווער אָנגעקומען, קיין געלד נישט געהאַט. געגאַנגען בחבורותא צו פוס, דער אמת׳ער אחדות מיטן איינציגן התלהבות׳דיגען רצון, צו קומען קיין קאָצק, און מקבל פנים צו זיין דעם רבין, האָט אונז אַלע פעראייניגט מיט איין לב ונפש. די התלהבות מיטן אחדות האָבען דערהויבען אונזערע פיס. דער גאַנצער וועג איז ביי אונז געווען אַן עונג רוחני, ממש ווי ביי די עולי רגלים קיין

ירושלים. מ׳קומט קיין קאָצק — האָט מען בעקומען גרויס צער, וואָרום דער הייליגער צדיק איז פערמאַכט. אין די לעצטע יאָהרען האָט זיך געטראָפען, אז ר׳איז געווען פערמאַכט וואָכענלאַנג און קיינעם נישט אָנגענומען, דער צער איז געוואַלטיג, יעדער איז אַרומגעגאַנגען מיט אַ צעבראָכען האַרץ, געמאַכט ביי זיך אַ חשבון הנפש, אַדורכגעקוקט זיך מכף רגל עד ראש און בסתר זיך גוט אויסגעוויינט, נישט בחנם וויל דער צדיק נישט אָנקוקען אונזער פנים. ענדליך, דער אייבערשטער האָט געהאָלפען, מ׳האָט זוכה געווען שלום צו נעמען, דער הייליגער צדיק גיט די האַנד, גיט אַ קוק, אַזוי ווי מיט ברענענדיגע שפיזען האָט ער אַלע אברים דורכגעשטאָכען, מיר זענען בטל במציאות געוואָרען. אַרויסגעגאַנגען פון זיין שלום-שטיבל, פיהלט מען עפעס אַ שמחת הנפש, מ׳מאַכט זיך אינאיינעם אַ סעודה.

אַזוי האָבען דערצעהלט קאָצקער חסידים, יעדערער מיט אַן אַנדערען נוסח, אָבער דער תוכן הפנימי דער אייגענער א).

ח. דער אַמאָליגער סטאַשעווער רב, מחבר פון שו״ת „חבלים בנעימים״, „ספר זכרון״, „ימין ושמאל״, און „יביע אומר״, האָט געשריבען אינם מאמר „והצדיקו את הצדיק״, אַז דאָס אַמאָליגע קאָצקער חסידות, האָט אַרומגענומען 5 פאָלגענדע עקרים:

1) דער יסוד היסודות איז געווען „תלמוד גדול״, אָדער „קשר עליון דאורייתא״, ווי דער אלכסנדערער רבי אדמו״ר ר׳ חנוך העניך הכהן ז״ל האָט זיך אַמאָל אויסגעדרוקט. דאָס לערנען תורה, נביאים און כתובים, תלמוד און פוסקים. אַלע קאָצקער חסידים פלעגען לערנען יומם ולילה אָדער גענויער געזאָגט לילה ויומם, וואָרום דער עיקר לערנען זייערס איז געווען ביינאַכט, דאַמאָלס ווען מענשען שלאָפען, כדי ס׳זאָל דאָס קיינער נישט זעהען.

2) כונה און געדאַנק: כל ערום יעשה בדעת. יעדערער דאַרף טהון מיט שכל, מיטן מוח, מיט נאָכדענקען און טיעפזיניגקייט. ס׳איז גוט אַ ביסעל מיט כוונה. אָבלאָזען דאָס אויסערליכע און שטרעבען צום תוך, צום פנימיות, צו וויסען וועלכעס ס׳איז אַן עיקר און וועלכעס אַ טפל, אַוועקצוואַרפען די קליפה, די שאָל, אַרויסצונעמען די שטרויען פון דער תבואה.

3) צו מינערען אין געזאָנגעכץ, תחינות, פיוטים און יוצרות.

4) בקרת תהיה. מ׳דאַרף פרואווען די זאַך, וואָס מען טהוט. נישט נאָכטהון קיינעם אָהן חשבון, גליאַט אויס געוואוינהייט. נישט אָננעהמען אַלץ וואָס איז במוסכם, דורך אַ נאַריש גלויבען, ווי אַ חסיד שוטה.

5) זיך צו דערווייטערען פון פערגרעבטען המון. קאָצקער חסידים האָבען נישט געוואָלט דווקא אַנדערע געפעלען. כאָטש אַנדערע האָבען זיי גרינג-געשעצט. אַדרבא. זיי האָבען זיך נאָך אַזוי געשטעלט, אַז אַנדערע זאָלען מיינען, אַז זיי זענען משנה יודישע מנהגים, כדי אַנדערע זאָלען רעדען שלעכטס אויף זיי און זיך אָבשיידען פון זיי, וואָרום אָט דאָס איז געווען זייער שטרעבען, צו בלייבען אײנזאַם צווישען זיך אַ קליינע בעזונדערע חברה, מיט אַנדערע קיין חברותא נישט האָבען.

---

א) ר׳ שלמה וויינגריב, אין אויבענדערמאַנטער צייטשריפט.

ט. ווען דער בעוואוסטער רבי ר׳ יעקב אריה (ר׳ יאַנקעלי) פון ראַדזימין איז אַמאָל געווען אין קאָצק, האָט דער קאָצקער רבי צו איהם געזאָגט: יעקב! אויף וואָס איז אַ מענש בעשאַפען געוואָרען אויף דער וועלט? „אַ מענש איז בעשאַפען געוואָרען״, האָט איהם ר׳ יאַנקעלי געענטפערט, „כּדי מתקן צו זיין די נשמה זיינע״. דערויף האָט דער קאָצקער רבי איהם געזאָגט: „צי אַזוי האָבען מיר געלערנט ביי אונזער רבין אין פשיסחא? נאָר דער מענש איז בעשאַפען געוואָרען צו הייבען דעם הימעל״ א).

---

## ט. דער קאָצקער רבי האָט נישט אויפגעשריבען זיינע חידושי־תורה.

א. דער קאָצקער רבי, וואָס האָט כּל ימיו געזאָגט אָרגינעלע תּורה־ווערטער, וועלכע פיל פון זיי זענען דורך זיינע חסידים דערצעהלט, אויפגעשריבען און געדרוקט געוואָרען, האָט אַליין קיין איינציג תּורה־וואָרט נישט אויפגעשריבען. אַזוי שרייבט מיר אין אַ בריף צוו. אנד. זיין אור־אייניקעל דער בעוואוסטער סאָקאָלאָווער רבי שליט״א אַלס אַן ענטפער אויף אַ פראַגע, וואָס איך האָב צו איהם געריכטעט:

„וואָס איהר פרעגט מיך, אויב איך האָב עפּעס פערפאַסט ספרים — איהר ווייסט דאָך, אַז מיין הייליגער עלטער־זיידע פון קאָצק, האָט זעהר פער־מיאוסט אויפצושרייבען זיינע חידושי־תּורה. דעריבער האָט זיך מיין הייליגער זיידע ר׳ דוד אויך אַזוי געפיהרט. כאָטש ער איז געווען אַ ספרא רבא, האָט ער קיינמאָל נישט אויפגעשריבען אַן איינציג וואָרט תּורה זיינס. און מיין פאָטער זצ״ל, וואָס האָט יאָ עפּעס אָנגעהויבען שרייבען תּורה, האָט בשום אופן נישט געוואָלט, אַז זיינע חידושים זאָלען געדרוקט ווערען. אַ חוץ דעם קונטרס „שלום ירושלים״ האָב איך אָנגעזעהען אין איהם, אַז זיין רצון איז געווען, אַז ער זאָל געדרוקט ווערען. אַזוי אויך איך, ביי מיין לערנען האָב איך געזאָגט אַ סך חידושים, כ׳האָב זיי אין מיין יוגענד נישט אויפגעשריבען, זעהענדיג, ווי מיינע אָבות ז״ל האָבען זיך געפיהרט. נאָר ערשט פאַר עטליכע יאָהר, ווי כ׳האָב געזעהען, אַז די וועלט פיהרט זיך, אויפצושרייבען אַפילו פטימי מילי בעלמא, טהו איך טיילמאָל אויך אויפצייכענען, וואָס השי״ת טהוט פערלייכטען מיינע אויגיי, כ׳האָב ליגען פיל פנקסים מיט חידושי־תּורה, אָבער צוליב מיין שוואַכקייט קאָן איך זיי נישט מסדר זיין, ווי מען דאַרף״.

ב. און אַזוי שרייבט זיין אור־אור־אייניקעל אדמו״ר ר׳ משה ברוך

---

צו עמוד לד) ר׳ יהודה לייב גרויבאַרטס פאָטער, ר׳ בנימין, איז געווען אַ חשובער קאָצקער חסיד. אין זיין יוגענד האָט ער געלערנט תורה ביים בעוואוסטען צדיק ר׳ יחיאל מאיר פון גאָסטינין. דער־בער האָט ר׳ יהודה לייב אַזוי גוט געקענט דאָס קאָצקער חסידות און זיך אָנגענומען פאַרן קאָצקער כבוד. (זעה די הקדמה פון „חבלים בנעימים״ ח״ב).

א) שיח שרפי קודש ח״ג עמוד 71.

שליט״א מאָרגענשטערן, וולאָדאַווער רב, צו אַז דעם פאַקט, וואָס אונטער-ליגט נישט קיין ספק, אין דער הקדמה צום ספר „עטרת צבי״, וואָס זיין פאָטער, אדמו״ר ר׳ הירש ז״ל, האָט פערפאַסט:

„אין דער צייט פון מיין גרויסען זיידען, דעם ערשטען קאָצקער רבין, פלעגען צו איהם קומען טויזענדער און צעהנטויזענדער אמת׳דיגע חסידים, גאונים און צדיקים, וואָס האָבען געזוכט דעם אייבערשטען לויטן אמת פון דער תורה. זיי זענען געזעסען אין קאָצק וואָכען און חדשים, דאַמאָלס האָט ער אויף זיי משפיע געווען, אויף זיי געווירקט, אַז זיי זאָלען זיך אָנאייגנען מדות פון חסידות, טהרה און קדושה, אַזוי אַז ווען זיי זענען שפעטער אַהיימגעקומען און גענומען אַרבייטען אויף פרנסה, איז נאָך לאַנג פערבליבען אין זייערע הערצער געגוג יראת-שמים-פייער, אַז זיי זאָלען נאָך קענען משפיע זיין אויף זייער סביבה.

קומט, אַלזאָ, אויס, אַז דער קאָצקער רבי אַנשטאָט איינצושרייבען, זיינע תורות אין אַ ספר, האָט ער זיי איינגעשריבען אין די הערצער פון זיינע חסידים, ווי ס׳שטעהט אין פסוק (משלי ג׳ ג׳) כתבם על לוח לבך (שרייב זיי אויף דער טאָוועל פון דיין הארץ). צוליב דעם האָט ער נישט געדאַרפט צו פערפאַסען אַ ספר. אויך ביי זיין זוהן ר׳ דוד, וואָס האָט ממלא מקומו געווען, האָט זיך אַזוי געפיהרט. דעריבער טאַקי האָט ער אויך נישט פערפאַסט קיין ספרים. אָבער אין אַ צייט אַרום, ווען זיינע אייניקלעך און אור-אייניקלעך זענען געוואָרען רביים, — דאַמאָלס האָט זיך שוין דער עול פרנסה בעדייטענד פערגרעסערט, אַז קיין חסיד קאָן זיך שוין נישט דערלויבען צו פערלאָזען זיין היים אויף עטליכע וואָכען, און אפילו אין דער קורצער צייט, וואָס ער פערברענגט ביים רבין, ווערען אויך נישט צוליבן עול גלות די תורה-ווערטער פונם רבין איינגעקריצט אין זיין הארץ. אַזוי אַרום קאָן דאָך דאָס גאַנצע חסידות ח״ו פערגעסען ווערען, דעריבער האָט שוין מיין זיידע, אדמו״ר ר׳ ישראל ז״ל, זיך געפינען פערפליכטעט, כאָטש עפעס פון זיינע תורות אויפצושרייבען פאַר זיינע חסידים, און מיין פאָטער ז״ל האָט שוין מחבר געווען אַ ספר״.

כדאי צו בעמערקען אַז אויך דער רבי ר׳ בונם, אדמו״ר ר׳ יצחק פון וואָרקע און אדמו״ר ר׳ מרדכי יוסף פון איזביצע האָבען זייערע חידושי-תורה נישט אויפגעשריבען.

ג. פון די דערמאָנטע ווערטער איז קלאָר צו זעהען, אַז דער קאָצקער רבי האָט קיינמאָל נישט אויפגעשריבען זיינס אַ תורה-וואָרט, טראָצדעם זענען פאַרהאַן עוכרי ישראל, וואָס, שטרעבענדיג צו בעקעמפען דאָס חסידות, האָבען אויסגעטראַכט אַ שקר-בלבול, אַז דער קאָצקער רבי האָט פיל כתבים איבערגעלאָזט, נאָר צוליב אַ געוויסער אורזאַך האָט זיי דער „חידושי הרי״ם״ פערברענט. („המזרחי״ נומער 14 פון תר״פ און ס׳ „קוצק״).

## י. דער קאָצקער רבי און דער לענטשנער רבי. א)

אדמו״ר ר׳ מנחם מענדיל און אדמו״ר ר׳ שלמה ליב זענען געווען חברים אין דער צייט, ווען זיי ביידע זענען געפאָהרען צום „יוד הק׳ זצ״ל" און האָבען זיך געגענזייטיג ליעב געהאַט. נאָכן הסתלקות פון „יוד הקדוש", איז אדמו״ר ר׳ שלמה ליב, וואָס איז מיט שיינע עטליכע יאָהר עלטער געווען פון אדמו״ר ר׳ מענדלין, געקרוינט געוואָרען אַלס אַ רבי פון אַ סך חסידים און האָט זיך בעזעצט אינם שטעטעל לענטשנא, בעת אדמו״ר ר׳ מענדיל איז געוואָרען אַ פשיסחער חסיד. אָבער גוטע פריינד זענען זיי געגענזייטיג ווייטער געבליבען. אין אַ צייט אַרום, ווען ר׳ מענדיל איז שוין געווען קאָצקער רבי, האָט זיך ר׳ שלמה ליב צו איהם געווענדעט מיט אַ בריוו וועגען אַ טובה פאַר אַ יוד׳ן. אַט דעם בריוו, וועלכער בעווייזט, ווי הייליג און טייער דער קאָצקער רבי איז געווען אין די אויגען פון דעם צדיק, ווילען מיר דאָ אָהן ענדערונג איבערגעבן: ב)

שלמא רבא ונשא מאלהא קדישא וסגיא, לגברא יקירא וקדישא, חסידא ופרישא ה״ה הרב הקדוש המפורסם נר ישראל עמוד הימיני פטיש החזק מופת הדור איש אלוקי קדוש יאמר לו כבוד קש״ת מו״ה מנחם מענדיל נ״י.

הנה במקום שאמרו להאריך, הי׳ ראוי להאריך, ובפרט לאיש נכבד וקדוש כזה, איש אשר רוח אלקים בו, אלא מחמת שזוכר אני אהבת נעורינו ומאז ועד עתה ג״כ מים רבים לא יכלו לכבות את האהבה, ובאם הייתי רוצה להאריך הי׳ קצרה היריעה מהכיל, ובפרט שידעתי שאינו ראוי להאריך בדברים פשוטים, לכן בחרתי בקצור אומר. והנה באתי להמליץ עבור האי גברא הנוכחי, שהוא מבקש טובת מעלת כתה״ק כמו שיספר. לכן בקשתי שיעשה זאת למעני ולמען מדת טובו, כמו שידעתי שהוא מבקש טובות ישראל בכללן ובפרטן כו׳.

והנה שמעתי שבמז״ט נולד למעכת״ה נכד מבנו יחידו, יזכה לראות מאותו נכד נין ונכד, בנחת רוח ושמחה וחדוה רבה.

כ״ד אהובו הדורש שלומו נאום

**שלמה יהודה ליב** בהמנוח מ׳ **ברוך זלה״ה.**

ב. און אַזוי האָט דערצעהלט דער קאָצקער רבי דעם מחבר פונם ספר „רמתים צופים" ר׳ שמואל שינאַווער ג), וועגען לעטשנער רבין און

---

א) שם הגדולים החדש: הרב מו״ה שלמה יהודה ליב מלענטשנע, קדוש עליון צדיק יסוד עולם נורא מאד תלמיד הרב הקדוש מו״ה יעקב יצחק מלובלין ותלמיד מובהק של הגאון הקדוש היהודי מפרשיסחא זצ״ל, וקדושתו וחסידותו ודרכו בקודש אין די באר ואין די עולה על הכתב ונקרא אל השמים בשנת תר״ג זי״ע. ב) דער בריוו איז געדרוקט אין ספר „רמתים צופים" ח״ב ח׳. געשריבען געוואָרען איז ער, ווי ס׳זעהט אויס אַן ערך תקצ״ה, וואָרום ר׳ שלמה ליב רופט אָן זיין זוהן ר׳ דוד׳ן „איינציגער זוהן", און אין יאָהר ת״ר האָט אדמו״ר ר׳ מענדיל שוין געהאַט נאָך אַ זוהן פון צווייטען זיווג. ג) ר׳ שמואל שינאַווער איז געווען אַ רב אין וולאָדאווע, בראָק, שעדליץ, לאָוויטש און נאָשעלסק. ער איז נאָך געווען פון די חשובים ביים „יוד הקדוש" און איז נפטר געוואָרען אין עלטער פון עטליכע נייַנציג יאָהר.

וועגען זיך אַליין, לויט ווי ער שרייבט: א) דאַמאָלס ווען כ׳בין געווען אַ רב אין וואָלאַדאַווע, איז דער הייליגער קאָצקער רבי דאָרט געווען שבת חזון. האָט ער מיר דאַמאָלס דערצעהלט פאָלגענדע מעשה: אין אַ דאָרף וואָס געפינט זיך צווישען קאָצק און לענטשנא, האָט אַ יוד פיל יאָהרען געהאַלטען אין אַרענדע אַ גרויסע מיהל און האָט מצליח געווען, געהאַט זיהן און טעכטער, און איז געגאַנגען בדרך הישר. מאַכט זיך, אַז דער אייגענטימער פונם דאָרף האָט פערלאַנגט פון איהם אַ שכירות-העכערונג און איהם גע-וואָרנט, אַז אויב ער וועט דאָס נישט טהון ביז אַ געוויסען טערמין, וועט ער איהם עקסמיסירען. דער אַרענדאַר איז דאַן געפאָהרען קיין לענטשנע צום רבין און איהם געפרעגט אַן עצה. אדמו״ר ר׳ שלמה ליב האָט איהם געראַטען, אַז ער זאָל נישט העכערן דאָס שכירות, און אַז מ׳וועט איהם עקסמיסירען, זאָל ער זיך בעזעצען אין אַן אַנדער אָרט.

ווען דער טערמין פון דער עקסמיסיע האָט זיך דערנענטערט, איז דער אַרענדאַר נאָך אַמאָל געפאָהרען צום לענטשנער רבין. דער רבי האָט איהם ווייטער געזאָגט דאָס זעלביגע, ווי פריהער. אַ דריטמאָל איז ער גע-פאָהרען צו ר׳ שלמה ליב׳ן און איהם אויסגעדרוקט זיין פערלעגענהייט. אָבער ער איז געבליבען ביי זיין פריהערדיגער מיינונג. ווען דער פריץ האָט שוין געדרענגט אויפן אַרענדאַר, אַז ער זאָל פערלאָזען דאָס דאָרף, איז ער געקומען צו מיר קיין קאָצק און מיך געפרעגט אַן עצה. איך האָב איהם געראַטען, אַז ער זאָל העכערן דאָס שכירות און בלייבען ווייטער וואוינען. דער אַרענדאַר האָט מיך געפאָלגט, איז באַלד געלאָפען צום פריץ און בעשטעטיגט די שכירות-העכערונג.

אין עטליכע טעג אַרום איז ס׳ווייב פונם אַרענדאַר, געהענדיג אין גאַס, געפאַלען און שוואַך געוואָרען אויף אַלע אברים אירע, אויף הענד און פיס און אויפן דיבור. ס׳איז געוואָרען אַ גרויס געשריי ביים אַרענדאַר, וואָרום ער האָט געהאַט גרויסע און קליינע קינדער און זי איז געווען די גאַנצע עקרת הבית. באַלד זענען זיי געפאָהרען קיין לענטשנע צו ר׳ שלמה ליבן, אָבער ער האָט זיי בשום אופן נישט דערלויבט, צו איהם אַריינצוקומען. דאַמאָלס האָבען די קרובים פון דער קראַנקער פרוי געזאָגט צו זיין משמש, אַז זיי זענען נישט שולדיג אין דעם, וואָס זיי זענען געבליבען ווייטער וואוינען אינם דאָרף, וואָרום דער רבי פון קאָצק האָט זיי אַזוי געראַטען, האָבען זיי איהם געפאָלגט. ווי ר׳ שלמה ליב האָט דאָס געהערט, האָט ער זיי דערלויבט צו זיך אַריינצוקומען און האָט געזאָגט: השם הושיעה! דאַן איז די קראַנקע פרוי געהיילט געוואָרען.

און אפשר קאָן זיין צווישען אונז ביידע עפעס אַן הקפדה, האָט ווייטער דער קאָצקער רבי געזאָגט, אָבער כ׳וועל דיר דערצעהלען, דאַמאָלס ווען דער אַרענדאַר איז געקומען צו מיר און דערצעהלט די מעשה, און וואָס דער לענטשנער רבי האָט געראַטען, האָב איך פערשטאַנען און געוויסט די כוונה זיינע, אַז ס׳טויג נישט פאַר דעם אַרענדאַר, דאָרטען צו בלייבען וואוינען, און דער אייבערשטער האָט געמאַכט אַן אורזאַך, כדי איהם און

א) רמתים צופים חלק ב׳ סימן ז׳.

זיין פאַמיליע אָט פון דעם מציל צו זיין. דעריבער האָט ער געהייסען, אַז דער אַרענדאַר זאָל נישט העכערען דאָס שכירות. דאָס האָב איך גוט געוואוסט. פון דעסטוועגען איז מיין דעה אַנדערש געווען, וואָרום כ׳האָב געוואוסט פון זיין שטאַנד, אַז ער איז אַ גרויסער מטופל, צוליב דעם איז געווען מיין מיינונג, אַז ס׳איז מעהר סכנה פאַר איהם און זיין הויזגעזינד, ווען ער וועט זיך פון דאָרטען אַרויסציהען. דערפאַר האָב איך געזאָגט, אַז ער זאָל דאָרט בלייבען וואוינען. אָבער דאָס איז נישט קיין סתירה, קיין אָבוועגדונג ח״ו צו זיין דעה, וואָרום לויט מיין מיינונג איז אָט דאָס געווען מעהר סכנה פאַר איהם״.

„דאָס אַלץ האָב איך געהערט פון הייליגען קאָצקער רבין״, שרייבט ר׳ שמואל שינאַוווער צום סוף „און כ׳האָב דאָס פערצייכענט, כדי מ׳זאָל זעהן, ווי גרויס ס׳זענען די ווערטער פון אַ צדיק און די אויגען פון זיין חבר, אין געגענטייל ווי ס׳איז אָנגענומען ביי די שוטים״.

ג. ס׳קאָן זיין, אַז דאָס, וואָס אדמו״ר ר׳ שלמה לייב האָט געראַטען דעם אַרענדאַר, אַז ער זאָל נישט העכערען דאָס שכירות, איז זיין כוונה געווען, כדי ער זאָל טאַקי נישט בלייבען וואוינען אין דאָרף, נאָר זיך ציהען אין שטאָט אַריין, וואו מ׳קאָן געכער אָבהיטען ס׳יודישקייט, איידער אין אַ דאָרף, אַזוי האָט זיך אויך אַמאָל געפיהרט דער רב הקדוש פון לאַדי, ווי ער אַליין האָט עס דערצעהלט א):

„אַמאָל ווען כ׳בין געקומען פון מעזריטש אין זעהר אַ קאַלטען ווינטער טאָג, זענען מיינע פיס געפרוירען געוואָרען, אַזוי אַז דער פוהרמאַן איז געווען געצוואונגען, מיך אַריינצופיהרען אין אַ גאַסטהויז פון אַ דאָרף. דאָרט איז געווען אַ בעל-בית, אַן אַלטער מאַן, אַ כשר׳ער יוד. ער האָט מיר געריבען די פיס מיט שניי און מיט בראָנפען, ביז זיי האָבען זיך צוריק גוט דערוואַרמט. כ׳האָב געפרעגט דעם זקן, ווי לאַנג ער וואוינט שוין אין דעם גאַסטהויז. „שוין מעהר ווי 50 יאָהר״ האָט ער מיר געענטפערט, „צי האָט איהר דאָ אַ מנין צו דאַווענען?״ האָב איך געפרעגט, „ניין, נאָר אויף די ימים נוראים פאָהר איך אַריין אינ׳ם שטעטעל, וואָס געפינט זיך 4 מייל פון דאַנען״, האָט ער געענטפערט, „צי אַזוי איז דער דין, אַז אַן אַלטער יוד זאָל כל ימיו נישט דאַווענען תפלה בצבור און נישט זאָגען קדושה וברכו? פאַרוואָס וואוינט איהר דען נישט אין שטאָט? האָב איך ווייטער געפרעגט. דערויף האָט מיר דער זקן געענטפערט מיט אַ פראַגע: פון וואַנען וועל איך האָבען פרנסה אין דער שטאָט? — האָב איך איהם געפרעגט: „וויפיל יודען וואוינען אין דער שטאָט?״ „קעגען הונדערט״, האָט ער געזאָגט. האָב איך איהם ווייטער געפרעגט: „פאַר הונדערט יודען האָט דער אייבערשטער צו געבען פרנסה און פאַר אייך וועט ער נישט האָבען?״ —

דערנאָך האָב איך איהם געזאָגט: „וויסען זאָלט איהר, אַז איך בין אַ תלמיד פון [illegible]זער רבין ר׳ בער פון מעזריטש״. ווי דער זקן האָט דאָס דערהערט, איז ער אַוועקגעגאַנגען פון מיר. אין אַ האַלבע שעה אַרום האָב איך געזעהן אין דרויסען שטעהן פול-געפאַקטע וועגען מיט שטוב-זאַכען.

---

א) ספר החסידות פון אברהם כהנא עמוד 203.

האָב איך געפרעגט דעם זקן, וואָס זענען דאָס סאָרע חפצים? „דאָס זענען די זאַכען פון מיין וואוינונג, איך פאָהר פון דאַנען אוועק, ווי דער רבי האָט מיך געהייסען" האָט ער מיר געענטפערט.

דער רַב הקדוש האָט בעאָבזיכטיגט מיט אָט דער ספור-המעשה צו בעווייזען, ווי שטאַרק ס'איז דאַמאָלס געווען איינגעוואָרצעלט די אמונת-חכמים ביי יודען. יעדענפאַלס זעהט מען, אַז ער, דער רב פון לאַדי, האָט געהייסען אַ יוד אַרויסציהען פון אַ דאָרף צוליב יודישקייט, כאָטש ער האָט געהאָט דאָרט פרנסה. דאָך איז דאָס, דאַכט זיך, נישט קיין סתירה צו דער דערמאַנטער עצה פון קאָצקער רבין, וואָרום דער דערמאַנטער אַלטער בעל-אַכסניא, איז נישט געווען, ווי ס'זעהט אויס, אַזאַ מטופל, ווי דער אַרענדאַר ביי לענטשנע און קאָצק, דעריבער איז ביי איהם די סכנה וועגען פרנסה נישט געווען אַזוי גרויס, ווי ביי יענעם. —

ד. אַמאָל איז געקומען דער קאָזיניצער רב, ר' יעקב דוד, וואָס איז געווען אַ לענטשנער חסיד, צום קאָצקער רבין, האָט איהם דער רבי גע-פרעגט, וואָס מאַכט דיין רבי און האָט געזאָגט: „איך האָב איהם זעהר ליב, אָבער פאַרוואָס שרייט ער צום אייבערשטען, אַז ער זאָל שיקען משיח'ן, פאַרוואָס שרייט ער נישט צו די יודען, אַז זיי זאָלען תשובה טהון, אָט דאָס זאָגט דער פסוק (שמות י"ד—ט"ו): מה תצעק אלי, דבר אל בני ישראל" א).

---

## יא. דער קאָצקער רבי אַ תלמודישער גאון.

א. דער קאָצקער רבי איז געווען אַ גאון חריף, איינער פון די גרעסטע גאונים אין זיין צייט. אַזוי האָבען פעסטגעשטעלט בעוואוסטע גאונים, ווי דער „חידושי הרי"ם" און אַנדערע, וועלכע האָבען איהם גוט געקענט. און ער האָט נישט בלויז דערויף אַכטונג געגעבען, אַז זיינע חסידים זאָלען לערנען גמרא מיט תוספות, ווי שוין אויבען דערמאַנט, נאָר זיי זאָלען אויך עפעס אויפטהון ביים תורה-לערנען, מחדש זיין חידושי תורה, ווי זיין אַמאָליגער רבי פון זיין יוגענד-צייט, דער בעוואוסטער גאון ר' יוסף הויכגעלערנטער, האָט געטייטשט דעם מאמר חז"ל (פסחים נ' ע"א): „אשרי מי שבא לכאן ותלמודו בידו", אין זיין ספר „משנת חכמים", אַז וואויל איז דעם, וואָס קומט דאָ אַהער מיט זיין אייגען לערנעכץ, ד. ה. וואָס ער אַליין איז מחדש ביי זיין תורה-לערנען. צווישען קאָצקער חסידים איז פאַרהאַן געווען פיל רבנים, גרויסע למדנים און יונגע לייט מופלגים. מיט זיי אַלע פלעגט דער קאָצקער רבי שמועסען אין פלפול פון הלכה. אָט די למדנים האָבען געוואוסט, אַז מ'קומט קיין קאָצק מוז מען מיט-ברענגען עפעס אַ גוט פשטל נאכצוזאָגען פאַרן רבין. „האָסט עפעס אויפ-געטהון"? אַזוי פלעגט דער קאָצקער רבי פרעגען כמעט יעדען בן תורה, וואָס איז צו איהם געקומען.

---

א) ספר שיח שרפי קודש ח"א עמוד 61.

ב. דער קאָצקער רבי האָט ליעב געהאַט אמת׳דיגע סברות, נישט קיין לאַנגע פּלפּולים. בנוגע דעם סדר הלימוד, זע.זט אויס, אַז ס׳האָט אויך געהאַט אויף איהם אַן השפעה דער רבי זיינער פון „עולם העליון”, דער מהר״ל פון פראג, וואָס האָט אויך אַזוי געשריבען אין זיין ספר „באר הגולה” (באר ג׳). ווען דער זגיערזער רב, ר׳ שלום הירש הכהן, וואָס איז כל ימיו געווען אַ תופס־ישיבה און האָט געלערנט אויפן אָרט, ווען ער האָט איהם נאָכגעזאָגט זיינס אַ סברא, האָט ער זי, ווי מיין פאָטער האָט מיר דערצעהלט, שטאַרק מחבב געווען. דעם אַמאָליגען לאָדזער רב, ר׳ משה ליפּשיץ, פלעגט ער פרעגען: „האָסט מיר עפּעס געברענגט לייפּציגער סחורה?” דערפאַר וואָס פריהער, איידער ער האָט אָנגענומען אַ כסא רבנות, פלעגט ער פאָהרען קיין לייפּציג איינצוקויפען מאַנופאַקטור־סחורה. און דער בעוואוסטער גרויסער חסיד ר׳ וואָלף לאַנדא, אַ זוהן פון טשעכאַנאָווער רבין, ווען ער איז געקומען קיין קאָצק, האָט געמוזט דעם רבין מיטברענגען אַ דבר־תורה פון זיין פאָטער.

ג. דער „מאיר עיני הגולה” דערצעהלט א): אַמאָל איז ר׳ וואָלף געקומען קיין קאָצק, האָט איהם דער רבי געפרעגט, אויב ער האָט מיטגעברענגט אַ פּשטל פון זיין פאָטער. „כ׳האָב פערגעסען”, האָט ר׳ וואָלף געענטפערט. „אויב אַזוי”, האָט דער רבי קאַטעגאָריש געזאָגט, „טאָ פאָהר צוריק און ברענג מיר עפּעס פון איהם”. ר׳ וואָלף האָט אַזוי געטהון. צוריקפאָהרענדיג האָט ער אָפּגעטרעטען אין וואַרשא און איז אַריינגעגאַנגען צום „חידושי הרי״ם”. ער האָט איהם דערצעהלט זיין פערלעגענהייט, צוליב וואָס ער מוז צוריק פאָהרען. האָט איהם דער „חידושי הרי״ם” געבעטען, אַז ווען ער וועט צוריקפאָהרען פון טשעכאַנאָוו, זאָל ער ביי איהם אָפּטרעטען, ווארום ער איז נייגעריג צו וויסען דעם דבר־תורה, וואָס ער פיהרט פון טשעכאַנאָוו קיין קאָצק. ר׳ וואָלף האָט אַזוי געטהון. האָט דאָס פּשטל דעם „חידושי הרי״ם” שטאַרק געפאָלען. דאַן האָט ער איהם ווידער געבעטען, אַז ווען ער וועט צוריקפאָהרען פון קאָצק, זאָל ער ווידער ביי איהם אָפּטרעטען, און איהם דערצעהלען, וואָס דער קאָצקער רבי האָט געזאָגט צו אָט דעם פּשטל. אָבער ווען ר׳ וואָלף האט איבערגעזאָגט דעם טשעכאַנאָווערס תורה־וואָרט פאַרן קאָצקער רבין, האָט ער עס תיכף אָפּגעוואָנדען און אויסגעוויזען, ווי אַזוי דאָס וואָרט איז נישט אויסגעהאַלטען לויטן אמת.

ווען ר׳ וואָלף האָט שפּעטער צוריקוועגס איבערגעזאָגט דעם „חידושי הרי״ם” די מיינונג פונם קאָצקער רבין בנוגע זיין פאָטערס פּשטל, איז ער שטוינענדיג געבליבען שטעהן אַ ווייל און האָט געזאָגט: „וואָס איז אַ חידוש, ווארום איבער וואָס מיר בעמיהען זיך אַ גאַנצען טאָג, טהוט ער אַדורכקוקען אין איין בליק”.

ד. דער סאכאטשאווער רבי אדמו״ר ר׳ אברהם ז״ל, דער מחבר פון „אגלי טל” און „אבני נזר”, שרייבט אין דער הקדמה פון „אגלי טל”: „ווען כ׳בין אַלט געווען 10 יאָהר, האָב איך שוין מחדש געווען חידושים, דערנאָך בין איך אַריינגעקומען אינם הויז פון מיין שוועהר, דעם רבין פון

---

א) ח״ב עמוד 29.

קאָצק זצ״ל, דער קוואַל פון חכמה און פערשטענדעניש, פון איהם האָב איך געלערנט דעם דרך פון עיון, פון איהם בין איך געוואויר געוואָרען, וואָס ס׳הייסען באמת חידושי־תורה, וואָרום נישט אַלע פלפולים זענען חידושים, ס׳איז אומגלויבליך, ווען מען דערצעהלט פון דער גרויסער השגחה, וואָס ער האָט אויף מיר געהאַט, אויך בנוגע דעם סדר הלימוד און די חידושים וכו׳, און כ׳האָב געהערט פון מורי חמי ז״ל, אַז אויך אין זיין צייט האָט ער מתרעם געווען אויף דער וועלט, פאַרוואָס זיי זענען וועניג מעיין אין הלכה מיני׳ ובי׳, און מיך האָט ער זעהר געווארנט, אַז כ׳זאָל לערנען אין פשט, אַזאַ שטייגער ווי דער ספר פון מהרש״א און מהרש״ך וכו׳״.

ה. און נאָך האָט ער דערצעהלט: אַמאָל ווען ער איז געווען שוואַך, און האָט געברויכט רפואות, אַזוי אַז דאָקטוירים האָבען איהם פערבאָטען זיך אָנצושטרענגען מיט לערנען בעיון, ווי זיין שטייגער איז געווען, דאַמאָלס האָט ער נאָר געלייענט ספרים קדושים. ווען ער איז אַמאָל אַריינגעקומען צו זיין שווער, שמועסען אין לערנען, ווי ער האָט זיך יעדערן טאָג געפיהרט, האָט איהם דער רבי געפרעגט, אין וועלכען ספר ער האָט הייגט געקוקט. „אין ספר בחינות עולם״, האָט ער געענטפערט. דערויף האָט איהם דער רבי געזאָגט: „וואָס האָט אָט דער מחבר מחדש געווען, דערקלערענדיג, אַז די וועלט איז הבל, אָהן איהם ווייסט אויך יעדערער מענש, אַז די וועלט איז הבל, נאָר פון וואַנען האָט דער חומר, דאָס פלייש פונם מענש אַ ידיעה דערפון, אָבער דורכן לערנען אַ בלאַט גמרא, דורך דער יגיעה אינם לימוד, ווייסט דאָס פלייש פונם מענש אויך דערפון. אָט דאָס איז געווען די כונה פון דער שירה „האזינו השמים״, וואָס משה רבינו האָט געזאָגט צו די יודען פאַר זיין פטירה. ער האָט נעמליך געווירקט אויף זיי אויף אייביג, אַז די תורה־ווערטער זאָלען לייכטען אינם פלייש אַריין פונם מענש. דאָס איז דער טייטש פונם פסוק „יערוף כמטר לקחי״, און דאָס איז באמת געווען אַ גוט געזעגענען מיט די יודען״ א).

און צו דערצעהלען פלעגט אָט דער גאון, און כמעט אין יעדען יום־טוב פון שבועות האָט ער דאָס דערצעהלט אין נאָמען פון זיין גרויסען שווער, דעם קאָצקער רבין, אַז צוליב דעם איז דער בעל שם טוב הקדוש געקומען אויף דער וועלט און איינגעפיהרט אַ נייעם דרך אין דער עבודה צום אייבערשטען דורך חסידות, איז נישט דערפאַר, וואָס אָט דער וועג איז העכער פונם תורה־וועג, וואָס האָט זיך פריהער געפיהרט, נאָר דערפאַר וואָס בעוה״ר איז דאַמאָלס געוואָרען אַ פגם אין דער תורה דורך די פאַלשע־פשטלעך, וואָס רבנים האָבען געזאָגט, דהיינו, אַז פרעה האָט געהאַלטען ווי אביי אָדער רבא, און דערגלייכען, דעריבער איז געווען אַ גרויסער קטרוג אין הימעל, און ס׳איז נישט געווען קיין אַנדערע עצה נאָר אַהער־צושיקען אויף דער וועלט דעם בעש״ט הקדוש, כדי אָנצוהויבען אַ נייעם דרך, אָבער אַ חוץ דעם איז דער דרך פון תורה לערנען, צו דערנעהנטערען זיך צו השי״ת, זעהר פיל העכער פון יענעם ב).

ו. די גמרא זאָגט (גיטין ס׳ ע״א), אַז מ׳האָט מתיר געווען אויפצושרייבען

א) אביר הרועים עמוד מ״א. ב) דאָרט סימן ק״י.

תּורה־שבעל־פּה, כאָטש מ׳האָט דאָס נישט געדאַרפט טהון, לויט ווי ס׳איז געדרינגען פונם פּסוק (שמות ל״ד כ״ז) כתב לך את הדברים האלה (שרייב די דאָזיגע ווערטער אין אַ ספר), אַז דווקא תּורה־שבכתב (תנ״ך) דאַרף מען אויפשרייבען, אָבער נישט תּורה־שבעל־פּה, נאָר מ׳האָט עס מתּיר געווען, ווייל מ׳האָט זיך סומך געווען אויפן פּסוק (תהלים קי״ט) עת לעשות לה׳ הפרו תורתך. ערקלערט רש״י: כּדי די תּורה זאָל נישט פערגעסען ווערען, איז אוממעגליך מ׳זאָל זי נישט שרייבען.

דאַרויף האָט דער קאָצקער רבי געפרעגט, ווי שיקט זיך צו זאָגען, אַז די גאַנצע תּורה פון אונזערע חכמים ז״ל, אַלע ענינים פון הלכה און אגדה, זענען נאָר אויפגעשריבען געוואָרען צוליב דעם דערמאָנטען פּסוק? „נאָר ס׳זעהט אויס״, האָט ער געזאָגט, „אַז די גאַנצע תּורה־שבעל־פּה איז באמת נאָך נישט אויפגעשריבען געוואָרען״.

„זיין כּוונה איז געווען״, דערקלערט דער אויבענדערמאָנטער וואָלאָדאַווער רב, אדמו״ר ר׳ משה ברוך שליט״א, אין דער הקדמה צום ספר „עטרת צבי״, „אַז אַזוי ווי זי איז אָהן אַ שיעור לאַנג און ברייט, ווי ס׳שטעהט אינם פּסוק (איוב ט׳) ארוכה מארץ מדה ורחבה מני ים, און ווי די גמרא זאָגט (עירובין כ״א ע״א), אַז זי איז מעהר ווי דרייטויזענדמאָל אַזוי גרויס ווי די גאַנצע וועלט — איי ווי אַזוי איז דאָס, מ׳זעהט דאָך, אַז די תּורה האָט יאָ אַ שיעור, דהיינו 6 סדרים משניות און 36 מסכתות גמרא? נאָר דאָס איז דאַדורך, וואָס די תּורה־שבעל־פּה פערברייטערט און פערלענגערט זיך אין יעדערן דור, און אַלץ וואָס די תּלמידי חכמים זענען מחדש דורך זייער יגיעה אין דער תּורה, אין גמרא און מדרשים, איז אַלץ בכלל פון תּורה־שבעל־פּה. אָט צוליב דעם האָט מען געמוזט די גמרא און מדרשים אויפשרייבען, כּדי די חכמי ישראל זאָלען האָבען די מעגליכקייט, פון זיי אַרויסצודרינגען נייע תּורות, נייע חידושים. אָבער אין פאַל זיי וואָלטען נישט אין שריפט פעראייביגט געוואָרען, וואָלט גאָהר קיין מעגליכ־קייט נישט פאַרהאַן געווען, אַרויסצוקריגען פון די טיפעניש׳ען פון דער הייליגער תּורה נייע פּריל. אָט דאָס האָט דער קאָצקער רבי געמיינט, זאָגענדיג, אַז די גאַנצע תּורה־שבעל־פּה איז נאָך נישט אויפגעשריבען געוואָרען״.

ז. מיין פאָטער ז״ל, ווען ער איז געווען אין יאָהר תּרי״ז אין קאָצק, האָט איהם דער רבי געפרעגט: ביזט עפּעס מחדש אין לערנען? „ניין״, האָט ער געענטפערט, „כ׳לערן אויפן אָרט. כ׳האָב געלערנט בחור׳וויי״ז ביים שעראַדזער רב, מיין פעטער ר׳ אברהם לעווי ז״ל, וואָס איז געווען אַ גדול בתּורה, האָט ער אויך ווייניג מחדש געווען, נישט געזאָגט זיינע פּלפּולים, נאָר סברות אויפן אָרט״. דערויף האָט איהם דער רבי געזאָגט: „דער פּלפּול, כאָטש ר׳איז אפשר נישט אמת, אָבער די ראשונים, אויף וועלכע דער פּלפּול איז געבויעט — זיי זענען אמת״.

דער גאון הגאונים פון פריהערדיגען דור, ר׳ יהושע׳לי פון קוטנא האָט געזאָגט, אַז דער נצחון און קיום פון קאָצקער חסידות איז נאָר דערפאַר, וואָס דער קאָצקער רבי האָט פערקניפּט דאָס חסידות

מיט אַ שטיקעל גמרא [א]. דאָס איז טאַקי דער כח פון אַ תלמודישען גאון.

ח. דער קאָצקער רבי האָט אַמאָל געפרעגט: ס׳איז פון אייביג אָהן דער מנהג ביי מחברים, צו מאַכען אַן הקדמה צו זייערע ספרים, אַזוי אַז מ׳זאָגט, אַ ספר אָהן אַ הקדמה, איז ווי אַ גוף אָהן אַ נשמה, פאַרוואָס, אַלזאָ, האָט דער אייבערשטער נישט געמאַכט אַן הקדמה צו זיין תורה? אָבער באמת, האָט ער געזאָגט, האָט דער אייבערשטער אויך געמאַכט אַ הקדמה צו זיין ספר, דאָס איז דרך ארץ, ווי די גמרא זאָגט: „דרך ארץ קדמה לתורה". דער דוואָהרטער רב, ר׳ מאיר דן ז"ל, האָט דעם מאמר פון קאָצקער רבין דערקלערט, אַז די זיבען מצות, וועלכע די בני־נח זענען געבאָטען געוואָרען, זענען בכלל דרך ארץ, און אָט די מצוות זענען געזאָגט געוואָרען איידער מ׳האָט געגעבען די תורה [ב].

## יב. דאָס התנגדות אויף קאָצק.

א. דאָס געהויבענע קאָצקער חסידות, וועלכעס ס׳האָט אָנגעצויגען טויזענדער און צעהנטויזענדער חסידים, האָט אָבער אויך אַרויסגערופען גרויס התנגדות, סיי ביי חסידים פון אַנדערע רביים, סיי ביי פרומע מתנגדים. אָט דאָס התנגדות איז אייגענטליך געווען אַ פאָרטזעצונג פונם התנגדות אויפן פשיסחער חסידות, וועלכעס ס׳איז איבערגעגאַנגען קיין קאָצק, וואו ס׳איז פערשאַרפט און פערטיעפט געוואָרען. אינם „הצנע־לכת"׳דיגען חסידות, נעמליך צו דיענען דעם אייבערשטען בצנעה, אין פערבאָרגענהייט, און עפענטליך, פאַר יענעם, זיך אַרויסצווייזען פערקעהרט, אין דעם חסידות האָט די וועלט קיין בעגריף נישט געהאַט, צוליב וואָס מ׳האָט דערויף געקוקט מיט פערדאַכט און בטול. און די משכילים ווידער האָבען געזעהען אינם קאָצקער חסידות אַ שוצוואַל, אַ פעסטונג פאַרן חסידות, און דערפאַר האָבען זיי אָט דאָס חסידות בעקעמפט מיט פאַמפלעטען, מיט שקרים און כזבים, וואָס זיי האָבען אויסגעקלערט.

בעזונדערס האָט זיך אָט דאָס התנגדות פערשטאַרקט אין גאַליציען. דאָרטען איז נעמליך נאָר געווען אַ קליינער קבוץ פון קאָצקער חסידים. פונם ערליכען אינהאַלט פון קאָצקער חסידות האָט מען דאָרטען קנאַפּ געוואוסט, ס׳האָט דאָרטען נאָר דער אויסערליכער שיין פון אָט דעם חסידות געצויגען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט, וואָס ס׳האָט געבראַכט צו התנגדות און רדיפות קעגען קאָצקער חסידים. די גאַליציאַנישע משכילים האָבען פערשפרייט אַ קלאַנג, אַז די קאָצקער חסידים ז ע נ ע ן ז יי ע ר, וואָס ס׳האָט פערגרעסערט דאָס התנגדות קעגען קאָצק ביי מתנגדים און אַנדערע חסידים. מ׳זאָגט, אַז די גאַליציאַנישע רבנים, וואָס אין זייער שפּיץ איז געשטאַנען דער בוואוסטער גאון ר׳ יעקב אָרנשטיין, דער מחבר פונם ספר „ישועות יעקב", האָבען געהאַט בדיעה, צו אַסרן חיתון מיט קאָצקער חסידים [ג].

---

א) ר׳ שלמה וויינגריב, קאָצקער חסידות. ב) זעה סוף פון ספר אוהל־תורה. ג) ר׳ שלמה וויינגריב, קאָצקער חסידות: אין די דערמאַנטע אָרטאָדאָקסישע בלעטלעך.

ב. אַ מעשה איז געווען, דער קאָצקער רבי איז קראַנק געוואָרען און איז געפאָהרען קיין לעמבערג, כדי צו זוכען היילונג בײַ לעמבערגער דאָקטוירים. איז ער איינגעשטאַנען אין אַ האָטעל. און אין אַ נומער נעבען זיינעם האָט געוואוינט אַ קריסט, וואָס האָט געטראָגען אַ באָרד און האָט אויסגעזעהען ווי אַ יוד. פרייטאָג־צו־נאַכטס האָט דער קריסט אַרויסגעשטעקט זיין קאָפּ פונם פענסטער רייכערנדיג אַ ציגאַר. דערפון האָט זיך אין לעמבערג פערשפּרייט אַ קלאַנג, אַז דער קאָצקער רבי האָט גערייכערט אַ ציגאַר אין שבת, וואָס האָט אַרויסגערופען אַן אויפרעגונג בײַ די לעמבערגער יודען.

דער דערמאָנטער לעמבערגער רב האָט געמאַכט אַ גביות־עדות, פון וואָס ער האָט פעסטגעשטעלט, אַז די דערמאָנטע מעשה איז אמת.

שפּעטער אָבער זענען צו דעם גאון געגאַנגען חשובע חסידים פון וואַרשאַ, וועלכע זענען געקומען קיין לעמבערג לכבוד דעם רבין, און האָבען איהם אויסגעוויזען זיין פורכטבאַרען טעות א).

ג. דער סאָכאַטשאָווער רבי אדמו״ר ר׳ אברהם ז״ל, ווען ער איז געווען אַ יונגעל און האָט געשמ׳ט אַלס אַ געוואַלטיגער עלוי, האָט מען איהם גערעדט זעהר גרויסע שידוכים. כאָטש דער פאָטער זיינער הרב ר׳ וואָלף נחום באָרנשטיין ז״ל איז דאַמאָלס געווען אַ רב אין אַ קליין שטעטעל אָלקוש, האָבען זיך דאָך גרויסע לייט געוואָלט מיט איהם משדך זיין צוליבן גאונישקייט פון זיין זוהן. דעם ערשטען שידוך האָט מען איהם גערעדט מיטן בעוואוסטען גאון און צדיק אדמו״ר ר׳ חיים פון צאַנז ז״ל. דער גרויסער צאַנזער רבי האָט געבעטען דעם אָלקושער רב, אַז ער זאָל קומען מיט זיין זוהן קיין צאַנז, כדי איהם צו פּרובן. הרב ר׳ וואָלף נחום ז״ל האָט אַזוי געטהון. אדמו״ר ר׳ חיים האָט בעוואונדערט דאָס גאונישקייט און די גוטע מדות פונם אָלקושער עילוי. מ׳זאָגט, אַז ער האָט פעסטגעשטעלט, אַז אָט דאָס בחורל האָט אַזאַ מוח, ווי דער רבי ר׳ יונתן האָט געהאַט. גאַנץ גערן האָט, אַלזאָ, ער איהם געוואָלט נעמען פאַר אַן איידעם. אָבער דאָך איז פון שידוך נישט געוואָרען. צוליב וואָס? צוליב דעם וואָס דער אָלקושער רב, ר׳ וואָלף נחום, איז געווען אַ קאָצקער חסיד, וואָרום בײַם סאַנדזוער רבי איז געווען אַ התנגדות אויפן קאָצקער חסידות ב). שפּורען פון פערצייטישען גאַליציאַנער התנגדות אויף קאָצק זענען אויך צו זעהען אינם ספר „חסידיזמוס", וואָס דער בעוואוסטער תלמיד־חכם און חסיד ר׳ אהרן מאַרקוס פון קראקא האָט אַרויסגעגעבען אין דער דייטשער שפּראַך, (חסידיזמוס עמוד קס״ז—קע״ה). און לויט איהם האָט זיך געריכטעט דער גאַליציאַנער גדול און חסידות־פאָרשער ר׳ יקותיאל אריה קאמעלהאַר אין זיין ספר „דור דעה" (בילגוריי תרצ״ג). בעת ער שרייבט נעמליך אין אָט דעם ספר וועגען אַלע גרויסע אדמורי״ם פון גאַליציען און פּוילען, שרייבט ער וועגען קאָצקער רבין קיין איין וואָרט נישט. זיי האָבען נישט פערשטאַנען דאָס גרויסקייט

א) שיח שרפי קודש ח״ג. ב) מען דערצעהלט, אַז דער סאַנדזער רב ז״ל האָט אין אַ שפּעטערער צייט אויסגעדרוקט חרטומות אויף זיינע זיהן, אַז דורך זייער אָבּרעדען פון שידוך איז דער „אור תורה" נישט געקומען אין זיין הויז אריין. (ספר אביר הרועים סימן כ״ג).

פון אָט דעם צדיק און די גרויסע השפעה, וואָס ער האָט אויסגעאיבט אויפן פוילישען חסידות בכלל. פון די פאַראורטיילען, וואָס זיי האָבען געהאַט אויף קאָצק, האָבען זיי זיך נישט געקענט בעפרייען.

אָבער בכלל איז דאָס התנגדות אויף קאָצק שוין לאַנג פערשוואונדען, פונקט אַזוי ווי ס'איז פערשוואונדען דאָס התנגדות אויף די ערשטע חסידים: דער בעש"ט, דער תולדות יעקב יוסף, דער רבי ר' בער פון מעזריטש, דער רב פון לאַדי, ר' לוי יצחק בערדיטשעווער און אַנדערע, כאָטש אין זייער צייט איז אויף זיי אויך געווען אַ התנגדות און קעגען זיי איז אָנגעשריבען געוואָרען אַ גאַנצע ליטעראַטור. שוין לאַנג ווייסט מען, אַז די מתנגדים בעזונדערס די משכילים האָבען מיט פאַלשקייטען בעקעמפט דאָס חסידות. און דאָס איז אויך דער פאַל בנוגע דעם קאָצקער רבין. מ'זעהט נעמליך זיינע גרויסע תלמידים, וועלכע זענען געקריינט געוואָרען אַלס רביים נאָך זיין הסתלקות, ווי זיין זוהן אדמו"ר ר' דוד, דער "חידושי-הרי"ם", אדמו"ר ר' העניך פון אַלכסנדר, אדמו"ר ר' יחיאל מאיר פון גאָסטינין, אדמו"ר ר' וואָלף פון סטריקוב, זיין איידעם אדמו"ר ר' אברהם פון סאָכאַטשוב, זיינע אייניקלעך אדמו"ר ר' ישראל פון קאָצק-פילעוו, אדמו"ר ר' הירש פון לאָמאַז, אדמו"ר ר' שמואל פון סאָכאַטשוב, און זייערע זיהן, (להבב"ח לח'), וועלכע זענען אָנגענומען אַלס גאונים און אדמורי"ם פון טויזענדער חסידים; היינט דער "שפת אמת", דער גרויסער גערער רבי, דאָס אייניקעל פון "חידושי הרי"ם", וואָס האָט זיך אויך געהאַלטען פאַר אַ קאָצקער חסיד. זעהענדיג אָט דאָס אַלץ, ווייסט מען אויף זיכער, אַז דאָס אַמאָליגע קאָצק איז געווען אַן אָרט פון תורה און חסידות, קדושה און טהרה, וואָס האָט משפיע געווען אויף אַ גרויס חלק פון פוילישע חסידים און אָט די השפעה האָט נאָך נישט אויפגעהערט ביזן היינטיגען טאָג. מ'ווייסט, אַז דער קלאַנג, וואָס גאַליציאַנער משכילים האָבען פערשפרייט, אַז "די קאָצקער חסידים זענען זייער", איז נאָר אַ נאַרישע לעגענדע, וואָס איז ענטשטאַנען אין עפעס אַ היצקאָפּ פון אַ משכיל, מיט דער טענדענץ צו בעקעמפען דאָס קאָצקער חסידות.

„צווישען אָרטאָדאָקסישע יודען איז שוין, אַלזאָ, אויפן ערשטען קאָצקער רבין קיין התנגדות מעהר נישט פאַרהאַן. אדרבא. אין יודיש-אָרטאָדאָקסישע קרייזען ווערט מען בעגייסטערט, בעת זיי הערען דאָס וואָרט קאָצק. אין טיפען האַרצען פיהלט מען, אַז אין אָט דעם וואָרט איז בעהאַלטען אַ געוואַלטיגע עהרליכע ג-טליכע התלהבות, וואָס האָט זיך דעמאָלט צעפלאַ- קערט אין יודישע הערצער און איז ביז היינט נאָך נישט פערלאָשען. ס'איז בעוואוסט, אַז דער קאָצקער רבי איז געווען אַ נשמה פון אַלפים ורבבות יודען" א).

---

א) דאָס לשון פון ר' שלמה וויינריב אין קאָצקער חסידות.

## יג. דער קאָצקער רבי ווערט אַן אַלמן און נעמט אַ זיווג שני.

א. אין יאָהר תקצ"ז איז די קאָצקער רביצין גליקל זייענדיג אין וואָרקע נפטר געוואָרען אין עלטער פון עטליכע פערציג יאָהר. פיעל יאָהרען האָט די צדיקת געליטען פון אָרימקייט. מען דערצעהלט, אַז אַמאָל איז זי, נישט האָבענדיג די מעגליכקייט צו פאָהרען, געגאַנגען צו פוס קיין פשיסחא, כדי צו פערמאַסערן איהר מאַן, דערפאַר וואָס ער גיט איהר נישט קיין פרנסה. אָבער נאָכדעם ווי איהר מאַן איז געוואָרען קאָצקער רבי, האָט איהר אַוודאי שוין גאָרנישט געפעהלט. נאָר עטליכע יאָהר איז זי געווען גליקליך זייענדיג קאָצקער רביצין. דאַן איז זי אָבער ליידענד און קראַנק געוואָרען. די רביצין גליקל האָט שטאַרק געהאַלטען פון וואָרקער רבין ר' יצחק, דערי-בער האָט זי געוואָלט צו איהם פאָהרען, כדי זיך פאַר איהם מזכיר צו זיין אין איהר קראַנקהייט. מען דערצעהלט, אַז איהר מאַן האָט מסכים געווען דערצו, זאָגענדיג: „דו ביזט דאָך אַ וואָרקער חסידיסטע, פאָהר". לויט אַן אַנדערער ווערזיע איז זי געפאָהרען קיין וואָרקע, כדי צו פערמאַסערן איהר מאַן, דערפאַר וואָס ער האָט זיך פון איהר שוין פיעל יאָהרען פורש געווען א). און דאָרט איז זי ערנסט קראַנק געוואָרען, אַזוי אַז צוריקפאָהרען האָט זי שוין נישט געקענט. מען דערצעהלט אויך דאָס, אַז זי איז געקומען קיין וואָרקע, כדי מען זאָל קענען אַהינברענגען אַ דאָקטאָר פון וואַרשא, וויל וואָרקע ליגט נאָהנט פון וואַרשא ב).

די רביצין גליקל איז קראַנק געליגען אין וואָרקע, אַן ערך 6 וואָכען. אין משך פון דער גאַנצער צייט איז איהר מאַן ג), דער קאָצקער רבי געווען אין וואָרקע, אַכטונג געגעבען, מען זאָל איהר געבען רפואות און געהעריגע פלעגע. ס'האָט אָבער נישט געהאָלפען. זי איז דאָרט נפטר געוואָרען און דאָרט צו קבורה געקומען.

ב. צווישען חסידים האָט מען דאַמאָלס געשמועסט, אַז דער רבי וועט אַוודאי אין אַ קורצער צייט אַרום נעמען אַ זיווג שני, אַ בת בנים, וואָרום ער האָט נאָר אַן איינציגען זוהן און לויטן דין-תורה דאַרף אַ יוד האָבען אַ זוהן און אַ טאָכטער. דעריבער איז הרב ר' יצחק מאיר אַלטער, דער אַזויגערו-פענער „חידושי הרי"ם", געקומען אויפן געדאַנק, איהם צו שדכענען די שוועסטער פון זיין פרוי, די בתולה חיה, וועלכע איז נאָכן טויט פון איהר

---

א) אַזוי האָט זיך אויך געפיהרט דער תנא ר' חייא בר אשי (קידושין פ"א ע"ב). זעה ספר שש"ק ח"א אות ש'. ב) מאיר עיני הגולה ח"א. ג) מען דערצעהלט, אַז בעת דער קאָצקער רבי איז געווען אין וואָרקע, האָט זיך איהם געמאַכט אַ וואונד אויפן בויך. „בעריל רופא", וואָס האָט געגאָלטען אַלס דער דאָקטאָר פון וואָרקע, האָט איהם געגעבען אַ פלאַסטער, צו בעקלעבען די וואונד, און האָט בעפוילען, אַז וויבאַלד די וואונד וועט איהם שטאַרק וועה טהון, זאָל ער אַראָפנעמען דעם פלאַסטער. ער האָט טאַקי בעקומען שטאַרקע יסורים, מ'האָט געשיקט נאָך בעריל רופא. בעריל איז געקומען און געשריגען גוואַלד, פאַרוואָס מען האָט נישט אַראָפגענומען דעם פלאַסטער! ר' נחמיה, דער איידעס פון יונגען וואָרקער רבי ר' מענדיל, האָט איהם פערענטפערט, אַז דער קאָצקער רבי האָט זיך געפיהרט ווי רבי הקדוש, וואָס צוליב קדושה האָט ער נישט צוגעלעגט זיין האַנד הינטער זיין גאַרטעל, (נדה י"ד). (געהערט פון ר' חיים אברהם טרונק).

פּאָטער, ר׳ משה ליפּשיץ, בעקאַנט אונטערען נאָמען משה חלפן, ביי איהם געווען.

ר׳ משה חלפן איז אַמאָל געווען איינער פון די גרעסטע גבירים און נדבנים פון וואַרשא. ווען ער האָט געהאַלטען ביי אַ שידוך טהון מיט זיין עלטסטע טאָכטער פייגעלע, האָט ער געזוכט אַ מאַן פאַר איהר אַן עלוי, און דווקא אַ גרויסען עלוי, וואָס ער האָט טאַקי געפונען. אין דער ישיבה פון קאָזשעניצער מגיד האָט נעמליך געלערנט אַ בעריהמט בחור׳ל, יצחק מאיר, אַ זוהן פון גערער רב ר׳ ישראל אַלטער. איהם האָט ר׳ משה גענומען פאַר אַ חתן, און אין תקע״ב, ווען דער חתן איז אַלט געווען 13 יאָהר, איז פאָרגעקומען די חתונה. ר׳ משה חלפן האָט אָט דעם איידעם זיינעם פיעל יאָהרען אויסגעהאַלטען ביד רחבה, בעת ער איז געזעסען על־התורה ועל־העבודה. ר׳ יצחק מאיר איז בעריהמט געוואָרען אַלס אַ גאון און אַ צדיק. אין אַ שפּעטערער צייט איז ער בעקאַנט געוואָרען אונטערן נאָמען „חידושי הרי״ם״, לויטן נאָמען פון זיין ספר.

אין אַ צייט אַרום האָט זיך דאָס רעדעל איבערגעדרעהט. ר׳ משה חלפן איז נעמליך געוואָרען אַ „יורד״. מיט דער יונגסטער טאָכטער זיינער, חיה, האָט ער, אַלזאָ, אַזאַ שטייגער שידוך שוין נישט געקענט טהון. פאַר איהר האָט ער שוין גענומען אַ חתן, אַן איינפאַכען בחור. אָבער אָט דער בחור האָט חרטה געקריגען פונם שידוך, דערפאַר וואָס ר׳ משה חלפן האָט נישט געקאָנט מסלק זיין דעם צוגעזאָגטען נדן. אין יאָהר תקצ״א איז ר׳ משה חלפן געשטאָרבען. זיין טאָכטער די בתולה, חיה, איז דאַן געצוואונגען געווען, אַריינצוגעהן אינם הויז אַריין פון איהר גרויסען שוואָגער ר׳ יצחק מאיר אַלטער, כאָטש זיין עקאָנאָמישער שטאַנד איז אויך נישט געווען פּויגעלדיג. כ׳האָב געהערט זאָגען, אַז חיה נאָך אַלטזייענדיג 3 יאָהר איז שוין געווען ביי איהר עלטערע שוועסטער פייגעלע. אָט די בתולה האָט ר׳ יצחק מאיר געוואָלט אָנטראָגען אַלס אַ זיווג שני פאַרן קאָצקער רבין.

ג. אַלס אַ פערמיטלער צו דער זאַך האָט ר׳ יצחק מאיר אויסגעוועהלט דעם גרויסען חסיד ר׳ מרדכי יוסף לייגער, דער שפּעטערער איזשביצער רבי. „כ׳וועל דיר פאַרלעגען אַ שליחות מצוה״, האָט ער צו איהם געזאָגט, „אַזוי ווי דער רבי אונזערער, זאָל לעבען, איז אַן אַלמן, און האָט בדעה צו נעמען אַ ווייב, זאָלסטו איהם זאָגען, אַז איך וויל ווערען זיין שוואָגער״. ר׳ מרדכי יוסף איז באַלד אַריינגעגאַנגען און איהם אַזוי געזאָגט: „אַזוי ווי ר׳ יצחק מאיר פון וואַרשא האָט אַ שוועסטער, וואָס איז ערשט נישט לאַנג געוואָרען אַן אלמנה, האָט ער מיך געבעטען, כ׳זאָל פאַר אייך פאָרלעגען זיין דעה און זיין ווילען, אַז איהר זאָלט זי נעמען אַלס אַ פרוי״.

דער רבי האָט איהם געענטפערט מיט פערוואונדערונג: „וואָס זאָגסטו עפּעס אַזעלכעס אין זיין נאמען? צי רעכענט ער, אַז איך וועל נעמען אַן אַלמנה, וואָס איז קעגען דער דעה פון זוהר הקדוש?״

ווען ר׳ יצחק מאיר האָט געהערט דעם ענטפער, האָט ער מיט פער־ביטערונג דערקלערט ר׳ מרדכי יוספן, סאַרע טעות ער האָט געהאַט, אַז

זיין כּוונה איז גאָר געווען אויף זיין ווייבס שוועסטער, וואָס איז אַ בתולה א), ר׳ מרדכי יוסף איז דאַן נאָכאַמאָל אַריינגעגאַנגען און איהם דערקלערט זיין טעות. אָט די זאַך איז געגאַנגען דעם רבין אין הארץ אַריין, און האָט געזאָגט צו ר׳ מרדכי יוספן, אַז דאָס געפעלט איהם און ער וועט זיך וועגען דעם בּעמיהען.

ד. נאָך אין דעמזעלביגען טאָג האָט דער רבּי צו זיך גערופען זיין נאמן בּית, ר׳ הירש טאָמאַשאָווערן, און איהם דעם אויפטראַג געגעבּען, צו טהון וועגען דעם שידוך. צוערשט האָט ער איהם געשיקט צו זיין ידיד, אדמו״ר ר׳ יצחק פון וואָרקע, כּדי איהם צו פרעגען אַן עצה, אויבּ ער זאָל טהון דעם שידוך. אדמו״ר ר׳ יצחק האָט איהם געשריבּען פאָלגענדען בּריף:

ב״ה יום ג׳ י״ט אלול תקצ״ז ל׳.

החיים והשלום וכל טוב לכבוד הרב הק׳ המפורסם וכו׳
כקש״ת מ׳ מנחם מענדיל נ״י שיחי׳ לאוי״ט.

הנה שמחתי בכבוד המשולח הטוב להתוודע משלום כבוד מ״ק וב״ב שיחיו לאוי״ט, השי״ת יוסיף לו כח ועוז ולהתחזק ולהתאמץ בשמחה ובטחון בזכות תפלות רבותינו הקדושים זצ״ל. והנה מסרתי עצתי אשר אני שוקד לטובתו, היינו, שיסע ידידי כבוד מוכ״ז נ״י לווארשא לגמור הנכבדות הידוע, אשר כפי המובן פשוט וטוב, כאשר יספר בע״פ הכל לנכון. הש״י יהי׳ בעזרו להצלחה טובה לגמור למז״ט ולישועה וברכה לכולנו, עם כל ב״ב והנלוים לטובה, ונכתב ונחתם לחיים טובים וארוכים ושלום בכלל ישראל, א׳.

דברי ידידו או״נ בלונ״ח המצפה לישועתו ולהצלחתו לכל הימים.

הק׳ יצחק במהור״ש ז״ל בק׳ ווארקי.

ד״ש לכבוד בנו ידיד נפשי הרב האברך מ׳ דוד נ״י, אקוה אשר ישועת כבוד אביך הרב הק׳ שיחי׳ לאוי״ט יהי׳ ג״כ ישועתך ולכל ב״ב לכל טוב ותבטח ותצפה לעזה״י ותכתב ותחתם לחיים טובים ותתברך עם כל ב״ב בכל טוב. ד״ש לכל הידידים האהובים נ״י ובקשתי להעמיד יין טוב עבורי ולהזכירנו לטובה.

ה. נאָכדעם דער קאָצקער רבּי האָט דערהאַלטען אָט דעם בּריף פון אדמו״ר ר׳ יצחקן, אין וועלכען ער האָט איהם געראַטען, צו טהון דעם שידוך און אַז ער זאָל שיקען ר׳ הירש טאָמאַשאָווערן קיין וואַרשאָ, דעמזעלבּיגען גומר צו זיין, — האָט ער טאַקי אַזוי געטהון און געגעבּען ר׳ הירשן אַ כּח הרשאה, דעם שידוך צו פערענדיגען, אָבּער מיטן בּעדינג, אַז פריהער זאָל ער אָנקוקען דאָס מיידעל, אויבּ זי האָט נישט עפּעס

---

א) ר׳ מרדכי יוסף האָט דאַמאָלס געזאָגט ר׳ טוביה יוספן פון שעראַדז, אז איהם געפעלט דער שידוך גאָרנישט, ערשטענס דערפאַר וואָס דאָס מיידעל איז נישט מעהר קיין יונגע בּוגרת, צווייטענס ווייל איהר פאָטער ר׳ משה חלפן איז נישט געווען בגדר תלמידי חכם, אז ער זאָל ראוי זיין צו ווערען דער „חותן המלך״. (ספר מאיר עיני הגולה סימן רכ״ה). אָבער העכסטענס איז זי דעמאָלס אַלט געווען 17 יאָהר.

אַ פּעהלער א). דאַן זאָל ער בעשטימען דעם זמן חתונה לויט איהר ווילען, אָבער נישט לענגער ווי אויף צוועלף חדשים.

ר׳ הירש טאָמאַשאָווער איז געפאָהרען קיין וואַרשא, האָט אָנגעקוקט דאָס מיידעל און מיט איהר גערעדט און זיך איבערצייגט, אַז זי איז ראוי צו זיין דעם קאָצקער רבינס ווייב. דאַן איז געמאַכט געוואָרען צווישען די פּאָר שטעהער פונם מיידעל און דעם בעפאָלמעכטיגטען פון קאָצקער רבין — אַ וואָרט. דאָס מיידעל האָט אויך מסכים געווען צום שידוך, אָבער זי האָט געשטעלט אַ בעדינג, אַז פריהער זאָל איהר שוועסטער, פייגעלע, די פרוי פונם חידושי הרי״ם, רעדען מיטן חתן, דעם קאָצקער רבין, אויף וואָס ר׳ הירש האָט אויך מסכים געווען.

ו. ר׳ הירש טאָמאַשאָווער און די דערמאַנטע שוועסטער פון דער כלה זענען דאַן געפאָהרען קיין קאָצק. ר׳ הירש האָט געזאָגט דעם רבין איהר פערלאַנג. דער רבי האָט מסכים געווען. זי איז אַריינגעגאַנגען צום רבין און איהם געזאָגט: „מיין שוועסטער וויל זיך מתדבק זיין מיט אזאַ הייליגען גוף, ווי ער איז, אָבער נאָכדעם ווי זי האָט געהערט, אַז זייט זיין זוהן ר׳ דוד איז געבוירען געוואָרען, האָט ער זיך פורש געווען פון זיין ווייב און איז געבליבען אַ פּרוש ביז איהר טויט, פערלאַנגט זי פון רבין, אַז ער זאָל איהר צוזאָגען, אַז זי וועט פון איהם האָבען קינדער, וואָס וועלען עוסק זיין אין תורה און מצות״.

דער רבי איז, דאָס הערענדיג, געבליבען שטעהן אפשר 10 מינוטען אָהן צו ענטפערען אַ וואָרט. פלוצלונג האָט ער זיך דערוועקט און איהר צוגעזאָגט דאָס, וואָס זי האָט פערלאַנגט.

באַלד דערנאָך ווען הרב ר׳ יצחק מאיר האָט דערהאַלטען אַ ידיעה דערפון, איז ער געקומען קיין קאָצק, וואו מ׳האָט פאַרענדיגט דעם שידוך און בעשטימט די חתונה אויף אַ קורצען טערמין.

ז. אינם טאָג פון דער חתונה איז דער רבי געווען אויפגערוימט. ער האָט צו זיך גערופען ר׳ יצחק מאירן און צו איהם געזאָגט:

די חז״ל זאָגען (קידושין מ״ט), ווען איינער זאָגט צו אַ פרוי, זאָלסט ווערען צו מיר מקודש מיטן בעדינג, אַז כ׳בין אַ צדיק, כאָטש ער איז אַ רשע גמור זענען די קידושין גילטיג, וויל טאָמער האָט ער אין האַרצען געטראַכט תשובה צו טהון. דאָס שיקט זיך אָבער נאָר ביי אַ סתם מענש, וואָס זיין צדקות איז צווייפעלהאַפט, אָבער אין פאַל ט׳וויים מיינט, אַז איהר קינפטיגער מאַן איז אַ רבי, בעת ער איז קיין רבי נישט, ביי דעם פאַל קאָן מען שוין נישט אָנווענדען דעם טעם, אַז טאָמער האָט ער געטראַכט תשובה צו טהון, וואָרום דערמיט ווערט ער נאָך קיין רבי נישט. קומט דאָך, אַלזאָ, אויס, אַז די קידושין זענען נישט גילטיג.

.היינט די כלה האַלט דאָך מיך פאַר אַ רבי, און באמת איז דאָך נישט אַזוי, וואָס קאָן מען צו דעם טהון?

---

א) דערמיט האָט ער מקיים געווען דעם מאמר פון דער גמרא: אסור לקדש אשה עד שיראנה (קדושין מ״). וואָרום אַז זיין שליח האָט זי געזעהען, איז פונקט אַזוי גוט, ווי ער וואָלט זי געזעהען. (פ. ז. ג.).

דערויף האָט איהם ר׳ יצחק מאיר געענטפערט: „צוליב וואָס האָט איהם די כלה פאַר אַ רבי, נאָר דערפאַר וואָס דער „עולם״ האָט איהם אַזוי אָנגענומען, און אָט דער עולם האָט קיין אַנדערען געדאַנק וועגען איהם נישט, און וועט אייביג איהם האַלטען פאַר אַ רבי״.

דערמיט האָט זיך דער רבי בערוהיגט און האָט געהייסען, מען זאָל אָנגרייטען אַלץ, וואָס מען בעדאַרף צו דער חופּה.

ז. דער רבי איז דאַן אַריינגעגאַנגען אין זיין לעצטער שטוב, וואו ער איז לאַנג געווען, בעת די כלה, די מחותּנים און אונטערפיהרערס האָבען אויף איהם דרויסען געוואַרט. פון זיין אינעווייניגסטען חדר האָט מען אין דרויסען געהערט זיינע קרעכצען און געשרייען, זאָגענדיג פסוקים פון תהלים. זיינע מקורבים האָבען דערקלערט, אַז דער רבי האָט איצט פאַר זיך גרויסע אַרבייט, צו ברענגען זיין הייליגען גוף צו אַ ביסל גשמיות, פון וועלכער ער איז שוין זייט אַ לאַנגער צייט ווייט אַוועק. פּלוצלינג האָט ער געעפענט די טיהר פון זיין חדר און איז געגאַנגען צו דער חופּה.

נאָך דער חופּה זענען זיי, חתן־כלה, געגאַנגען אין אַ בעזונדער צימער אַריין, ווי דער דין איז. דאָרטען האָבען זיי זיך לאַנג געזוימט, וואָס האָט אַרויסגערופען אַ בעאומרוהיגונג ביי אַלע פערזאַמעלטע געסט. ר׳ יצחק מאיר האָט דאַן בעפוילען דער פרוי זיינער, די שוועסטער פון דער כלה, אַז זי זאָל עפענען די טיהר פונם יחוד־צימער און אַריינגעהן. אַריינקומענדיג, האָט זי זיך דערשראָקען, וואָרום די כלה איז געלעגען אויף דער פּאָדלאָגע פערחלשט, בעת דער רבי איז געגאַנגען הין און צוריק, פערטיפט אין געדאַנקען. פאַר שרעק האָט זי אָנגעהויבען הויך שרייען. דאַמאָלס איז דער רבי צוגעגאַנגען צו דער כלה און זי געפרעגט, פאַרוואָס זי הויבט זיך נישט אויף און זעצט זיך נישט עסען. די כלה האָט געעפענט די אויגען, זיך אויפגעהויבען און געזעצט צום טיש. דאַן איז די רביצין אַרויסגעגאַנגען און דערצעהלט דעם מאַן איהרען, דעם „חידושי הרי״ם", וואָס איז פאָרגעקומען אינם יחוד־חדר. ער האָט זי בערוהיגט, זאָגענדיג, אַז פון איצט אָן וועט שוין אַלץ זיין גוט, וואָס ס׳איז באמת אַזוי געווען א).

ח. קוים איז פערביי־געגאַנגען אַ יאָהר נאָך דער חתונה, אין יאָהר תקצ״ט, האָט די יונגע קאָצקער רביצין געבוירען אַ צווילינג, 2 מיידלעך, שיינע, געזונטע און געראָטענע קינדער. איינע האָט מען אַ נאָמען געגעבען שרה צינע און דער אַנדערער — ברכה. נאָך ווידער אַ קורצער צייט האָט זי געבוירען אַ זוהן. מ׳האָט איהם אַ נאָמען געגעבען בנימין נאָך דעם מלמד, ביי וועלכען דער קאָצקער רבי האָט געלערנט אין זיין קינדהייט ב). אין אַ קורצער צייט אַרום האָט זי ווידער געבוירען אַ זוהן. מ׳האָט איהם

---

א) מאיר עיני הגולה ח״א עמוד 63. ב) אַזוי שרייבט מיר דער סאָקאָלאָווער רבי, אַז פאַרן ברית האָט ער זיך אָבגעשמועסט מיט דער רביצין, איהם צו געבען אַן אַנדערען נאָמען, נאָר געהענדיג אין בית המדרש אַריין וואו ס׳איז פאָרגעקומען דער ברית מילה, האָט זיך צו איהם בעוויזען זיין מלמד, און האָט איהם געפרעגט: „היתכן, איך האָב מיט דיר געלערנט, פאַרוואָס גיסטו נישט אַ נאָמען דיין קינד נאָך מיר", אַזוי האָט זיך דער רבי מיישב געווען און אַ נאָמען געגעבען בנימין.

אַ נאָמען געגעבען משה ירוחם. משה — נאָך זיין זיידען ר׳ משה הלפּי, און ירוחם — נאָכן בעוואוסטען גאון „רבינו ירוחם״, וועלכען דער קאָצקער רבי האָט שטאַרק מחבב געווען און פלעגט אָפט לערנען אין זיינע ספרים.

---

## יד. דער קאָצקער רבי און דער איזביצער רבי.

**א.** דאַמאָלס ווען אדמו״ר ר׳ מענדיל האָט זיך בעזעצט אין טאָמאַשאָוו אין יאָהר תקס״ז, איז אדמו״ר ר׳ מרדכי יוסף ליינער, וואָס איז געווען געבוירען אין טאָמאַשאָוו, אַלט געווען 8 יאָהר. פונדעסטוועגען האָט ער, ר׳ מרדכי יוסף, געהאַט אַ בעקאַנטשאַפט מיט ר׳ מענדלין, צוליב דעם וואָס ער איז געווען אַ גרויסער עלוי און געהאַט אויך אַ ידיעה אין חסידות. מען דערצעהלט, אַז ווען ר׳ יעקב ליינער, וואָס איז געווען אַ תלמיד־חכם און אַ גרויסער לובלינער חסיד, איז געפאָהרען צום „חוזה״ פון לובלין און האָט מיטגענומען זיין 8 יעהריגען זוהן ר׳ מרדכי יוספן, האָט דער חוזה מיט איהם געשמועסט אין ענינים פון תורה און חסידות.

נאָך דער פטירה פונם „חוזה״ אין יאָהר תקע״ה, ווען ר׳ מרדכי יוסף איז שוין אַלט געווען אַ יאָהר 15—16 און אַוודאי שוין געווען אַ בעווייבטער, איז ער געפאָהרען קיין פשיסחא צום רבין ר׳ בונם, וואו ער האָט ווידער גע־האַט די געלעגענהייט, זיך צו חברן מיט ר׳ מענדלין פון טאָמאַשאָוו, וואָס איז געווען כמעט דער גרעסטער חשוב צווישען דעם פשיסחער עולם. זיי ביידע האָבען געהערט צו דער פשיסחער „חבריא קדישא״. און נאָך דער פטירה פון רבין ר׳ בונם אין יאָהר תקפ״ז האָט ער זיך אָנגעשלאָסען צו אדמו״ר ר׳ מענדלין, איז געוואָרען זיין תלמיד און זיין חסיד. ער פלעגט אָפט פאָהרען קיין קאָצק און זיצען דאָרט וואָכענלאַנג, אַהינגעפאָהרען אויף ראש השנה און אַהיימגעפאָהרען נאָך סוכות. אָבער ער האָט שטאַרק געליטען פון אָרימקייט. מ׳זאָגט, אַז דער בעוואוסטער חסיד ר׳ ברוך פון טשיזוב האָט איהם געגעבען 3 רובל וואָכענטליך אויף פרנסה.

**ב.** דער קאָצקער רבי האָט שטאַרק געהאַלטען פון ר׳ מרדכי יוספן. טיילמאָל האָט ער געזאָגט צו יונגע לייט, וועלכע זענען צו איהם געקומען מיט אַ בעגעהר, צו לערנען פון איהם חסידות, בעת ער איז געווען פער־נומען, נישט קיין צייט געהאַט צו זיי, אַז זיי זאָלען זיך חברן מיט אַ יונגען־מאַן, וואָס הייסט מרדכי יוסף און דרעהט זיך אַרום אין בית המדרש. אַזוי האָט ער אויך געזאָגט צום בעוואוסטען צדיק ר׳ לייבעלי אייגער, אַ זוהן פונם גאון ר׳ שלמה אייגער, ווען ר׳איז ס׳ערשטע מאָל געקומען קיין קאָצק א).

---

א) ווען ר׳ לייבעלי אייגער איז ס׳ערשטע מאָל געקומען קיין קאָצק, איז נאָך נישט געווען קיין גאַנץ יאָהר נאָך זיין חתונה. דער שוועהר זיינער, וואָס איז געווען אַ מתנגד, איז אריינגעפאָהרען קיין קאָצק און געפרעגט דעם רבין: שטעהט דאָך אין דער תורה, (דברים כ״ד ה׳) „נקי יהיה לביתו שנה אחת״ (ס׳ערשטע יאָהר נאָך זיין חתונה דאַרף מען זיין ריין פאַר זיין הויז). פאַרוואָס דערלויבט איהר מיין איידעם, דאָ ביי אייך צו זיצען? — „ווען איך וואָלט וויסען״, האָט דער רבי געענטפערט, „אַז ביי זיך האָט ער אַ ריינער הויז, ווי ביי מיר, וואָלט איך איהם דאָס גישט דערלויבט״. (שיח שרפי קודש ח״ב).

אַ סך אַנדערע חסידים זענען, קומענדיג קיין קאָצק, צו איהם געגאַנגען, כּדי פון איהם צו הערען תּורה־ווערטער, דערפאַר וואָס צום קאָצקער רבּין, וועלכער איז געווען שטענדיג פערנומען מיט תּורה און חסידות און געווען אָבּגעזונדערט, זיך וועניג אָבּגעגעבּען מיט מענשען, איז געווען שווער אָנצוקומען.

און דער קאָצקער רבּי האָט אָנגעהויבּען וואָס אַמאָל מעהר פיהרען אַ התבּודדות־לעבּען, וועניג גערעדט מיט זיינע חסידים, אַזוי אַרום האָט זיך וואָס אַמאָל מעהר פערגרעסערט די צאָהל חסידים, וואָס זענען געקומען צו ר׳ מרדכי יוספן הערען תּורות, וואָס ער האָט פון זיי נישט געזשאַלעוועט. דאָס האָט מען בּעזונדערס געזעהן אין די ימים טובים, ווען אַ גרויסע צאָהל חסידים האָט זיך פערזאַמעלט אין קאָצק. טייל חסידים האָבּען איהם זאָגאַר געגעבּען קוויטלעך מיט פּדיונות.

ג. אָט די התנהגות פון ר׳ מרדכי יוספן האָט אַרויסגערופען פערדרוס בּיים קאָצקער רבּין און אויך בּיי זיינע טרייע חסידים, מ׳האָט שוין געזעהן בּעשיינפערלעך, אַז ר׳ מרדכי יוסף גרייט זיך, אַליין צו פיהרען ראַבּיסטווא. אָבּער קיינער פון די מקורבים האָט איהם נישט דערפאַר געטשעפּעט. דער קאָצקער רבּי האָט נעמליך אָנגעזאָגט, ס׳זאָל זיך קיינער נישט מיט איהם קריגען, מיט דער מאָטיווירונג, אַז אין פאַל מ׳וועט איהם רודפן, קאָן דאָס גורם זיין, אַז זיין בּונד זאָל זיך נאָך פערגרעסערען, אָבּער געוואָלט האָט דער רבּי, אַז ר׳ מרדכי יוסף זאָל אַליין אויפהערען צו קומען קיין קאָצק א).

ד. אין שמיני עצרת פון יאָהר ת״ר האָט אָט די זאַך דערגרייכט דעם קולימינאַציאָנס־פּונקט. ס׳האָבּען זיך נעמליך דאַמאָלס פערזאַמעלט אַן עולם חסידים אין דער סטאַנציע פון ר׳ מרדכי יוספן, וואו מ׳האָט געפּראַוועט די הקפות, געפיהרט טיש און געזאָגט תּורות, ווי דער מנהג איז בּיי אַ רבּין. דאַמאָלס האָט מען בּולט געזעהן, אַז ס׳איז פאָרגעקומען אַ מרידה, אַז דער תּלמיד איז מורד קעגען זיין רבּין, אַז ר׳ מרדכי יוסף האָט זיך געקריינט אַלס אַ רבּי פון חסידים. און אין אסרו חג פון שמחת־תּורה האָט ר׳ מרדכי יוסף דעמאָנסטראַטיוו פערלאָזט קאָצק און אַ היבּשער „עולם" איז מיטגעפאָהרען מיט איהם. מ׳דערצעהלט, אַז ר׳ מרדכי יוסף האָט דאַמאָלס גערופען: „מי לה׳ אלי!" ב)

---

א) דאָס האָבּ איך געהערט פון זיין אור־אייניקעל אדמו״ר ר׳ הירשלי פון ליקאווע, אין נאָמען פון זיין פאָטער אדמו״ר ר׳ ישראל ז״ל פון פּילעוו. אָבּער דער סאָכאַטשאָווער רבּי אדמו״ר ר׳ שמואל ז״ל האָט מיר דערצעהלט: כ׳האָבּ געפרעגט מיין פאָטער ז״ל: דאַמאָלס זענען דאָך געווען אין קאָצק אַזעלכע גרויסע חסידים, ווי דער „חידושי הרי״ם", ר׳ משה מיכל פון בּיאַלע און אַנדערע, פאַרוואָס האָבּען זיי איהם געשוויגען, פאַרוואָס האָבּען זיי איהם נישט געגעבּען קיין פּעטש, וואָלט עס אַזוי ווייט נישט געקומען? האָט מיר מיין פאָטער געענטפערט: „זיי זענען נישט געווען בּיי זיך זיכער, אויב זייער התנגדות אויף ר׳ מרדכי יוספן איז צוליבּן אמת, אָדער צוליבּ קנאה אויף איהם, דעריבּער האָבּען זיי געשוויגען".

ב) געהערט פון אייניקעל, וואָס האָט עס געהערט פון אדמו״ר ר׳ וואָלף לאַנדא פון סטריקוב, וועלכער איז דאַמאָלס געווען אין קאָצק, אַז די מרידה איז פאָרגעקומען אין אסרו חג פון שמיני עצרת ת״ר, דערצעהלט אויך אַן אייניקעל פון ר׳ מרדכי יוספן ר׳ חיים שמחה לייגער אין זיין ספר דור ישרים (בּילגוריי תרפ״ה). און האָט געפונען דערויף אַ רמז אין זוהר, וואָס שר יבּט, אַז אין דעם יאָהר וועט זיך עפענען די שויערען פון חכמה. מיין זיידע ר׳ זעליג

תחלת האָט ער געפיהרט ראַביסטווא אין זיין געבורטסשטאָט טאָמאַ-שאָוו, שפּעטער האָט ער געוועהלט דאָס שטעטל איזביצע, וואָס ליגט נאָהנט פון קאָצק, אַלס זיין רעזידענץ.

ה. אָבער נאָר אַ קליינער טייל פון קאָצקער חסידים האָבען זיך גע-וועהלט ר׳ מרדכי יוסף׳ן אַלס זייער רבין. און פיעל חסידים, וואָס זענען תחלת נאָכגעגאַנגען ר׳ מרדכי יוסף׳ן, האָבען זיך צוריקגעקעהרט קיין קאָצק און דעם רבין מפייס געווען. צווישען די איזביצער חסידים איז איינער געווען, וואָס האָט געמאַכט אַ רושם, דאָס איז געווען דער בעוואוסטער ר׳ לייבעלי אייגער, דער מחבר פונם ספר „תורת אמת״. אויף איהם האָבען זיך אַ סך חסידים פערקוקט. ר׳ לייבעלי האָט זיך דערמיט פערענטפערט, אַז דער קאָצקער רבי האָט איהם ביי זיין ערשטען אָנקומען קיין קאָצק געזאָגט, אַז ער זאָל זיך אָבגעבען מיט ר׳ מרדכי יוסף׳ן א). דאָס קאָצקער אדמורו״ת האָט, אַלזאָ, פון אָט דער מרידה כמעט גאָרנישט געליטען. קאָצק איז געבליבען ביי דעם זעלביגען אָנזעהען ווי פריהער.

מען דערצעהלט, אַז ר׳ יחיאל פישל לעווין, דער איינציגער זוהן פונם אַלכסנדרער רבין ר׳ העניך, איז אויך געווען גרייט צו פאָהרען קיין איזביצע, אָבער פון פאָטער זיינעם האָט ער דערהאַלטען פאָלגענדען בריף: „בני! אל תלך בדרך אתם, מנע רגלך מנתיבתם, כי מי נגע במשיח ה׳ ונקה״. צוליב אָט דעם בריוועל איז ער ווייטער געבליבען קאָצקער חסיד ב).

ו. די מרידה פון ר׳ מרדכי יוסף׳ן האָט אַרויסגערופען אַ חלישות דעת און אַ פערביטערונג ביים קאָצקער רבין און ביי זיין הויזגעזונד ג). מען דערצעהלט, אַז די קאָצקער רביצין, וואָס איז ערשט געווען 2 יאָהר נאָך איהר חתונה, מיינענדיג, אַז זי איז געבליבען אינגאַנצען אָהן פרנסה, איז אַריינגעלאָפען צום רבין מיט אַ געוויין. און ער האָט זי בערוהיגט מיט גוטע רייד. אַלע קאָצקער חסידים זענען אויך געווען קעגען איהם פערביטערט, כמעט אומעטום, וואו ס׳זענען געווען קאָצקער און איזביצער חסידים, זענען פאָרגעקומען צווישען זיי מחלוקות. די קאָצקער חסידים האָבען פיינט

---

פרענקעל הלוי פון זגיערז איז אויך דאַמאָלס געווען אין קאָצק, און איז נישט נאָכגעגאַנגען ר׳ מרדכי יוסף׳ן. אָפּט פלעגט ער אויסדריקען זיין שמחה דאַריבער, וואָס ער האָט מציל געווען אויך אַן אַנדערן חסיד דערפון. יענער האָט איהם נעמליך געפרעגט אַן עצה, און ער האָט איהם אָבגערעדט מיט דער מאָטיווירונג: אויב דו ווילסט נאָכגעהן ר׳ מרדכי יוסף׳ן, מוזטו דאָך זאָגען, אַז דאָ איז נישט, און קאָן מען אַזוי זאָגען? אָבער נישט ווי אַנדערע שרייבען, אַז די מרידה איז פאָרגעקומען אין תקצ״ט און צוליב אַ מעשה, וואָס איז אויסגעטראַכט.

א) פונדעסטוועגען האָט דער צדיק געוואָלט נאָך דער פּטירה פון ר׳ מרדכי יוסף׳ן צוריק פאָהרען קיין קאָצק, נאָר ער האָט זיך צוריקגעהאַלטען דערפון מיט דער בעגריינדונג, אַז אין קאָצק רעדט מען אויס אויף ר׳ מרדכי יוסף׳ן, וואָס ער האָט נישט געקענט סובל זיין. דאַמאָלס האָבען אַ טייל איזביצער חסידים איהם געקריינט פאַר זייער רבין. (זעה ספר תולדות הכהן עמוד 39). ב) געהערט פון זיין אייניקעל ר׳ ראובן דוד מאָרגענשטערן ע״ה. ג) מען דערצעהלט, אַז אין אַ צייט אַרום האָט ר׳ הירש טאָמאַשאָווער געטראָפען ר׳ מרדכי יוסף׳ן אין וואַרשא, האָט ער מיט איהם גערעדט. פון דעם איז דער קאָצקער רבי געוואָרען, האָט ער דערויף געהאַט הקפדה און האָט ר׳ הירש׳ן געזאָגט: „מנודה לרב מנודה לתלמיד״. ר׳ הירש האָט זיך דערמיט פערענטפערט, אַז ער האָט מיט איהם נאָר גערעדט אויף דער גאַס, נישט אין קיין שטוב. דאָס האָט מיר געשריבען דער קוטנער רב הגאון ר׳ יצחק טרונק שליט״א.

געהאַט די איזביצער תּכלית שנאה און זי שנאה איז איבערגעגאַנגען בירושה פון דור צו דור. מאַנכע חסידים זענען געווען אין דער מיינונג, אַז אַם די חסידישע מרידה האָט גורם געווען אַן עכּוב צו ביאת המשיח, וואָרום דער זוהר הקדוש זאָגט (פּרשת וירא קכ״ט), אַז אין יאָהר ת״ר וועלען זיך עפענען די קוואַלען פון חכמה, וואָס ס׳איז אַ רמז, אַז דאַמאָלס וועט משיח קומען, נאָר דורך די פּאַסירונג פון ר׳ מרדכי יוספן איז דאָס געשטערט געוואָרען א).

ז. דאָס כּסא אדמורו״ת פון ר׳ מרדכי יוספן האָט זיך פערפעסטיגט. ער האָט צוגעקריגען חסידים נישט בלויז פון קאָצקער. אַזוי איז, למשל, געוואָרען זיין חסיד דער בעוואוסטער גאון ר׳ צדוק הכהן פון לובלין. פריהער איז ער געווען אַ מתנגד. נאָר זייט ער האָט דערקענט ר׳ מרדכי יוספן, איז ער געוואָרען אַ חסיד. ר׳ צדוק האָט אין זיינע ספרים שטאַרק געלויבט ר׳ מרדכי יוספן סיי בנוגע צדקות און חסידות, סיי בנוגע פלפול פון הלכה. ער טיטולירט איהם אין זיין ספר „תפארת צבי״: „הגאון הקדוש אשר כל רז לא אניס לי״. יעדען אָוונד פלעגט ער לערנען אַ שיעור גמרא מיט חסידים, ביי וועלכען ער האָט געזאָגט אַ סך חידושי-תורה, אָבער אויפגעשריבען תורה-ווערטער האָט ער קיינמאָל נישט, אַזוי ווי דער קאָצקער רבי האָט זיך געפיהרט. זיין ספר „מי השלוח״, חידושים אויף תורה האָט ער אַליין נישט געשריבען, נאָר זיין אייניקעל אדמו״ר ר׳ גרשון העניך האָט זיי געזאַמעלט און אין יאָהר תר״ך געלאָזט דרוקען.

מען דערצעהלט ב), אַז אַ חסיד, וואָס איז געווען ביי אדמו״ר ר׳ מרדכי יוספן אין איזביצע ראש השנה, האָט ביי זיך געטראַכט, פאַרוואָס ער פאָהרט צום איזביצער רבין, וואָס האָט אויף זיך התנגדות און מחלוקות, ער קאָן דאָך פאָהרען צו אַזאַ רבין, וואָס האָט אויף זיך קיין מחלוקת נישט. נאָך יום טוב ביים געזעגענען האָט איהם אדמו״ר ר׳ מרדכי יוסף געזאָגט: „שטעהט אין דער תורה, את חג המצות תשמור, זאָלסט וויסען, אַז אַ תלמיד-חכם ווערט אָנגערופען חג, און מצות הייסט מחלוקת, פון לשון מצה ומריבה. דער פירוש איז, אַז אַזאַ תלמיד חכם, וואָס האָט אויף זיך מחלוקת, זאָלסטו היטען, זיך אָן איהם בעהעפטען״.

אדמו״ר ר׳ מרדכי יוסף האָט דערקלערט דעם פסוק (בראשית א׳) קוץ ודרדר תצמיח לך: קוץ איז געמיינט רשעים, וואָס וועלען פון איהם אַרויסקומען, ווי ס׳שטעהט אין דער גמרא (ב״מ פ״ג) קוצים אני מכלה מן הכרם, און דרדר איז געמיינט מחלוקת צווישען צדיקים, אפילו וואָהר-האַפטע מחלוקת, וואָס ווערען דערמאַנט אין דער גמרא, וואָרום דרדר איז בגימטריא 408, 2 מאָל אַזוי פיל וויפיל ס׳בעטרעפט צדיק 204.

ס׳קאָן זיין, אַז ער האָט אָט די זאַך ביי זיך אַליין געזעהען, דהיינו, די מחלוקה צווישען איהם און דעם קאָצקער רבין, און האָט דאָס גערעכט-פערטיגט, אַז דאָס איז אַ גזירה פון הימעל, ס׳זאָלען פאָרקומען מחלוקות אפילו צווישען צדיקים.

דער קאָצקער רבי האָט אויך אַמאָל, ווי אויבען דערמאַנט, אַזאַ

---

א) זעה ספר „תפארת אדם״ עמוד י״ג. ב) ספר דור ישרים עמוד ל״ה.

געדאַנק אַרויסגעזאָגט, אַז מחלוקות לשם שמים שטאַמט פון מקור האמת, און דאָרט, וואו דער אמת איז נישט פאַרהאַן, דאָרט איז נישט פאַרהאַן קיין מחלוקת לשם שמים.

ח. צום סוף מעג בעטאָנט ווערן, אַז אדמו״ר ר׳ מרדכי יוסף האָט אויך שפּעטער, נאָכדעם ווי ער איז אַוועק פון קאָצק, שטאַרק געהאַלטען פון קאָצקער רבין. אַזוי דערציילט, למשל, הרב ר׳ חיים יעקב ליינער, אַן אור-אייניקעל פון אדמו״ר ר׳ מרדכי יוספן, אין זיין ספר „דור ישרים״ (בילגוריי תרפ״ה) עמוד ל״ה, צוו. אַנד.:

„מיין זיידע, אדמו״ר ר׳ מרדכי יוסף ז״ל, איז געווען אַ חכם עדיף מנביא און האָט געהאַט אַ קלאָרע און לויטערע הרגשה. אַמאָל אין אַ שבועות-טאָג, ווען ער איז געזעסען ביים טיש מיט זיינע חסידים אינמיטען דער סעודה, האָט ער געזאָגט צו די חסידים, אַז זיי זאָלען אַרויסטראָגען זיין טיש מיט זיין שטוהל צום גאָרטען פון טייך, וואָס מ׳רופט סטאָק. ס׳האָט קיינער נישט פאַרשטאַנען די אורזאַך דערפון. נאָר נאָך יום-טוב איז געקומען אַהיים קיין איזביצע אַ חסיד, וואָס איז געווען יום-טוב אין קאָצק, האָט ער דערציילט, אַז דער קאָצקער רבי האָט איהם אויסגעפרעגט, אין וועלכער זייט און אויף וועלכען אָרט ר׳ מרדכי יוסף זיצט ביים טיש. און ער, דער חסיד, האָט איהם אַלץ גענוי בעצייכענט. דאַמאָלס האָט מען פאַרשטאַנען, אַז אדמו״ר ר׳ מרדכי יוסף האָט דאָס מרגיש געווען, (אַז דערמיט וויל ער איהם עפּעס מטריד זיין) צוליב וואָס ער האָט זיין אָרט געענדערט״.

„און אַמאָל, אין אַ שבת״, דערצעהלט ווייטער דער דערמאָנטער מחבר, „ווען מיין זיידע, אדמו״ר ר׳ מרדכי יוסף, איז געזעסען ביים טיש, אינמיטען דער סעודה, האָט ער געזאָגט צו די חסידים, וועלכע זענען געזעסען לעבען איהם און זענען געשטאַנען אַרום איהם און אויף די בענק, אַז זיי זאָלען אַריבערבייגען זייערע קעפּ איבערן טיש פון ביידע זייטען און זאָלען בעדעקען מיט זייערע קעפּ דעם גאַנצען טיש, אַזוי ווי אַ סוכה״.

דערנאָך האָט ער געזאָגט, אַז אַזוי האָט ער בעפוילען, צוליב אַן ענין וואָס ער האָט קעגען קאָצקער רבין.

ט. דרייצען יאָהר האָט ר׳ מרדכי יוסף געפיהרט אדמורו״ת. א׳ טבת תרי״ד איז ער נסתלק געוואָרען אין איזביצע אין עלטער פון 54 יאָהר. דאַמאָלס האָט זיך זיין „עולם״ בנוגע דער וואַהל פון אַ נייעם רבין צע-טיילט. איין טייל האָט געוועהלט פאַר אַ רבין דעם זוהן זיינעם אדמו״ר ר׳ יעקבן, דער מחבר פונם ספר „בית יעקב״, און איין טייל — דעם צדיק ר׳ לייבעלי אייגער פון לובלין, דער מחבר פונם ספר „תורת אמת״.

נאָכדעם ווי אדמו״ר ר׳ יעקב איז נפטר געוואָרען אין יאָהר תרל״ח אין עלטער פון 64 יאָהר, האָט זיין „עולם״ געקריינט פאַר אַ רבין דעם זוהן זיינעם, אדמו״ר ר׳ גרשון העניך, פון ראַדזין, וואָס האָט זיך בעריהמט געמאַכט מיט זיינע חבורים, „סדרי טהרה״, „אורחות חיים״ און מיט זיין דערפינדונג, צו פאַרבען מיט „חלזון״ דעם תכלת פון ציצית. נאָך זיין הסתלקות אין יאָהר תרנ״א אין עלטער פון 52 יאָהר, האָט ממלא מקומו געווען זיין זוהן אדמו״ר ר׳ מרדכי יוסף. און נאָכדעם ווי ער איז נפטר געוואָרען אין יאָהר

תרפ״ט אין עלטער פון 63 יאָהר, האָט זיין עולם געוועהלט פאַר אַ רבין זיין איינציגען זוהן, אדמו״ר ר׳ שלמה, (להבבחל״ח). ה׳ יאריך ימיו ושנותיו. זיי ווערען גערופען „ראַדזינער חסידים״.

אָט דאָס האָט אדמו״ר ר׳ מרדכי יוסף פערדיענט דורך זיין דרייסטען אַרויסטריט קעגען קאָצקער רבין, אַז ס׳איז נעמליך פון איהם געבליבען אַ דינאַסטיע פון אדמורי״ם. ווען ער וואָלט דאָס נישט געטהון, וואָלט אַוודאי קיין אדמוריש״ע דינאַסטיע פון איהם נישט געבליבען, וואָרום ער איז נפטר געוואָרען 6 יאָהר פריהער ווי דער קאָצקער רבי, אַזוי אַרום וואָלט דאָך זיין זוהן אַוודאי קיין רבי נישט געוואָרען.

י. אין דער צייט פון צווייטען אדמו״ר ר׳ מרדכי יוסף, אַן אור־אייניקעל פונם ערשטען, איז געקומען צו אַ דערנענטערונג און אַ פריינד־ליכקייט צווישען אָט די צוויי רבישע הייזער, דעם קאָצקערס און דעם איזביצערס. דאַמאָלס נעמליך ווען ער איז געווען אין מאַרינבאַד צוזאַמען מיט אדמו״ר ר׳ ישראל פון פילעוו, אַן אייניקעל פונם ערשטען קאָצקער רבין, אין יאָהר תרנ״ט, דאַמאָלס האָבען זיך דיביידע אדמורי״ם בעפריינדעט, זענען פילמאָל דאָרט צוזאַמענגעקומען און געשמועסט אין ענינים פון תורה און חסידות א). זייט דאַמאָלס הערשט אַ פריינדשאַפט צווישען די צוויי רבישע דינאַסטיעס. זייערע אייניקלעך האָבען זיך שוין געגענזייטיג משדך געווען, און זייערע קינדער שטאַמען שוין פון די ביידע אדמורי״ם, פונם קאָצקער און פונם איזביצער.

אָט דערמיט איז פערווירקליכט געוואָרען די תורה, וואָס דער קאָצקער רבי האָט געזאָגט וועגען די מחלוקת, וואָס איז פאָרגעקומען אין זיין צייט צווישען צדיקים: „כל מחלוקת שהיא לשם שמים סופה להתקיים״. ד. ה. אַז דערפאַר וואָס זייער מחלוקה איז לשם שמים, וועט זיין דער סוף, אַז זייערע קינדער וועלען אין אַ צייט אַרום זיך געגענזייטיג משדך זיין און אַזוי אַרום וועלען זיי ווערען איינס ב).

---

## טו. דער קאָצקער רבי אין זיין התבודדות־צייט און די פאַלשע קלאַנגען וואָס זענען דורך דעם פערשפרייט געוואָרען.

**א.** דער קאָצקער רבי פלעגט פון אייביג אָן זיך וועניג אָבגעבען מיט מענשען, בעזונדער מיט קליינע אומבעדייטענדע מענשען. זייענדיג שטענדיג פערנומען אין תורה־ און חסידות־געדאַנקען, האָט ער זיך נישט קיין צייט גענומען, אַ סך צו שמועסען אַפילו מיט זיינע נאָהנטע חסידים. ער האָט טאַקי טיילמאָל אויסגעדרוקט זיין בעדויערען דערויף, וואָס ער האָט אַזויפיל

---

א) כ׳האָב די זכיה געהאַט צו רעדען מיט אדמו״ר ר׳ מרדכי יוסף ז״ל, ווען ער איז געווען אין לאָדז. כ׳האָב איהם געפרעגט מיט פערוואונדערונג, ווי אַזוי איז דאָס צושטאַנד געקומען די פריינדשאַפט צווישען איהם און דעם קאָצקער רבין. „דאָס איז קיין שאלה נישט, אַ שאלה איז פערקעהרט״ האָט ער מיר געענטפערט. ב) ס׳ שש״ק ח״א אות של״ח.

חסידים, וועלכע נעמען ביי איהם צו זיין טייערע צייט, ער האָט ליבער געוואָלט ווענינער חסידים, נאָר גרעסערע, מיט וועלכע ער זאָל קענען רעדען אין העכערע ענינים. דאָס האָט גורם געווען, ווי אויבען דערמאָנט, אַז איינער פון זיינע מקורבים, זאָל קענען פון איהם אָבציהען אַ טייל פון זיינע חסידים, און אַליין פיהרען אדמורו״ת. אַרום יאָהר ת״ר האָט ער אינגאַנצען אָנגעהויבען פיהרען אַ לעבען פון התבודדות, פון אָבגעזונדערטקייט, שטענדיג האָט ער זיך נעמליך געהאַלטען פערשלאָסען אין זיין „היכל קודש", אין דער לעצטער שטוב פון זיין וואוינונג, פון וועלכער ער איז גאַנץ זעלטען ארויסגעגאַנגען. שבת און יום־טוב האָט מען איהם אין זיין בית המדרש, וואָס איז געווען לעבען זיין וואוינונג, אויפגערופען צו אַן עליה. דאַמאָלס האָט ער געעפענט די טהיר פון זיין שטוב, איז אַריינגעקומען און געגאַנגען פערהילט מיטן טלית איבערן פנים צו דער בימה, און באַלד נאָך דער קריאה איז ער צוריקגעגאַנגען אין זיין שטוב אַריין.

געפיהרט טיש, ווי דער שטייגער איז ביי אַ רבין, האָט ער מעהר נישט. נאָר גרויסע חסידים פלעגען זיך שבת און יום־טוב זעצען אַרום טיש פונם בית־המדרש און לעבען איהם איז געשטאַנען אַן „עולם". טיילמאָל האָט דער רבי געעפענט זיין טהיר און שטעהענדיג דאָרט, זייענדיג בלויז אָנ־געטהון אין אַ לאַנגען טלית קטן, האָט ער בקול רם געזאָגט זידעל־ווערטער צו די חסידים, דהיינו: „וואָס טהוט עץ דאָ, ריקים, כזבנים?!" אַ שרעק איז געפאַלען אויף די פערזאַמעלטע חסידים, אַזוי אַז זיי זענען אַנטלאָפען אַזש דורך די פענסטער.

ער האָט נישט שלום געגעבען און נישט געזעגענט יעדען טאָג זיינע אָנגעקומענע חסידים, ווי דער שטייגער איז געווען פריהער. נאָר טיילמאָל האָבען זיי געמוזט וואַרטען אַ טאָג, צוויי און נאָך מעהר, ביז זיי האָבען דערצו זוכה געווען.

ב. אָט דאָס התנהגות האָט אַרויסגערופען אַ פערשיעדען גערעדעכטס ביי מענשען. טייל האָבען געזאָגט, אַז דער רבי איז נישט ביים קלאָהרען פערשטאַנד און טייל — אַז דער רבי בעקומענדיג אטהייסטישע געדאַנקען איז געווען גרייט צו פערלאָזען דאָס אדמורו״ת, איז אָבער דערצו גע־צוואונגען געוואָרען דורך זיין פאַמיליע. קאָצקער חסידים האָבען געהאַט דערפון גרויס עגמת־נפש.

אין יענער צייט האָט דער „חידושי הרי״ם" וועגען דעם געשריבען פאָלגענדען בריף צום פּאַלטוסקער רב ר' אלעזר הכהן א):

ב״ה יום ג' כ״ז אדר ראשון ת״ר לפ״ק וואַרשא.

החיים והשלום לכבוד אהובי ידיד נפשי הרב המאוה״ג חריף
ובקי נ״י פ״ה החסיד מו״ה אלעזר הכהן נ״י.

מכתבו קבלתי לעת ערב. ש״ק הייתי בקאצק ובה״ה הכל טוב. ג' שבתים הי' יושב עם העולם. הקולות יצאו בודאי מזדים ארורים, אשר כקוץ מכאיב בעיניהם מה שיש בעולם הרוצים בתורת ה'. ובעיר בארזין נגיד אחד דיבר

סרה ועשו החסידים כמשפט הראוי לו, ונתחייבו לשלם אלף זהו׳. ובו״ה פה לא נשמע עוד.

דברי ידידו הק׳ יצחק מאיר.

ג. ר׳ אלעזר הכהן, דער גרויסער קאָצקער חסיד, האָט אַוודאי, הערענדיג די שלעכטע קלאַנגען, וואָס ס׳האָבען זיך פערשפּרייט וועגען זיין גרויסען קאָצקער רבין, אָנגעפרעגט וועגען דעם זיין אַלטען ידיד דעם „חידושי הרי״ם". און דער גרויסער צדיק האָט איהם אין אַ בריף געענטפערט, אַז דאָרט איז אַלץ גוט, נאָר „זדים ארורים", (פערשאָלטענע רשעים), ביי וועלכע ס׳איז אַ דאָרן אין די אויגען דאָס, וואָס ס׳זענען פאַרהאַן אויף דער וועלט אַזעלכע, וואָס פיהרען זיך לויטן אייבערשטענס תורה, האָבען דאָס אָט די קלאַנגען פערשפּרייט.

דאָס עדות-זאָגען פון דעם גרויסען עד-ראיה איז אַוודאי וואָהר, מען ברויכט דערנאָך נישט מהרהר צו זיין.

נאָך אַ גלויבווירדיגער עד-ראיה, דער מחבר פון ספר „שם הגדולים החדש", שרייבט צו אָט דעם נייעם גאַנג פונם קאָצקער רבין:

ואף אחרי אשר גבה לבו בדרכי ה׳ ובחר רבינו הקדוש להבדל מבני אדם וידו נטה אל צפון, כעשרים שנה לא זזו פעמיו מקיר הבית חוצה, והוסיף טהרה על טהרתו וקדושה על קדושתו, ודברי תורתו, אשר להם איים ייחלו לשום מחשך לפניהם לאור יומם, היה יקר מאד בימים ההם, מכ״ז חכמתו בחוץ תרונה ומימינו אש דת למו להופיע לכל באי שעריו וכו׳ הפליא עצה והגדיל תושיה, גם עד זקנה ושיבה לא כהתה עינו הבדולח וחציו היו שנונים להיות קולע אל השערה ולא יחטיא, כפסם בפעם בהלחמו ביום קרב וכו׳. ואני ההדיוט זכיתי לקבל פני השכינה.

אָט דער מחבר, ר׳ אהרן וואַלדען, וואָס האָט זוכה געווען, איהם צו זעהען און צו פערנעמען זיינע ווערטער, זאָגט עדות, אַז אויך נאָכדעם ווי ער האָט געפיהרט אַ התבודדות-לעבען האָט ער נישט אויפגעהערט צו פיהרען ראַביסטווא, מיט קדושה און טהרה נאָכמעהר, ווי פריהער. אויך זיין גרויסער חבר אדמו״ר ר׳ יצחק פון וואָרקע פלעגט ווערענד דער צייט, ווי פריהער, איינמאָל אין יאָהר ביי איהם זיין אויף אַ שבת און איהם פרעגען עצות אין אַלע וויכטיגע ענינים זיינע. אָט פאָלגענדער בריף זאָגט דערויף עדות:

ב״ה יום ה׳ כ״ו אלול תר״ז לפ״ק וואַרשא.

החיים והשלום וכ״ט לכבוד ידיד לבבי הרב הקדוש וכו׳ כקש״ת

מו״ה מנחם מענדיל נ״י שיחי׳ לאוי״ט.

הנני בעת הרצון באתי לעורר הברית אהבה, שנזכור נא איש את אחיו לטובה עם כל הנלוים לטובה ובפרט על בריאות גופי, השי״ת יחזקני בבריאות כראוי, וגם בהעסקים שבהכרח מוטלים עלי ביחד עם כבוד ידידנו הרב המאה״ג הקדוש מו״ה יצחק מאיר שיחי׳ מפה, אשר אין אופן להניא מזה. השי״ת ירווח לנו ויגמר בעדנו כל טוב, ונזכה לשמוע מעתה בשורות טובות איש מאחיו, ולהכתב ולהחתם לחיים טובים בכלל ישראל.

אלה דברי ידידו או״נ המצפה לטובתו עכב״ב לאוי״ט.

הק׳ ישראל יצחק במהור״ש מוואָרקי.

דו"ש ידיד נפשי הרבני האברך מו"ה דוד נ"י עם כבוד חתנו חביבי האברך המופלג מו"ה יצחק שמחה נ"י ולכבוד ידיד נפשי החריף מו"ה צבי הירש נ"י ולכל כבוד החסידים נ"י ונכתב ונחתם לחיים טובים א).

ד. אָבער די קלאַנגען, וואָס „זדים ארורים" האָבען אין יאָהר ת"ר פערשפרייט אין צוזאַמענהאַנג מיטן התבודדות־לעבען פון קאָצקער רבין, זענען ווידער אויפגעפרישט און צו ערינערונג געברענגט געוואָרען אין יאָהר תר"פ. אַ געוועזענער רב, אַ שריפטשטעלער, יהודה לייב זלאָטניק, האָט נעמליך פערעפענטליכט אין דער וואָכענשריפט „המזרחי" (נומר 14) אַן אַרטיקעל א. נ. „קוצק", אין וועלכען ער שטעלט דעם קאָצקער רבין פאָר ווי אַ פילאָזאָף, וואָס שטרעבט צו רעפאָרמירען די יודישע רעליגיע און ווען ער זעהט, אַז קיינער הערט איהם נישט, און מ׳פערשטעהט נישט זיין גייסט און זיין שטרעבען, איז ער געקומען צו אַ קריזיס און האָט זיך צוריקגעקעהרט צו זיין ראַביסטווא, ער פערבערגט אָבער זיינע אַטהייסטישע געדאַנקען, דערווייטערט זיך פון מענשען, זיצט מיט אַ צובראָכען געמיט פעראיינזאַמט אין אַ פערבאָרגענעם אָרט ביז זיין טויט.

אָבער ווי אַזוי, דורך וועלכע סבות, איז דער גרויסער קאָצקער רבי געוואָרען אַ פריידענקער? דערצו ווערט דאָרט ערקלערט: „די משכילים פון יענעם דור, וואָס האָבען געוואָלט רעפאָרמירען די יודישע רעליגיע, זעהענדיג די שטאַרקע גייסטיגע קראַפט פון קאָצקער רבין, ווי גרויס ס׳איז די צאָהל פון זיינע פערעהרער, האָבען זיי געוואָלט בענוצען זיין גרויסען כח, צו פערשפרייטען השכלה צווישען יודען. וואָס האָבען זיי געטהון? זיי האָבען גענומען איינעם פון זייערע חברים, אַ דענטיסט, מיטן נאָמען קאָך, וואָס איז געווען אַ בעדייטענדער משכיל, געהאַט אַ רייכע ביבליאָטעק פון אַפיקורסישע ספרים, און האָבען איהם געדינגען אַ וואוינונג אין קאָצק, נאָהנט פון רבין. ווען ס׳האָט דעם רבין די צייהן וועה געטהון, האָט ער געשיקט רופען צו זיך דעם דענטיסט. דער דענטיסט האָט ערקלעהרט דעם רבין, אַז בײ איהם אין זיין וואוינונג, וואו ער האָט נישט די ערפאָדערטע מכשירים, קאָן ער איהם נישט העלפען, נור דער רבי מוז צו איהם קומען. ווען דער רבי איז צו איהם געקומען, האָט דער דענטיסט אָנגעהויבען מיט איהם שמועסען וועגען הויכע רעליגיעזע ענינים, האָט איהם געבאָרגט פערשיעדענע השכלה ספרים, וועלכע האָבען דעם רבין פערדרעהט, געמאַכט פאַר אַ משכיל.

„צוליב דעם איז דער רבי אַרומגעגאַנגען פערטראַכט אין געדאַנקען. זיין הויזגעזונד, דאָס בעמערקענדיג, האָבען אַהערגערופען זיין גרויסען חסיד ר׳ מרדכי יוספן. אין אַ פרייטאג איז ר׳ מרדכי יוסף צו איהם געקומען. ער האָט באַלד דערקענט דאָס איבערקעהרעניש, וואָס ס׳איז דאָ פאָרגעקומען".

הרב. זלאָטניק דערצעהלט ווייטער: „דער רבי איז געגאַנגען מיט ר׳ מרדכי יוספן אין וואַלד אַריין שפאַצירען. פאַרנאַכט — דער רבי האָט געוואָלט נאָך דאָרט זיצען, ר׳ מרדכי יוסף האָט זיך אָנגערופען, כ׳האָב מורא, טאָמער וועט פינסטער ווערען און מיר וועלען בלייבען מחוץ לתחום. זיי זענען אַהיימגעגאַנגען. דער רבי איז אַריינגעגאַנגען אין זיין לעצטער

---

א) דער בריף איז געדרוקט אין ספר „מאיר עיני הגולה" סימן ר"ט.

שטוב. זיי האָבען מקבל שבת געווען, געדאַווענט מעריב, געוואַרט אויפן רבין. פאַר האַלבע נאַכט, די ליכט זענען נאָך נישט אויסגעגאַנגען, דער רבי קומט אַריין, דערנעהנטערט זיך צום טיש, גיסט אָן אַ כוס וויין, נעמט עס אין דער רעכטער האַנד אַריין, און פלוצלינג — האָט זיך געטראָפען דאָס, וואָס האָט זיך געטראָפען... לבא לפומא לא גליא...

אַ שרעק פאַלט אויף די פערזאַמעלטע, מענכע רייסען אויף די פענסטער און אַנטלויפען. נאָר איינער ר׳ מרדכי יוסף ליינער איז נישט דערשראָקען געוואָרען. ער רופט צום עולם: „דאָרט, וואו ס׳איז פאַרהאַן אַ חלול השם, טיילט מען נישט צו קיין כבוד פאַר אַ רב, ר׳איז נישט ביים שכל, בינדט איהם".

באַלד איז ר׳ מרדכי יוסף אַריינגעגאַנגען אין בית המדרש אַריין מיט זיינע גוטע פריינד און גענומען פיהרען טיש. באַלד נאָך שבת איז ר׳ מרדכי יוסף אַהיימגעפאָהרען און אָנגעהויבען פיהרען אדמורו״ת און אַ גרויסער טייל פון קאָצקער עולם זענען איהם נאָכגעפאָהרען.

דער רבי האָט זיך בערוהיגט, האָט געזעהען אַז ס׳איז איהם נישט געלונגען, אַז ער האָט נישט פאַר ווּעמען אויסצודרוקען זיינע געדאַנקען, איז ער אַריינגעגאַנגען אין זיין לעצטער שטוב און איז דאָרטען געזעסען פאַרשלאָסען 20 יאָהר, פון תקצ״ט ביז תרי״ט, ווען ער איז נפטר געוואָרען. און אין משך פון דער גאַנצער צייט האָט דער רבי נישט געלעגט זיין אויפמערקזאַמקייט אויף אַלעם, וואָס טהוט זיך אַרום איהם, איז געזעסען אין זיין ענג שטיבעל, וואָס איז געווען פול שפינוועבס און מייז זענען אַרומגעשפּרינגען און דער רבי האָט זיי נישט געשטעהרט. חסידים האָבען געזאָגט, אַז דאָס זענען נשמות, וועלכע זענען געקומען צום רבין וועגען אַ תקון. און יעדערן ערב פסח איז ער אַרויסגעגאַנגען פון זיין געפענגעניש-שטיבעל אויף עטליכע מינוטען, כדי מען זאָל איהם אָבריייניגען. יעדערן טאָג האָט מען איהם אַריינגעגעבען אַן אָבגעקאָכטעס גאַנצע היהן, שפעטער האָט מען עס אָבער צוריק אַרויסגענומען און מען האָט געמוזט זוכען דאָס אָרט, פון וואו דער רבי האָט געגעסען. און ווען דער רבי איז נפטר געוואָרען האָט דער „חידושי הרי״ם" און זיינע חברים בודק געווען נאָך זיינע כתבים און זיי מבער געווען. אָבער חסידים האָבען געזאָגט, אַז דער רבי אַליין האָט זיינע כתבים יעדערן ערב פסח פאַרברענט".

ה. דער פאַמפלעט קעגען קאָצקער רבין האָט אַרויסגערופען אַ פערביטערונג אין חסידישע קרייזען, דערקענענדיג דאָס פאַלשקייט, דעם שקר, וואָס אין איהם שטעקט. ס׳האָט זיך דאַמאָלס געבילדעט אַ חברה פון גרויסע רבנים, וואָס איז גרייט געווען אָט דעם רבנישען עוכר ישראל דערפאַר מחרים צו זיין. דער בעקאַנטער סטאַשעווער-טאָראָנטער רב ר׳ יהודה לייב גרויבאַרט האָט געשריבען אין דערזועלביגער מזרחיסטישער צייטשריפט (נומר 17) אַ געגען-אַרטיקעל א. נ. „והצדיקו את הצדיק", אין וועלכען ער שרייבט צוו. אַנדערען פאָלגענדעס:

„די וואָהרהייט שרייט ביטער קעגען אָט דעם פאַלשען אורטייל. די בעסטע תלמידים, וועלכע זענען דאַמאָלס אין קאָצק צוזאַמענגעקומען, זענען געמליך געווען: ר׳ יצחק מאיר אַלטער (חידושי הרי״ם), ר׳ יעקב דוד פון

אַמשענאָוו און זיין ברודער ר׳ מענדיל פֿון וואורקע (וועלכער האָט פֿיל געליטען פֿון קאָצקער חסידים. האָבען געמאַכט חוזק פֿון איהם און איהם געטשעפּעט און פֿונדעסטוועגען איז ער יעדעס יאָהר געפֿאָהרען קיין קאָצק), ר׳ וואָלף לאַנדא פֿון סטריקוב, (געווען אַ פּקח, אַ גרויסער לשון הקודש־קענער, איהם האָט אויסגעפֿעהלט ווערטער, אויסצודרוקען דאָס גרויסקייט פֿון קאָצקער רבין און ווען ער האָט וועגען איהם גערעדט, פֿלעגט ער זיין פֿיל בעגייסטערונג), ר׳ ברוך פֿון טשיזעוו, ר׳ נתן פֿון ווענגראָוו און נאָך פֿיל אַנדערע. צו אָט די אַלע איז דער קאָצקער רבי געווען אַ מדריך, זיי האָבען פֿון איהם געלערנט תורה. קאָן דען מעגליך זיין, אַז זיי האָבען נישט געוויסט, ווער און וואָס דער רבי איז? אָט די פּערזענליכקייטען קאָן מען נישט חושד זיין אין אַ בלינדער אמונה אָדער אין אַ שוחד פֿון איינבילדונגס־קראַפֿט דורך מופֿתים פֿון רבין. קאָצקער חסידים זענען געווען קריטיקערס. האָבען געזעהען זייערע אייגענע פֿעהלערס און די פֿעהלערס פֿון אַנדערע מענשען. זיי זענען נישט בלויז געווען קריטיקערס נאָר די קריטיק אַליין. זיי האָבען דערקלערט דעם פּסוק (דברים י״ח י״ד): כי הגוים האלה אשר אתה יורש אותם אל מעוננים ואל קוסמים ישמעו ואתה „לא כן״ נתן לך ה׳ אלקיך. דיר האָט דער איבערשטער געגעבען די שיטה פֿון „לא כן״, ד. ה. נישט צו גלויבען אָהן פֿאָרשונג. און גאַנץ אָפֿט האָבען זיי אַפֿילו זייער רבין אַליין פֿאָרשענדיג נאָכגעקוקט אויף די קלענסטע שטריכען זיינע. פֿאַר זייער קריטיק איז זיך נישט געווען צו בעהאַלטען. אַ קאָלעקציע פֿון מופֿתים איז ביי זיי נישט געווען קיין גאַנגבאַר אַרטיקעל. זיי פֿלעגען דערויף זאָגען: אותות ומופתים באדמת בני חם.

ווען ס׳זאָל זיין אַזוי ווי די אַנזיכט פֿון אָט דעם שרייבער, אַז דער רבי האָט זיך איבערצייגט, אַז ער קאָן זיך נישט מתחבר זיין מיט זיין סביבה און צוליב דעם איז ער געוואָרען אַן אָבגעזונדערטער פֿון איהר – צו אַזוי טהוט אַ קלוגער פֿילאָזאָף? וואָס פֿאַר אַ פֿילאָזאָפֿיע שטעקט אין דעם? וואָס פֿאַר אַ נוצען וועט ער און די וועלט האָבען פֿון אַזאַ ריכטונג, זיך אַוועקזעצען אין אַ ווינקעלע און בלייבען מיט זיך אַליין פֿערשלאָסען? אַזאַ פֿערשלאָסענער קוואַל, קען גאָרנישט משפּיע זיין אויף קיין שום מענש, קיין שום פּעולה נישט טהון — צו איז דאָס נישט גלייך צו דעם פֿאַקט פֿון פֿרידריך דעם צווייטען, וואָס האָט זיינס אַ בעאַמטען מבשר געווען, אַז ער האָט איהם דערהויבט צו דער מדרגה פֿון גענעראַל, אָבער איהם געבאָטען, דאָס קיינעם נישט צו דערצעהלען?״

דאָס זענען די 5 עקרים פֿון קאָצקער חסידות... (דאָס האָב איך אויבען עמוד ל״ד דערמאַנט. פּ. ז. ג.).

„די מרידה פֿון ר׳ מרדכי יוסף איז טאַקי אַ פֿאַקט״ — שרייבט ער ווייטער – „אָבער נישט צוליב דעם, וואָס הרב זלאָטניק שרייבט, איז זי ענטשטאַנען. צו אָט דער. מרידה איז פֿאַרהאַן אַ גאַנץ אַנדערע סיבה,
כ׳ווייל אָבער נישט אויפֿהייבען
דעם שלייער און ווייזען די אמת׳דיגע סיבה פֿון איהר. און באמת איז ר׳ מרדכי יוסף אויך געווען גרויס אין תורה און חסידות״.

ו. ס׳קאָכט זיך אויף ס׳בלוט אין די אָדערן לייענענדיק דאָס דערמאַנטע

אָבשילדערן דעם גרויסען קאָצקער רבין אין דער צייט פון זיין התבודדות — דאָס בלויז, אַז עפּעס אַ זענטיסט, וואָס האָט זיך בעזעצט אין קאָצק, האָט דעם קאָצקער רבין קאַליע געמאַכט, אַז ער איז געוואָרען אַ פריידענקער, איז לעכערליך און נאַריש. ס׳איז דען פאַרהאַן אַ דענטיסט, וואָס איז אַ למדן און אַ משכיל, נאָך דערצו אַזוי, אַז ער זאָל קענען בעאיינפלוסען אַזאַ גאונישע פערזענליכקייט, ווי דער קאָצקער רבי איז געווען? דאָס האָבען נאָר בעקענט אויסטראַכטען „זדים ארורים", ווי דער „חידושי הרי״ם" האָט געזאָגט. ס׳איז בעקאַנט דאָס וואָרט, וואָס דער קאָצקער רבי האָט אַמאָל געזאָגט צו אַן אמת׳ן משכיל: „רבים מכאובים לרשע והבוטח בה׳". פיל שמערצען האָט דער רשע, דער גרעסטער שמערץ זיינער איז דאַמאָלס, ווען ער זעהט איינעם, וואָס איז בוטח בה׳.

וואָס ער שרייבט ווייטער, אַז דאָס הויזגעזונד פונם רבין, זעהענדיג, אַז ער געהט אַרום פערטראַכט, האָבען זיי אַרויסגערופען צו איהם ר׳ מרדכי יוספן — אין דעם איז אויך בולט דער שקר, וואָרום ביים רבין איז שטענדיג געווען זיין נאמן-בית ר׳ הירש טאָמאַשאָווער, וואָס איז געווען אַ גרויסער תלמיד-חכם, אַ צדיק און אַ פּקח א), ער האָט געוויס נישט געברויכט ר׳ מרדכי יוספן דערצו. ווער האָט בעסער געקאָנט זעהען, וואָס ס׳טהוט זיך ביים רבין, ווי ער, וואָס איז געווען זיין רעכטע האַנד, און ער האָט פון איהם געהאַלטען „עולם ומלואו". וואָס ער שרייבט ווייטער ברמז, אַז דער רבי איז בעגאַנגען פרייטאָגצונאַכטס אַ חלול שבת בפרהסיא און ר׳ מרדכי יוסף האָט גערופען צום עולם בינדטס איהם, ר׳איז נישט ביים שכל, און באַלד דערנאָך איז ער אַוועק פון קאָצק — דאָס איז אַזוי וואָהר, ווי ס׳איז וואָהר דער בלבול, אַז יודען ברויכען מענשליך בלוט צו די מצות און ווי דער בלבול אַז יודען האָבען אין פופצענטען יאָהרהונדערט אַריינגעטהון גיפט אין טייכען און ברונעמס, פון וואָס ס׳איז ענטשטאַנען די שוואַרצע פעסט. אַזוי ווי יענע בלבולים איז אויך דער בלבול אויסגעטראַכט געוואָרען פון „זדים ארורים" ב). און ר׳ מרדכי יוסף איז נישט אַוועק פון קאָצק אין תקצ״ט, ווי זלאָטניק שרייבט, נור אין אסרו חג שמחת תורה פון יאָהר ת״ר, ווי ס׳זאָגען עדות מקורות פון איזביצער און פון קאָצקער זייט.

ז. באמת כאָטש אדמו״ר ר׳ מענדיל האָט זיך דאַמאָלס געהאַלטען אָב-געזונדערט פון פרעמדע מענשען, אָבער פאַר זיינע אייגענע הויזמענשען, ווי זיין גרויסער זוהן ר׳ דוד, זיין נאמן בית ר׳ הירש טאָמאַשאָווער, ווער שמועסט זיין יונגע רביצין, חיה, פאר זיי איז, אויסער ביים דאַווענען, קיינמאָל זיין טהיר נישט געווען פערשלאָסען. און נישט אין אַ קליין, ענג שטיבעל איז ער געזעסען, נאָר אין אַ גרויסע ליכטיגע שטוב, און לעבען דער שטוב איז געווען אַ גרויסע שלאָפשטוב, וואו ער האָט געוואוינט כאורח כל גוברין יהודאין, אַזוי ווי ער האָט צוגעזאָגט דאַמאָלס, ווען ער איז געגאַנגען נעמען

א) זעה אין לעצטען קאפיטל וועגען ר׳ הירש טאָמאַשאָווער. ב) דער רמב״ן שרייבט אין אַ בריף, אַז אַ מענש מוז גלויבען אין 3 זאַכען, אין דעם וואָס די 5 חושים פערנעמען, אין דעם וואָס דער שכל פערשטעהט און אין דעם, וואָס איז אַ קבלה פון צדיקים. אויסער די 3 זאַכען הייסט פתי יאמין לכל דבר.

דעם זיווג שני, אַז ער וועט האָבען מיט איהר קינדער עוסקים בתורה און אַזוי האָט ער אויך מקיים געווען, און אויף זיין הויף איז געווען אַ מקוה, וואו ער איז אַוודאי געגאַנגען טבילה.

און אויף זיינע קליינע און גרויסע קינדער און אייניקלעך האָט ער געהאַט אַן השגחה. האָט זיי פערהערט, וואָס זיי האָבען געלערנט אין חדרים און זיי מחנך געווען צו תורה און דרך-ארץ. זיינע 2 טעכטער, די צווילינגס-שוועסטערן, שרה צינא און ברכה, האָט ער געהייסען, אַז זיי זאָלען זיך לערנען שרייבען. זייער געשרייבעכץ פלעגען זיי איהם ברענגען צו ווייזען, פאַר וועלכען ער פלעגט זיי געבען אַ היבשע מטבע. שפעטער האָט ער זיך בעמיהט, מיט זיי גוטע שידוכים צו טהון, צו וועלכען ער האָט אָנגעווענדעט גרויסע ענערגיע און חכמה, ווי ווייטער אין דעם ספר איז דערקלערט גע-וואָרען. אויך פאַר זיינע גרויסע איידעמס איז זיין טהיר קיינמאָל נישט געווען פערשלאָסען.

ח. דער קאָצקער רבי איז געווען כל ימיו אַ פיהרער-פערזענליכקייט. אין דער צייט פון זיין התבודדות האָט ער געפיהרט דאָס אדמורו״ת מיט אַ פעסטקייט און געהאַט אַן השגחה אויפן עולם פונקט ווי פריהער, כאָטש ער האָט זיך זעלטענער געזעהען מיט זיינע חסידים און טיילמאָל האָט ער זיך אויף זיי געבייזערט.

אַזוי האָט ער, למשל, אין יאָהר תרי״ג, ווען ער האָט בעקומען אַ ידיעה, אַז דער טשעכאַנאָווער רב ר׳ אַברהם ז״ל פערלאָזט זיין כסא רבנות און נעמט אָן דאָס רבנות פון פלאָצק, געזאָגט צו זיין נאמן-בית ר׳ הירש טאָמאַשאָווער: שרייב צו ר׳ וואָלף לאַנדא פון סטריקוב, אַז ער זאָל זיך משתדל זיין, צו בעקומען זיין פאָטערס רבנות אין טשעכאַנאָוו א).

אין יאָהר תרט״ו ווען ער האָט געהערט, אַז דער ביאַלער רב ר׳ משה מיכל, זיין גרויסער גוטער פריינד, איז נפטר געוואָרען, האָט ער געזאָגט צו ר׳ הירש טאָמאַשאָווערן, אַז ער זאָל זיך משתדל זיין, אַז דאָס ביאַלער רבנות זאָל בעקומען זיין מחותן, דער אלקושער רב, ר׳ וואָלף נחום. דאָס השתדלות איז איהם געלונגען. ר׳ וואָלף נחום איז געווען ביאַלער רב ביז אין זיין לעצטען טאָג. אָבער מערקווירדיג, שפעטער ווען ר׳ וואָלף נחום איז געקומען קיין קאָצק און האָט דערצעהלט דעם רבין, אַז ער איז געוואָרען ביאַלער רב, האָט איהם דער רבי מיט אַ געבייזער געזאָגט: „וואָס, ביזט געוואָרען ביאַלער רב, מיט סאַרע זכות, ביזט עפעס ראוי דערצו?״ ר׳ וואָלף נחום איז אַרויסגעגאַנגען מיט אַ צעבראָכען געמיט און איז אַריינגעגאַנגען צו זיין זוהן ר׳ אַברהמן. ר׳ אַברהם האָט איהם געפרעגט, פאַרוואָס ער איז עפעס אַזוי פערביטערט. אָבער בינתים איז אַריינגעקומען דער משמש ר׳ פייוועל און איהם געזאָגט, אַז דער רבי רופט איהם. ווי ער איז אַריינ-געקומען, האָט צו איהם דער רבי געזאָגט בסבר פנים יפות: „ביזט געוואָרען ביאַלער רב, מזל טוב, ס׳זאָל דיר זיין מיט מזל״ ב). —

אין דעמזעלביגען יאָהר איז צו איהם געקומען דער פאַלטוסקער רב

---

א) דער בריעף איז געדרוקט אין מיין ספר תולדות ר׳ הירש טאָמאַשאָווער.

ב) ספר שיח שרפי קודש ח״ה אות ה׳.

ר׳ אלעזר הכהן און געפרעגט אַן עצה, אויב ער זאָל אָננעהמען דאָס איהם פאָרגעלעגטע פלאָצקער רבנות. ר׳ אלעזר האָט נעמליך איבערקלעהרט, אַז דערפאַר וואָס אין פלאָצק האָט דאַמאָלס געהערשט די כאָלערא־קראַנקהייט איז פאַר איהם אַ סכנה זיך דאָרט צו בעזעצען. דער רבי האָט איהם פעסט געזאָגט, אַז ער זאָל אָננעהמען דאָס פלאָצקער רבנות און זאָל גאָר קיין מורא נישט האָבען און ר׳ אלעזר האָט איהם געפאָלגט. (זעה ווייטער קפיטל כ״ח). —

מיין מוטערס פאָטער, ר׳ זעליג הלוי פרענקעל, וואָס איז געוועזן אַ קאָצקער חסיד און אַ מחותן פון קאָצקער רבין, האָט געהאַט אין זגערז אַ טוך־פאַבריק בשותפות מיט זיין שוואָגער ר׳ הירשל פויזנער. זיי האָבען מצליח געוועזן און געמאַכט אַן עשירות. אָבער דעם זיידען מיינעם איז דער שותף נישט געוועזן צום האַרצען. זייערע דעות זענען נישט געוועזן גלייך, צוליב וואָס ער האָט געוואָלט גאַנץ אָפּט אָבהאַקען פון שותפות. אָבער אָהן דער הסכמה פון קאָצקער רבין האָט ער דאָס נישט געוואָלט טהון. און יעדעס יאָהר ווען ער איז געקומען קיין קאָצק, פלעגט ער אויסדריקען זיין ווילען פאַרן רבין וועגען אָבהאַקען פונם דערמאַנטען שותפות. אָבער דער רבי האָט מיט איהם נישט מסכים געוועזן. אין יאָהר תרי״ח האָט ר׳ זעליג פרענקעל מפציר געוועזן אינם רבין וועגען צעשטערן אָט דאָס שותפות. „כ׳האָב עגמת נפש פונם שותף״, האָט ער איהם געזאָגט, „ר׳איז נישט צו־געפאַסט מיט מיר״. „צו האָט זיך גישט געטראָפען״, האָט איהם דער רבי געפרעגט, „ביי אַ געשעפט, וואָס דיין שותף האָט געזאָגט, מען זאָל עס מאַכען, און דו האָסט געזאָגט נישט, און ס׳איז גוט געוועזן, ווי ער האָט געזאָגט?״ „יאָ״, האָט ר׳ זעליג געענטפערט, „מיר זענעןביידע אַמאָל געוועזן אויפן וואָל־מאַרק אין וואַרשא, מיר האָבען געהאַנדעלט אַ פאַרטיע וואָל, איך האָב געזאָגט, מען זאָל די פאַרטיע וואָל נישט קויפען און ער האָט געזאָגט יאָ, און מען האָט געקויפט און מען האָט גוט פערדיענט״. „נו, וואָס ווילסטו״. האָט איהם דער רבי געזאָגט.

אין יאָהר תרי״ט איז דער קאָצקער רבי נפטר געוואָרען. דאַמאָלס האָט ר׳ זעליג פרענקעל, ווילענדיג אָבהאַקען פונם שותפות, די זאַך פאָרגעלעגט אַן אַנדערן רבי, וועלכער האָט מיט איהם מסכים געוועזן און דאָס שותפות — איז צעשטערט געוואָרען.

וואָס איז געוועזן דער סוף? ר׳ הירשל פויזנער איז געגאַנגען הלוך וגדול, ס׳געשעפט האָט ווייטער געבליהט, בעת ר׳ זעליג פרענקעל איז ר״ל געגאַנגען אַראָב, ס׳געשעפט איז קאַליע געוואָרען און אויך זיין געזונד האָט שטאַרק געליטען, אַזוי אַז ער איז נישט לאַנג דערנאָך געשטאָרבען אין עלטער פון 44 יאָהר. ווען נישט דאָס, האָט מיר מיין פאָטער געזאָגט, ווען ער וואָלט געפאָלגט דעם קאָצקער רבין בנוגע דעם שותפות, וואָלט ער אַוודאי מאריך ימים געוועזן אין עושר וכבוד. וואָרום ער איז געוועזן זעהר אַ געזונדער מענש, כל ימיו נישט קראַנק געוועזן, נור ר׳איז געוועזן זעהר אַן אויפ־געברעגטער מענש, אַלץ וואָס ס׳איז געטהון געוואָרען קעגען זיין רצון, האָט איהם זעהר אָנגעגריפען און עררעגט. אין יענער צייט, אין יאָהר תרכ״ב, דאָס יאָהר פון פוילישען אויפשטאַנד, די מענשען זענען געוועזן דערשראָקען

און נידערגעשלאָגען, קעגען וואָס ר׳ זעליג פרענקעל איז נישט געווען גענוג שטאַנדהאַפט. אַמאָל האָט מען איהם דערצעהלט, אַז פּאָלאַקען זענען בעפאַלען זיין פאַבריק, וועלכע ער האָט איבערגעגעבען אַ דייטש, צוליב וואָס ער איז געוואָרען אַזוי אויפגערעגט און דערשראָקען, אַז די גאַל איז איהם איבער־געגאַנגען, האָט געקריגען די געלבזוכט, און אין 10 חדשים אַרום האָט ער זיין נשמה אויסגעהויכט א).

ט. דער קאָצקער רבי האָט אויך שטעלונג גענומען צו אַלע פּאָליטישע געשעהענישען פון פוילען און רוסלאַנד און האָט זיין קלאָרע מיינונג אַרויס־געזאָגט. אין דער צייט פון רוסישען קייזער ניקאָליי דעם ערשטען, דאַמאָלס ווען מען האָט אָנגעהויבען נעמען יודען צום מיליטער־דינסט, זענען פאַרהאַן געווען משכילים, וועלכע זענען צופרידען געווען דערמיט, מאָטיווירענדיג, אַז דאַדורך וועלען יודען בעקומען בירגער־רעכט, זיי וועלען נעמליך זיין גלייך מיט אַלע בירגער פון לאַנד. דאַמאָלס האָט דער קאָצקער רבי געזאָגט: אין פסוק שטעהט (בראשית ט״ו י״ב) „כי גר יהיה זרעך בארץ לא להם״, אין דער צייט, ווען יודען וועלען זיין אין נישט זייער לאַנד, איז בעסער, אַז זיי זאָלען זיין גרים נישט קיין בירגער. —

אין יאָהר תרי״א האָט די רוסישע מלוכה אַרויסגעגעבן אַ גזירה, אַז יודען מוזען ענדערן זייער טראַכט און געהן אָנגעטאָהן גלייך מיט גוים. די גרעסטע רבנים פון יענער צייט האָבען זיך בעשעפטיגט מיט דער פראַגע, צו יודען זאָלען זיך אונטערגעבען און פאָלגען די גזירה, אָדער זאָלען זיך מוסר נפש זיין און נישט פאָלגען.

ווען דער בעוואוסטער קאָצקער חסיד ר׳ אַבא פון טשעכאַנאָוו איז געקומען קיין קאָצק, האָט איהם דער רבי געפרעגט, וואָס ס׳הערט זיך וועגען די גזירה אויף די יודישע הלבשה און וואָס האָט דער טשעכאַנאָווער רב ר׳ אַברהם צו דעם געזאָגט?

„דער טשעכאַנאָווער רב״, האָט ר׳ אבא געענטפערט, „איז עקסטרא געפאָהרען קיין וואַרשא, כדי איבערצושמועסען די הלכה מיט ר׳ איטשע מאירן״ (חידושי הרי״ם) „און זיי האָבען אַרויסגעגעבען אַ פסק־הלכה, אַז יודען מוזען זיך מוסר־נפש זיין און נישט נאָכגעבען די גזירה״.

דאַן איז דער קאָצקער רבי אַרויס מיט אַ הויך געשריי זאָגענדיג: זיי האָבען אַזוי געפסק׳נט די הלכה? זיי האָבען מעיין געווען אין יענער סוגיא און געזעהען, אַז אַזוי איז דער דין? איך האָב אויך אַמאָל אַריינ־געקוקט אין אַ ספר, איך האָב אויך אַ ידיעה אין די קליינע אותיות, און כ׳האָב דאָרט גאָר נישט געזעהען אָט דעם דין פון יהרג ואל יעבור. צוויי גדולים זאָלען מפקיר זיין יודיש בלוט? ס׳וואָלט דאָך גלייכער געווען, אַז אַזעלכע גדולים, זאָלען אַ קוועטש געבען דעם כלל ישראל אוז די גאולה וועט קומען״ ב).

---

א) ספר תפארת אדם עמוד י״ח. ב) אָט די גזירה איז שפּעטער בטל געוואָרען. דאַמאָלט האָט די רוסישע רעגירונג גילאָזט אַרעשטירען דעם „חידושי הרי״ם״, דערפאַר וואָס ער האָט נישט אַרויסגעגעבען אַ בעפעהל צו די יודען, אַז זיי זאָלען פאָלגען די גזירה. ווען דער קאָצקער רבי האָט דאָס געהערט, האָט ער געהייסען ר׳ הירש טאָמאַשאָווער, שרייבען קיין וואַרשא צו די חסידים אַז זיי זאָלען וועגען איהם גאָר נישט זאָרגען, זיי וועלען אין זיין באָרד און

י. דאַמאָלס ווען ס׳איז פאָרגעקומען דער אַזויגערופענער „קרים-קריעג״, איז די יאָהרען תרי״ג-ט״ו, ווען די פערבינדעטע מלוכות ענגלאַנד, פראַנקרייך און טערקיי, האָבען געפיהרט מלחמה קעגען רוסלאַנד, דאַמאָלס האָט דער קאָצקער רבי שטעלונג גענומען פאַר די פערבינדעטע מלוכות און געוואָלט, אַז זיי זאָלען האָבען אַ נצחון. ער האָט זיך אינטערעסירט צו וויסען, וואָס ס׳קומט פאָר אויפן קריעגספלאַץ. אַמאָל האָט ער געפרעגט אַן אָנגעקומענען חסיד, וואָס מען הערט וועגען די מלחמה. „כ׳האָב געהערט״, האָט דער חסיד געענטפערט, „אַז ס׳איז געקומען אַ בעפעהל פונם צאַר ניקאָליי צום מיליטער, וואָס ס׳געפינט זיך אויפן קריעגספעלד, אַז די אָפיצירען זאָלען אַראָבנעמען די שליפעס פון זייערע אוניפאָרמען, מיט דער מאָטיווירונג, אַז די פערגאָלדעטע שליפעס שימערן, אַזוי אַז דער פון דער-ווייטענס שטעהענדער שונא דערקענט, וואו די אָפיצירען שטעהען אין טהוט דעריבער ביים שיסען צו זיי אַהין ציעלען, ווייל די אָפיצירען זענען אַ גרויסע וויכטיקייט אין דער מלחמה. „אויב אַזוי״, האָט דער קאָצקער רבי געזאָגט, „אויב זיי האָבען זיך אַראָבגענומען די שליפעס, האָבען זיי פערשפילט די מלחמה״. ס׳האָט נישט לאַנג געדויערט — איז טאַקי אַזוי געווען א).

און ווען די מלחמה האָט זיך געענדיגט מיט אַ שלום-אָבמאַך, וואָס איז געווען אַ שאַנד פאַר רוסלאַנד, און אין צוזאַמענהאַנג דערמיט האָט זיך רוסלאַנד פערפליכט, אין משך פון עטליכע יאָהר נישט צו נעמען קיין מיליטער, און פיל יודישע זעלנער אויך די קאַנטאָניסטען זענען בעפרייט געוואָרען פון דינסט — דאַמאָלס איז זיין שוועגערין, פייגעלי, די פרוי פונם „חידושי הרי״ם״, עקסטרא געפאָהרען פון וואַרשא קיין קאָצק, כדי דעם רבין מבשר צו זיין אָט די בשורה טובה ב), מסתמא דערפאַר, וואָס מען האָט געוויסס, ויי ווייט ער האָט אויסגעקוקט, דאָס צו הערען. —

כדאי צו דערצעהלען אויך דאָס, אַז אין ז׳ אדר תרי״ח האָט ער נאָך געגעבען דעם לאָדזער חזן ר׳ לייזרקע פערלמוטער ז״ל אַן הסכמה אויף זיין ספר „אבן משה״. ער האָט נעמליך געהייסען ר׳ הירש טאָמאַשאָווערן שרייבען אין זיין נאָמען, אַז ער האָט אַריינגעקוקט אין דעם ספר און וועט עס קויפען דאַמאָלס, ווען ס׳וועט אַרויס פון דרוק. ר׳ לייזרקע, מוז מען געדענקען, איז געווען אַ ליטוואַק, נישט געווען קיין חסיד, ד. ה. קיין רבי-סאָהרער, אַ וודאי דאָס איינע מאָל נאָר געווען אין קאָצק, ער איז אָבער געווען אַן אמת׳ער עהרליכער יוד, דער רבי האָט ביי איהם געזעהען עהרליכקייט, דערפאַר האָט דער גרויסער אוהב ישראל איהם געוואָלט מהנה זיין מיט זיין הסכמה. און איבער דער דאָזיגער הסכמה שטעהען אָט די ווערטער מיט גרויסע אותיות: „כבוד כקש״ת אדמו״ר הגאון הגדול החסיד המפורסם תפ״י בוצינא קדישא מרנא ורבנא הר״ר מנחם מענדיל שליט״א״.

אין יענער צייט, וויל איך דרך אגב דערצעהלען, וואָס כ׳האָב

---

פאות נישט קענען אָנגריהרען. יאדרבא. אין זיין זכות וועט קומען אַ ישועה פאַר אַלע יודען און די גזירה וועט בטל ווערען (מאיר עיני הגולה אות ת״י).

א) געהערט פון סאָקאָלאָווער רבי שליט״א. ב) שיח שרפי קודש ח״א אות רס״ט.

געהערט פון אַ מקור נאמן, איז אין קאָצק געווען דער אַמאָליגער ראַוועער חזן ר׳ אהרן גדליה גאָטשטיין, אַ ליטוואַק, אַ געוועזענער מתנגד, וואָס איז געוואָרען אַ הייסער קאָצקער חסיד. האָט איהם דער רבי געפרעגט, צו ער האָט נישט אין זינען ביים דאַוונען פאַרן עמוד די ווייבער פון דער ווייבערשוהל. ר׳ אהרן גדליה האָט געענטפערט: „ניין״. „כ׳גלויב דיר״, האָט דער רבי געזאָגט, „כ׳האַלט דיך פאַר אַן עהרליכען מאַן״.

אַזאַ ריזיג גרויסער צדיק קדוש און חכם איז דער קאָצקער רבי געווען פון אָנהויב ביזן סוף, קומט אַזאַ וואָרעם, עלזעט, און שטעלט איהם פאָר אַלס אַ שרעק־בילד, פאַר וועלכען ער איז עתיד ליתן את הדין.

---

## טז. קאָצק און דאָס בוך „אין פוילישע וועלדער״.

א. אין דעמזעלביגען יאָהר, וואָס ס׳איז דערשינען אין וואַרשא אין אַ מזרחיסטישער צייטשריפט דער דערמאָנטער פאַמפלעט קעגען קאָצקער רבין, האָט אַ מאָדערנער שריפטשטעלער אַרויסגעגעבען אין ניויאָרק אַ בוך א. נ. „אין פוילישע וועלדער״, אין וועלכען ער שטעלט אויך פאָר דעם קאָצקער רבין, דעם זוהן זיינעם ר׳ דוד און זיין הויזגעזונד אין זעהר אַן אומפּאַסיקען ליכט, ווי ס׳איז אַוודאי דעם לייענער באַקאַנט.

דאָס איז אַ פועל־יוצא פונם אַמאָליגען שוין לאַנג פערשוואונדענעם התנגדות אויף קאָצק. ווען מען האָט זיך געקאָנט אויסטראַכטען און פער־שפּרייטען בלבולים אויפן קאָצקער רבין אין צוזאַמענהאַנג מיט זיין אָנ־געהויבענעם פיהרען אַ התבודדות־לעבען און מיט דער מרידה פון אדמו״ר ר׳ מרדכי יוסףן קעגן איהם, פאַרוואָס זאָל נישט קענען אַ ראָמאַן־שריפט־שטעלער פאַנטאַזירען וועגען אין קאָצק פאָרגעקומענע אויסגעלאַסענקייטען? פאַרן עולם־גולם איז דאָס דווקא אַ שמאַקהאַפטע שפּייז. דער ראָמאַן־לייענער פערלאַנגט גאָר נישט פונם שרייבער דווקא וואָהרע געשיכטען; זיי קענען אויך זיין אומוואָהרע, אַבע זיי זאָלען זיין שעהן און פיקאַנט.

ב. דאָס בוך „אין פוילישע וועלדער״, וואָס ס׳האָט טאַקי צוליב אָט די גוטע אייגענשאַפט זיינע זוכה געווען צו אַ געוואַלטיגען פרסום און צו ווערען איבערזעצט אין אַנדערע שפּראַכען, האָט אַרויסגערופען אין פיעל יודישע קרייזען אַ דערביטערונג און אַ פּראָטעסט־געשריי. דער בעוואוסטער ר׳ יהודה לייב גרויבאַרט, וועלכער האָט קעגען יענעם פאַמפלעט, ווי דער־מאָנט, געשריבען אַ בעדייטענדען פּראָטעסט־אַרטיקעל, האָט קעגען דעם אויך פערעפענטליכט אַ שטאַרקען פּראָטעסט. נאָר בעת קעגען יענעם האָט ער געגעבען בעווייז־גרונדען און טהעאָרעטיש דערקלערט די גרונדלאָזיגקייט פון זיינע פאַסטולאַטען, האָט ער קעגען דעם בלויז זיך געשטעלט אַלס רבנישע אויטאָריטעט און פערזיכערט, כמעט געשוואוירען, אַז זיין שילדערונג איז פאַלש, ווי גרויסע רבנים האָבען אַמאָל פייערליך געשוואוירען וועגען די גרונדלאָזיגקייט פון עלילת־דם. ער שרייבט נעמליך אין זיין „ספר זכרון״ עמוד 176 פאָלגענדעס:

„מיט אַ קורצער צייט צוריק איז געדרוקט געוואָרען אַ בוך א. נ. „אין

פּוילישע וועלדער״, אין וועלכען דער מחבר פערעפענטליכט שענדליכע בלבולים אויפן קאָצקער רבין, אויף זיין זוהן ר׳ דודן און אויף זיין הויז־געזונד. כאָטש דאָס ספר איז נישט כדאי, מען זאָל שרייבען דערפון, כ׳האָב אָבער מורא, טאָמער אין אַ שפּעטערער צייט וועט דאָס בוך זיין אַ מכשול פאַר דער געשיכטע, מען וועט נעמליך זאָגען, כאָטש דאָס בוך איז נאָר אַן אויסגעטראַכטע דערציילונג, פיעל גוזמאות און פאַנטאַזיעס, פונדעסטוועגען געפינט זיך הינטער אָט דעם אַלעם אַ פונק וואָהרהייט, ס׳איז דאָך מסתמא עפּעס געווען, דעריבער בין איך מודיע ביי אַלעם, וואָס איז הייליג און גערעכט, אַז דער גאַנצער בלבול אויפן קאָצקער רבינס הויז, איז דורכאויס פאַלש. קיין מענש אויסער איהם האָט דאָס נאָך קיינמאָל נישט געזאָגט. ס׳איז פונקט אַזוי, ווי עמיצער וועט זאָגען אויף משה רבינון, אַז ער איז געווען אַ געצענדינער, אויף שלמה המלך, אַז ער איז געווען דער גרעסטער נאַר פון זיין דור, און אויף אַלכסנדר מוקדן, אַז ער איז געווען אַ פחדן ווי אַ האָז״.

„דער מחבר״, שרייבט ווייטער הרב גרויבאַרט, „איז נישט דער איינציגער בלבול־מאַכער. ס׳זענען שוין געווען פיעל בלבול־מאַכערס אויף יודען״. ער רעכענט אויס זייערע נעמען און ענדיגט: „אוי לאותה בושה!״

דער אמת מעג אָבער בעטאָנט ווערען, אַז די מורא פון הרב גרויבאַרס, טאָמער וועט דאָס בוך זיין אַ מכשול פאַר דער געשיכטע, דאַרף נישט זיין אַזוי גרויס, וואָרום קיין היסטאָריקער וועט זיך נישט שטיצען אויף אומגלויבליכע, שעהנע און פּיקאַנטע שילדערונגען פון ראָמאַן־ביכער, דאַגעגען האָט ער דאָס געברויכט מורא צו האָבען פאַר דעם דערמאָנטען אַרטיקעל „קאָצק״, וואָס איז געשריבען געוואָרען פון אַ געוועזענעם רב און אין אַן ערנסטער מזרחיסטישער צייטשריפט. אָט אַזאַ אַרטיקעל קאָן באמת זיין אַ פערפיהר־ליכטעל פאַר היסטאָריע־שרייבערס און אַוודאי אויך פאַר פשוטע לייענערס. און ווי מיר זעהען, איז טאַקי דער פאַל אַזוי, ס׳זענען נעמליך פאַרהאַנען פּוילישע בעשרייבונגען וועגען חסידות אין פּוילען, אין וועלכע דער קאָצקער רבי ווערט אַזוי געשילדערט, ווי זלאָטניק בעשרייבט איהם אין זיין דערמאָנטען אַרטיקעל. ס׳זענען אויך פאַרהאַנען פיעל מענשען, וואָס גלויבען אין אָט דעם בלבול, פונקט אַזוי ווי ס׳זענען פאַרהאַן מענשען, וואָס גלויבען אין עלילת־דם. — (זעה דאָס בוך Żydzi w Polsce odrodzonej זייט 516).

אויך דער בעוואוסטער שריפטשטעלער לעאָ קעניג פון ניויאָרק האָט רעאַגירט קעגען דעם בוך „אין פּוילישע וועלדער״. ער שרייבט נעמליך אין דער וואָכענשריפט טריבונע, וועלכע האָט דערשינען אין בערלין (נומר 12 פון יאָהר 1922): י. אָפּאַטאָשוס בוך „אין פּוילישע וועלדער״ איז קודם כל אַ וואולגער בוך, כמעט אַ חלול הקודש. מיך דערמאַנט עס אין אַנ־סקיס דיבוק. אַנ־סקי האָט וואולגאַריזירט פאָלקס־מאָטיוון און ניגונים, אָפּאַטאָשו וואולגאַריזירט חסידישע לעגענדען, מסורות און אידעען. אַ העכערע מדרגה פון וואולגאַריזאַציע, אויב איהר ווילט א).

---

א) כדאי צו בעמערקען, אַז אָט דיביידע פּראָטעסט־שטעלען, פון הרב גרויבאַרס און

נאָר פון משכּילישער זייט האָב איך געהערט איין שטימע צו זיין רעכטפערטיגונג, אַז אָפּאַטאשו האָט זיך נעמליך געריכטעט לויטן כּלל „מיסטיק ברענגט צו עראָטיק", און קאָצק איז געווען דאָס אָרט פון מיסטיק.

ג. מיט 5 יאָהר צוריק האָב איך דערהאַלטען פאָלגענדען בריף פון ניויאָרק:

ניויאָרק 12 יולי 1933.

זער חשובער פּ. ז. גליקסמאַן.

לויט דער עצה פון מיין קאָלעגע ריווקינד, ביבליאָטעקער פונם יודישען טעאָלאָגישען סעמינאַר, שרייב איך צו אייך דעם בריוו. און דער בריוו האָט אַ שייכות מיט אייער ספר „עיר לסק והחכמיה". פון קינדוויז אָן האָב איך געהערט פון מיין זיידען, פון מיין פאָטער, פון מיינע מימעס, אַז כ'בין אַן אור־אור אייניקעל פון ר' אליקים געץ אב"ד דק"ק הילדעסהיים, אַז מיר ציהען אונזער יחוס פון תוספות יום טוב, פון רמ"א. . . יונגער־הייט ווען כ'האָב געקענט אויסגעפינען דעם יחוס פון דור צו דור, האָט עס מיך נישט אינטערעסירט. איצט ווען דער זיידע מיינער איז שוין טויט אַ יאָהר 40, דער פאָטער מיינער — 21 יאָהר פעלען מיר שוין עטליכע רינגעלעך. מעגליך אַז מיט אייער מיטהילף וועלען זיך די רינגעלעך אויפזוכען.

איך אַליין בין געבוירען אין מלאווע, פון אָפּאַטאָפּסקי—אפּאטאווסקי איז געוואָרען אָפּאַטאשו. כ'ווייס נישט צו איהר האָט מיך געליינט, וועגען מיין בוך „אין פּוילישע וועלדער" האָט איר מן הסתם געהערט.

כ'האָף און גיכן צו האָבען פון אייך ענטפער.

אייער מיט דרך ארץ

**י. אָפּאַטאשו.**

ד. אָט דער בריף האָט מיין איבעררעאַשט, בעזונדער דערפאַר וואָס איך בין געוואויר געוואָרען, אַז דער אָריגינעלער שילדערער פון קאָצקער רבין, וועלכען איך האָב געהאַלטען פאַר אַן אַמעריקאַנער בלאָפער, איז גאָר אַ היימישער, פון אַ רבנישען אָבשטאַם און דווקא מיינס אַ שטיקעל קרוב, וואָרום מיין שוויגער ע"ה פלעגט מיר דערצעהלען, אַז זי שטאַמט אויך פון „אבן השוהם", דעם הילדעסהיימער רב, איבער וועלכען איך האָב שוין געשריבען אינם ספר „עיר לסק והכמיה". איך האָב איהם באַלד אָנגעשריבען אַן אויספיהרליכען ענטפער, אויסגעפינענדיג די 2 רינגעלעך, וואָס האָבען איהם געפעהלט אין זיין יחוס־קייט.

יוסף אָפּאַטאשו האָט אויסגעדריקט אין אַ בריף צו מיר זיין שמחה דערפון, וואָס ער איז געוואויר געוואָרען, אַז מיר זענען געגענזייטיג משפחה. אָפּט פלעגט ער מיר צושיקען אַ בריף בנוגע דער ביאָגראַפיע

---

פון לעאָ קעניג, זענען ציטירט געוואָרען אינם בוך „אָפּאַטאשו — ביבליאָגראַפיע", וואָס איז אַרויסגעגעבען געוואָרען פון מלאווער—בעגדינער אַרבייטער־רינג (ניויארק 1937). ס'איז שעהן דאָס, וואָס זיי האָבען אייך אַזאַ שאַרפע קריטיק אויף זיין בוך נישט פערהיימליכט.

פון אונזער משפחה, און אמאָל האָט ער מיר פאַרגעלעגט, אַז כ׳זאָל אָנשרייבן אין דער העברעאישער שפראַך אַ מאָנאָגראַפיע וועגן אונזער גרויסער ברייט-פערצווייגטער משפחה, וואָס איך האָב פערווירקליכט אַרויס-געבענדיג דאָס ספר א. נ. „רבינו אליקים געץ״.

אָבער אין מיינע בריף צו איהם האָב איך נישט פערפעהלט, איהם צו טשעפּען דערפאַר, וואָס ער האָט אין אזא גרעלען ליכט געשילדערט דעם אַמאָליגען גרויסען קאָצקער רבין און זיין הויזגעזונד. כ׳האָב איהם אויך געשריבען, אַז דאָס, וואָס איך האָב געהערט זאָגען צו זיין רעכט-פערטיגונג, אַז מיסטיק ברענגט צו עראָטיק, איז דורכאויס פאַלש, וואָרום דער קאָצקער רבי איז אויך געווען, ווי בעוואוסט, אַ גרויסער תלמודישער גאון און אין קאָצק האָט מען גאָר נישט געלערנט קיין קאבאליסטישע מיסטיק. דער קאָצקער רבי האָט נאָר דאַרויף אַכטונג געגעבען, אַז זיינע חסידים זאָלען לערנען גמרא מיט תוספות און פלפול פון הלכה און זאָלען זיך פיהרען לויטן אייגענאַרטיגען קאָצקער חסידות, געשטיצט אויף מאמרים פון תלמוד און מדרש. אַ חוץ דעם איז דער דערמאָנטער כלומרשטער כלל נישט געזאָגט געוואָרען בנוגע אַזעלכע געוואַלטיגע יודישע קדושים. אויך דאָס האָב איך איהם געשריבען אין נאָמען פונם בעקאַנטען לאָדזער היסטאָריקער דאָקטאר פרידמאַן, אַז דער אַרט שילדערן חסידישע רביים איז שוין פאַרעלטערט. היינט ווייסט מען שוין די גרונדלאָזיגקייט דערפון. אויך אין נאָמען פון הרב ר׳ חיים אַברהם טרונק האָב איך איהם געשריבען, אַז אַ שריפטשטעלער איז טאַקי בערעכ-טיגט אן אָביעקט פיעלפאַך צו פערגרעסערען לויט זיין אייגענער פאָר-שטעלונג, אָבער נישט פאָרצושטעלען אַ קאָמפּראָמיטירענדע זאַך דאַמאָלס, ווען ס׳שטעקט אין זיינע ווערטער אפילו קיין קערנדל וואָהרהייט נישט.

ה. אין אַ קורצער צייט אַרום האָב איך דערהאַלטען פון יוסף אָפּאַטאשו צוו. אַנד. פאָלגענדע תשובה.

ניויאָרק דעם 3-טען אַפּריל 1936.

מיין ליבער פ. ז. גליקסמאַן.

מכּוח קאָצק האָט איהר אַ טעות, נישט איך. און דער דאָקטאר פרידמאַן האָט אויך אַ טעות. ווען נישט איך וואָלט געוועזן פאַרליבט אין קאָצקער, וואָלט איך וועגן איהם נישט געשריבען. נישט בלויז גרעץ נאָר אפילו דובנאָוו איז מיר נישט צום האַרצען מיט זיין קוק אויף חסידות. די משכילים האָבען דערנידריגט דאָס חסידות. בערדיטשעווסקי און פרץ האָבען מגזם געווען, נישט געקענט קיין חסידות און געהאַט קעלבערנע התפעלות. איך בין צוגעגאַנגען צי חסידות ווי אַ רעאַליסט. ביי אייך, ביי טרונקן קומט אויס, אַז איך האָב געוואָלט געבען קאָצק, ניין, איך האָב געוואָלט געבען מיין קאָצק......

וויסען זאָלט איר, פאַניע גליקסמאַן, אַז דאָרט, וואו ס׳ענדיגט זיך די אַרבייט פונם היסטאָריקער, הויבט זיך אָן די אַרבייט פונם קריטיקער,

און דאָרט וואו ס׳ענדיגט זיך די אַרבייט פונם קריטיקער, הויבט זיך אָן די אַרבייט פונם קינסטלער.

איך האָב נישט געוואָלט געבען קאָצק, איך האָב געוואָלט געבען מיין קאָצק. און דאָס האָב איך געטהון. קאָצק איז בלויז פאַר מיר געווען אַ טעמא אָנצושרייבען מיין קאָצק. ס׳איז נישט וויכטיג, צו ס׳איז אַזוי געווען, צו אַנדערש געווען. וויכטיג איז ווי איך האָב געשריבען. צו איך האָב מיט מיין שרייבען בעשאַפען מענטשען. און דאָס האָב איך געטהון.

בלייבט מיר געזונד און שטאַרק.

אייער מיט פריינטשאַפט י. אָפּאַטאָשו.

ו. פונדעסטוועגען דאַכט זיך מיר, אַז בנוגע קאָצק, וועט עס אָט די ביידע פעדער־מענשן, דעם רב און דעם קינסטלער, אַזוי געהן, ווי ס׳איז געגאַנגען דעם לעצטען מאָהיקאַנער פון די משכילים־שרייבער, דעם העברעאישען שריפטשטעלער מ. ד. בראַנדשטעטער אין טאַרנאָ (גאַליציען). ער האָט נעמליך אויף זיינע עלטערע יאָהרען געזאָגט, אַז ווען ער וואָלט געווען בכח, וואָלט ער געהייסען פאַרברענען אַלע זיינע ווערק, וואו ער האָט געשילדערט אין אַ חוזק טאָן די רביים און חסידים, ווייל ערשט איצט פערשטעהט ער, וואָס פאַר אַ גרויסע היסטאָרישע ראָלע דאָס חסידות האָט געשפּיעלט א).

## הוספה צו עמוד סג אות ו:

נישט אמת איז אויך דאָס, וואָס הרב זלאָטניק שרייבט, אַז דעם רבין האָט מען אַריינגעגעבען יעדען אָוועגד בלויס אַ גאַנץ הוהן, פון וועלכען ער האָט כמעט גאָרנישט געגעסען. ווי כ׳האב געהערט פון זיין טאָכטערס טאָכטער, האָט מען איהם איינמאָל אין מעת־לעת, באַלד נאָכן דאַוונען אַריינגעגעבען אַ שיסעלע מיט חלה איינגעבראָקט אין יויך און אַ טייל הוהן. די חלה האָט ער אינגאַנצען אויפגעגעסען און פון הוהן בלויז אַ שטיקעל. חסידים האָבען דערקלערט זיין קנאַפּ־עסען דערמיט, וואָס דער אלשיך הקדוש שרייבט, אַז פונקט ווי די נשמה האָט אַ חיות פון דער נאַהרונג פונם גוף, אַזוי האָט אויך דער גוף אַ חיות פון דער נאַהרונג פון דער נשמה. צווישען זיי ביידע איז נעמליך פאַרהאַן אַ השתתפות. דער „שפת אמת" אין פ׳ בשלח ברענגט אָט דעם מאמר פון אלשיך. און אַזוי שרייבט דער מדרש אין פ׳ כי תשא אויפן פסוק לחם לא אכל: מאחר שהוא נהנה מזיו השכינה מה צריך.

---

א) מנשה אונגער אין טאָלקסבלאַט נומר 237 פון יאָהר 1937. ער האָט דאָס פון איהם אליין געהערט.

# דערקלערונג צום צווייטען טייל.

מיט אָט דעם ספר האָב איך ב״ה מיין ציעל, צו בעווייזען די גרונדלאָזיגקייט פון די אומזיניגע פאַלשקייטען, וועלכע זענען וועגען קאָצקער רבין ז״ל פערשפרייט געוואָרען, דערגרייכט. פיעל חשובע לעזער האָבען מיר דערפאַר דאַנקבארקייט און אנערקענונג אויסגעדריקט, צווישען זיי אויך דער בעוואוסטער דראָהאָביטשער-באָריסלאווער רב דר. יעקב אביגדור, וועמענס בריף ס׳איז געדרוקט אין סוף פונם ספר. אויך אין דער חשובען צוויי וועכענטליכען צייטשריפט „דאָס יודישע פאָלק״, וועלכע דערשיינט אין ניו-יאָרק א), און אין דער לאָדזער יודישער טאָג-פרעסע איז אַ פאָלשטענדיגע סימפּאַטיע פאַר דעם ספר אויסגעדריקט געוואָרען. מעהר נאָך האָט דאָס געשריבען דער גרויסער זגערזשער רב אין זיין בריף, וועלכער איז אין אָנהויב פון אָט דעם צווייטען טייל פערעפענטליכט. און כ׳בין זיכער, אַז די אָנערקענונג פאַר דעם ספר וועט נאָך שטייגען, נאָכדעם ווי אָט דער צווייטער טייל וועט דערשיינען, וואָרום אין איהם האָב איך געשילדערט דאָס לעבען און דאָס שאַפען פונם קאָצקער רבין ז״ל ביז זיין לעצטער רגע און פון די נאָך איהם געבליבענע 2 דינאַסטיעס. איינע וואָס איז נעמליך געבליבען פון זיין ערשטען זיווג: זיין זוהן אדמו״ר ר׳ דוד ז״ל און נאָך איהם זיינע זיהן אדמו״ד ר׳ ישראל ז״ל און אדמו״ר ר׳ הערשעלע ז״ל און זייערע גרויסע זיהן און אייניקלעך רביים און רבנים. און די אַנדערע דינאַסטיע, וואָס איז געבליבען פון זין צווייטען זיווג: זיין גרויסער איידעם און תּלמיד דער „אבני נזר״ ז״ל און נאך איהם זיין גרויסער זוהן דער „שם משמואל״ ז״ל און דערנאָך דער איצטיגער סאָכאַטשאָווער רבי שליט״א.

אויך דאָס איז אין דעם טייל דערקלערט, אַז דער „עולם״, וועלכער פאָהרט היינט קיין גור, שטאַמט פון דעם „עולם״, וועלכער איז אַמאָל געפאָהרען קיין קאָצק. דער „חידושי הרי״ם״ האָט נעמליך איבערגענומען דאָס קאָצקער „חדר״ און דערנאָך איז עס איבערגעגאַנגען (מיט אונטער-ברעכונג פון 4 יאָהר, וואָס דער עולם איז געפאָהרען צו אדמו״ר ר׳ העניך ז״ל פון אלכסנדר), צו זיין אייניקעל דעם „שפת אמת״ ז״ל, און נאָך איהם — צום איצטיגען גערער רבין שליט״א. באמת האָט דער „חידושי הרי״ם״ עפּעס אָבגעענדערט דאָס קאָצקער חסידות, אָבער אין תּוך אריין זענען די ביידע שיטות פון חסידות גלייך, הצד השוה שבהן איז דער יסוד היסודות „תּלמוד גדול״ אָדער „קשר עליון דאורייתא״. אין די בתי תפילה פון די דערמאָנטע 2 דינאַסטיעס און די פון די גערער חסידים איז נעמליך תמיד צו הערען אַ קול תּורה, מען זיצט דאָרט שטענדיג איבער ש״ס-גמרות און מען לערנט. אָט דאָס איז געווען דער דעוויז, דער הויפּט-פּראָגראַם פון קאָצקער רבין ז״ל. אָט דאָס האָט ער געזאָגט איידער ער האָט זיין הייליגע נשמה אויסגעהויכט ב), און דאָס איז געבליבען ביי זיינע נאָכקומענשאַפטען, שוין 4—5 דורות, ביז׳ן היינטיגען טאָג. כ׳מוז אָבער מודה זיין, אַז ס׳זענען פאַראַן לעזער, וואָס האָבען תרעומות אויף דעם, וואָס כ׳האָב אין דעם ספר געבּרענגט די שענדליכע פּאַמפלעטען אויף קאָצק, דערפאַר וואָס ס׳זענען פאַראַן פיעל מענשען, וועלכע האָבען נאָך גאַרנישט געוואוסט פון די בייזוויליגע גערעדעכצען. איינער האָט מיר אויף דעם געזאָגט אַ וואָרט פון רבין ר׳ בונם: „ווען מען רייניגט אויס אַ רינשטאָק, ראָכט מען זיך אויך איין״. אָבער באמת האָב איך דאָס געמוזט טהון, כדי צו דערגרייכען דעם דערמאָנטען ציעל מיינעם. ווען נישט דאָס, וואָלט מען געזאָגט, אַודאי, דער מחבר ווייסט נישט, וואָס די געגנער האָבען געשריבען, ווען ער וואָלט אָבער דאָס יאָ געוואוסט, וואָלט זיין מיינונג אַנדערש געווען. אַזוי אַרום האָב איך געמוזט ברענגען זייערע ווערטער און אויסווייזען זייער גרונדלאָזיגקייט. עד ארגיעה לשון שקר ושפת אמת תכון לעד.

פ. ז. גליקסמאַן.

ב״ה לודז ר׳ ניסן תרצ״ט.

---

א) נומר 2 פון יאָהר 1939. ב) זעה אויבען זייט 85.

## אגרת הרב הגאון איש אשכולות אבד"ק זגיערזש הי"ו
## מחבר הספר „נוה שלום" א).

ב"ה אור ליום ג' וירא תרצ"ט.

כבוד ידידי חביבי יקר רוח המופלג חכם וסופר חובר חבורים מחוכמים מו"ה פינחס זעליג גליקסמאן יצ"ו.

חבורו היקר שנכבדתי בו ממר ידידי הגיעני, הייתי אז אסור למטה, ולאחר החג טרדותי לא נתנו לי עת להשיבו. והנה להלל ספרו אחשוב למותר, דבר גדול עשה, כבר רציתי לעורר את ידידי להוציא לאור ספר כזה, לסתום פיות הנבלים ר' זלאטניק והסופר אפּאַטאשו, אשר חפאו על איש אלקים קדוש רבינו הגדול מקאצק וכבוד ביתו דברים אשר לא כן, שהרגיזו מאד לבות החסידים. בטח נודע לך, אשר אמר רבינו מקאצק זצ"ל, בעת שמתנגדיו העלילו עליו ועל חסידיו, שמזלזלים בברכת המזון, כי פלא הוא, שכמה שהוא ממשיך כל הכחות בברכת המזון להמשיך שפע וברכה, הם מוציאים דבה, כמו במשה רבן של ישראל, שהתורה העידה עליו והאיש משה ענו מאד מכל האדם אשר על פני האדמה, בא עליו קרח ועדתו בטענה למה תתנשאו, כי כל מה שהקדושה יותר, הקליפות מקטרגות יותר, וזהו הענין אשר האומות מתחרים בנו ומעלילים עלינו בדבות שוא ושנאת חנם. זה לעומת זה. ידעתי כי כחך בעטך לברר וללבן חקירות מני קדם. ואם ספרי היחוס נגנזו, תוציא לאור מגנזיו צור מחצבתם של איתני עולם.

בתשובה של אַפּאַטאַשו למר, האיך העיז פניו לדבר תוהו ונבלה על בית קאצק, הוא כותב, כי במקום שתכלה המלאכה של המבקר, מתחלת עבודת האָמן, (קינסטלער) וכי הוא ברא ברוח דמיונו מענטשען, והטעמא שלו הי' קאצק. ואם אנכי אינני אָמן ומבקר, אבל זאת אני יכול להגיד, כי דבריו לא באמת יסודתם וזאת איננה מלאכת המשורר. הצייר והמשורר האמתי, רוח דמיונו מרחפת על הציור, אבל המצויר לא יתכן להתאים עם ציור כזה. וכבר אמר הפילוסוף האשכנזי, כי הציור והמצויר והמצייר הם אחד. וכעין זה אמר הרמב"ם על הענין השכל והמשכיל והמושכל שהם אחד.

הציור של אַפּאַטאַשו הי' ציור אמתי, באם חומר שלו היו זכרים ונקבות מסביבתו הוא, כי אז תכן לרוחם, בקי ורגיל הי' בהם בשמותם ובעלילותם, אבל האיך יכול לתת ציור מקאצק, שרחוק הוא משם כרחוק שמים — הקדושה — מן הארץ — הארציות המזוהמה שלו, חוצפה וגאוה היא! הסופרים אשר מהם והמונם, נחלתם כבוד וגדולה, וחכמי תורה מושפלים נתונים ללעג וקלס, גלות השכינה.

---

א) אגרת זו שלח אלי אחרי קבלו ממני הספר „דער קאצקער רבי" חלק ראשון (פ. ז. ג.).

בימי מלחמת עולם זה לפני כ"ב שנים, הי' בעירי הסקולפטור מר גליצענשטיין יליד פולין, חבר ידידנו מר ישכר, ובאיטליע משכנו, מפורסם לגדול הפַּסָּלִים, ביום הכפור בא לבית הכנסת והציע לפני לומר לו דבר תורה, ואמרתי לו פירוש על המד"ר בשלח ט', השירים נאמרו בלשון נקבה, אבל לעתיד השיר יאמר בלשון זכר, (עיין במדרש על אז ישיר), ואמרתי הכונה; המשורר האָמן המצייר החומר, הוא הנשואיים המוחשיים, מלאכתו להעתיק את המוחשיים ולתת צורה להם, האָמן רואה את הנשואים לא בעיני איש פשוט, וכמו שהאלף--בית מעמידים התיבות והקורא קורא בהם, ואיש אשר אינו מכיר האותיות, אינו מבין הכתוב בהם, כמו כן המצייר בהחומרים שנגד עיניו, מציגים לפניו תוים ורשימות המשמשים לאותיות והוא מחברם לתיבות, ורוח שירה שורה עליו, וכמו כן הפַּסָּל האָמן, זאת היא מלאכתו.

ויוצא מזה שהנשואים משמשים חומר, והצורה הפַּסָּל נותן, וכידוע שנותן הוא בבחינת זכר המשפיע, והמקבל הוא בבחינת נקבה, וזאת היא הכונה, שכל השירים נאמרו בלשון נקבה, מחמת שהמשורר מתפעל מהנשואים, והוא בבחינת נקבה המקבלת, ואם לא היו נגד עיניו החומרים, לא הי' לו אפשרות לתת צורה. יוצא, שהמשורר והפַּסָּל הוא המקבל, וע"י זה תחול עליו רוח שירה ודמיון. וע"כ אמרו, שהשירים נאמרו בלשון נקבה, מחמת שהוא מקבל השפעה מהנשואים המוחשיים. הנשואים המוחשים משפיעים על המשורר ומולידים אצלו ציורים שונים, וכמו שהנקבה מתעברת ויולדת, כן המשורר מתעבר מהנשואים ומוליד ציורים.

ולכונה זו אמרו במדרש, שכל השירים נאמרו בלשון נקבה, מה נקבה מתעברת ויולדת, כן הצרות שבאות על ישראל, הן משפיעות על המשוררים, לשורר ולזמר בעת שנגאלו ונפדו, ואם לא היו מקודם צרות ושעבוד, לא הי' מה לשורר. עיין שם במדרש פ' בשלח בזה הלשון, מה נקבה מתעברות ויולדות וחוזרות ומתעברות, כן ישראל משועבדים בגלות ונגאלו ונפדו וחוזרות הצרות ונושעים ואומרים שירה.

אבל יש משוררים אָמנים, שאינם צריכים לנשואיים מוחשיים, הם ברוח דמיינם העוז בוראים להם נשואים אלקותיים, והנושא והנשוא שניהם יחדו הם אלקותיים, הוא מצייר ברוח קדשו שמים חדשים ועולמות חדשים, ועליהם משורר, ורוח השירה שיר עוז ונשגב, זאת תהי' בעת הגאולה, ואז השיר בליל התקדש חג החירות העולמים, יאמר בלשון זכר, שירו לה' שיר חדש, אז ישיר משה. א)

ידידך מכבדך ודו"ש

**שלמה יהודה ליב כהן רב בזגיערש.**

---

א) הרב הגאון מזגיערש עוד העתיק לי במכתבו זה דברים חשובים מאד מכתבי ידו הגנוזים אצלו, אבל קשה הי' לי לתת להם מקום כאן מפני אריכותם, ועמו הסליחה.

# דער קאָצקער רבי

## יז. דער קאָצקער רבי און זיין מחותן דער אָלקושער־ביאַלער רב.

א. אַרום יאָהר תר״י, ווען די דערמאָנטע קאָצקער רבינס טעכטער,
די צווילינגס־שוועסטערן, שרה צינע און ברכה, זענען אַלט געווען צעהן־
עלף יאָהר, האָט שוין דער צדיק אָנגעהויבען טראַכטען וועגען שידוכים פאַר
זיי. מאַכט זיך, אַז איינער פון זיינע חשובע חסידים, דער אָלקושער רב,
ר׳ וואָלף נחום באָרנשטיין, וועלכען מ׳האָט גערופען ר׳ וועלוויש, האָט
געהאַט זעהר אַ גוט יונגעל, אַברהם, אַן אויסגעצייכענטער עלוי, אַ גרויסער
מתמיד און אַן אויסגעשפּראָכענער ירא־שמים, אַזוי אַז ווען ער איז קוים
אַלט געווען 5—6 יאָהר האָט ער שוין געפיהרט ישיבה, געלערנט מיט בחורים,
וועלכע האָבען געלערנט אין דער ישיבה פון זיין פאָטער, און אין זיין
צעהנטען לעבענסיאָהר האָט ער שוין ־געמאַכט אַ סיום אויף גאַנץ ש״ס. ווען
ר׳ וועלוויש איז געפאָהרען קיין קאָצק צום רבין, פלעגט ער מיטנעמען אָט
דעם גוטען זוהן זיינעם. ווען אַברהם׳לי איז ס׳ערשטע מאָל געקומען קיין
קאָצק, זייענדיג נאָך אַ קליין יונגעל, האָט דער קאָצקער רבי פיל געשמועסט
מיט איהם אין ענינים פון תורה, אַ זאַך, וואָס האָט ארויסגערופען פער־
וואונדערונג ביי חסידים. מען האָט זיך נעמליך גע׳חידושט, דער קאָצקער
רבי, וואָס רעדט אַזוי ווייניג אפילו מיט אַלטע חסידים, זאָל אַזויפיל רעדען
מיט אַ יונגעל.

ב. דער „חידושי הרי״ם״, וואָס האָט גוט געקאָנט דעם דערמאָנטען עלוי,
האָט חשק געהאַט, איהם צו נעמען אַלס אַ חתן פאַר די טאָכטער פון זיין
זוהן ר׳ אַברהם מרדכי. וואָס האָט ער געטהון? ער האָט געשיקט דעם
בעוואוסטען פּילצער רב ר׳ פינחס אליה׳ן צו ר׳ וועלוויש׳ן, איהם פאָר־
צולעגען אָט דעם שידוך פאַר זיין זוהן. ר׳ וועלוויש, דערהערענדיג דאָס,
האָט זיך זעהר געפרייט דערמיט, וואָס דער גאון וויל זיך מיט איהם משדך
זיין און מסכים געווען, דעם שידוך צו טהון; אָבער מיט׳ן בעדינג, אַז דער
קאָצקער רבי וועט מסכים זיין צום שידוך. אָט דאָס האָט דער „חידושי
הרי״ם״ און דער זוהן זיינער ר׳ אַברהם מרדכי אויך געוואָלט. זענען זיי
אַלע דריי געפאָהרען קיין קאָצק, כדי דאָרט דעם שידוך צו פאַרענדיגען.

ווען זיי זענען אָנגעקומען קיין קאָצק, נאָך איידער זיי זענען אַראָב
פון וואָגען, איז איהם ר׳ הירש טאָמאַשאָווער, דער נאמן בית פון רבין,
אַקעגען געקומען און איהם געזאָגט, אַז דער רבי האָט זיך אויף איהם גע־
ראַכט, עטליכע מאָל שוין געפרעגט, אויב ער איז געקומען. זיי האָבען דאָס
אָנגענומען אַלס אַ גוטען סימן פאַר דעם שידוך, וואָרום טיילמאָל האָט גע־
מוזט דויערן לאַנג ביז מען איז אָנגעקומען צום קאָצקער רבין. ר׳ אַברהם
מרדכי האָט דערמאָנט דעם פאָטער זיינעם, אַז ער זאָל באַלד זאָגען דעם
רבין וועגען זייער קומען און נעמען פון איהם אַן הסכמה אויפן שידוך.

אָבער ווי ערשטוינס איז דער „חידושי הרי״ם״ געוואָרען, אַז באַלד אַריינקומענדיג צום רבין, נאָכדעם ווי ער האָט איהם געגעבען שלום, האָט צו איהם דער רבי געזאָגט: „כ׳וועל אייך פרעגען אַן עצה, אַזוי ווי מ׳רעדט מיר אַ שידוך מיט׳ן אלקושער רב ר׳ וועלוויש, וואָס זאָגט איהר עפּעס צו זיין יונגעל, צי איז דאָס אַ שידוך פאַר מיר״? דאַן האָט שוין אָט דער גאון נישט געקאָנט זאָגען דעם רבין, וועגען וואָס ער איז געקומען קיין קאָצק. ער האָט נאָר מיט איהם אַ ביסל געשמועסט און איז אַרויס. עגאַנגען.

ווי ער האָט דערציילט ר׳ וועלווישן און דעם זוהן זיינעם, וועלכע האָבען איהם אָבגעוואַרט, וואָס דער רבי האָט איהם געפרעגט, זענען זיי געוואָרען איבערראַשט און האָבען נישט געוואוּסט וואָס זיי האָבען ווייטער צו טהון. אדמו״ר ר׳ יצחק מאיר, וועלענדיג גערן טהון דעם שידוך, האָט דאַן געזאָגט צו זיין זוהן: „דו געה אַריין שלום נעמען, מאַך דיך אַזוי, אַ שטייגער דו ווייסט גאָר נישט, וואָס דער רבי האָט מיט מיר געשמועסט, און זאָג איהם בפירוש, אַז מ׳ען רעדט דיר אָט דעם שידוך, און דו ביזט גרייט, דעם שידוך צו טהון, און ביזט נאָר אַהערגעקומען, כּדי צו הערען זיין הסכמה״.

ר׳ אַברהם מרדכי איז באַלד אַריינגעגאַנגען צום רבין און האָט איהם טאַקי אַזוי געזאָגט, אויף וואָס דער רבי האָט געענטפערט:

„אמת איז, אַז מ׳רעדט מיר אויך דעמזעלביגען שידוך, אָבער איך זאָג דיר אָהן שום נגיעה, אַזוי ווי אונזערע חכמים ז״ל זאָגען, אַז אויב אַ גוי קומט זיך מגייר זיין, דאַרף מען איהם מודיע זיין, די לייכטע און שווערע מצוות, וואָס אַ יוד דאַרף טהון, כּדי ער זאָל וויסען, וואָס אַלץ ער איז אויף זיך מקבּל. דאָ איז אויך אַזוי. אויב אַ מענש וויל אַריינגעמען אין זיין הויז אַריין אַזאַ כּלי, ווי אָט דער אָלקושער עלוי איז, מוז מען איהם קודם כּל מודיע זיין, צוליב וואָס אָט אַזאַ נשמה איז געקומען אויף דער וועלט, כּדי ער זאָל וויסען, וואָס ער איז אויף זיך מקבּל, נעמליך אויף איהם אכטונג צו געבען, כּדי ער זאָל זיך דינען מיט אַלעם, וואָס איז נוגע צו זיין שורש״. דאַן האָט איהם דער רבי אויסגערעכענט אַ גאַנצען צעטעל מיט כּללים, וועלכע מען בעדאַרף זיך בענוצען צו אָט אַזאַ כּלי, און צום סוף האָט ער איהם געזאָגט: „אמת איז, אַז איך בין דערווייל ווייט פון דעם שידוך, אָבער אפשר וועט זיך דער ווילען ענדערן״. דערמיט האָט זיך דער רבי מיט איהם געזעגענט.

ווען ר׳ אַברהם מרדכי איז אַרויסגעקומען פונ׳ם רבין, האָט ער דעם פאָטער זיינעם און דעם אָלקושער רב דערציילט, וואָס דער רבי האָט איהם געזאָגט. „און איצט״, האָט ר׳ אַברהם מרדכי געזאָגט, „ווען אפילו אייער זוהן וועט זיין אַזוי גרויס ווי משה רבינו און איר וועט מיר נאָך צוגעבען טויזענד רענדליך, וועל איך דעם שידוך מעהר נישט טהון, צו נעמען אויף מיר אַן אחריות פון אַזאַ השגחה, וואָס אייער זוהן בעדאַרף, לויט ווי איך האָב געהערט פונם רבין, ווי ווייט מען מוז אַכטונג געבען אויף אָט די הויכע נשמה״.

ג. ווען דער אָלקושער רב איז שפּעטער אַריינגעגאַנגען צום רבין, כּדי שלום צו נעמען, האָט דער רבי גאָרנישט גערעדט מיט איהם וועגען

דעם שידוך. מ׳האָט, אַלזאָ, נישט געוואוסט, אויב איבערהויפּט ער וויל דעם שידוך טהון. אויך ר׳ הירש טאָמאַשאָווער, דער אַפּוטרופּוס פון רבינ׳ס הויז, וואָס קיין זאַך איז דאָרטען אָהן זיין ידיעה נישט געטהון געוואָרען, האָט נישט געוואוסט, ווער ס׳האָט דעם שידוך אָנגעטראָגען דעם רבין, און דער רבי האָט איהם אויך נישט וועגען דעם שידוך עפּעס געזאָגט. צוליב דעם איז ר׳ וועלוויש אַהיים געפאָהרען מיט עגמת־נפש.

ד. אין אַ קורצער צייט אַרום האָט דער רבי פּלוצלינג געזאָגט צו ר׳ הירש׳ן, אַז ער זאל שרייבען צום אָלקושער רב, אַז ער זאָל קומען צו־זאַמען מיט זיין זוהן קיין קאָצק, כדי גומר צו זיין דעם שידוך. ר׳ וועלוויש, בעקומענדיג דעם בריף, האָט זיך זעהר געפרייט, און איז באַלד געפאָהרען קיין קאָצק. מען דערציילט, אז ר׳ וועלוויש האָט קיינעם נישט אויסגעזאָגט די אורזאַך פון אָט זיין נסיעה, מורא האָבענדיג, טאָמער וועט ער אויף זיך ציהען אַן עין־הרע, צוליב דעם וואָס ער האָט זוכה געווען צו ווערען אַ מחותן פונם קאָצקער רבין. פונדעסטוועגען האָבען זיך מענשען געשמועסט, אַז ער פאָהרט אַוודאי וועגען תנאים־שרייבען מיט׳ן קאָצקער רבין.

ווען ר׳ וועלוויש איז אַריינגעקומען צום רבין, האָט דער רבי איהם געגעבען שלום און מיט איהם גאָרנישט גערעדט וועגען שידוך, נאָר איהם באַלד אָבגעפּטר׳ט ווי זיין שטייגער איז געווען.

ה. ר׳ וועלוויש איז געזעסען אין קאָצק אַן ערך 2 וואָכען, און מ׳האָט איהם צום רבין גאָרנישט גערופען, אַזוי אַז ס׳האָט אויסגעזעהען, אַז דער רבי האַלט גאָרנישט ביים טהון אָט דעם שידוך. דער אָלקושער רב האָט שוין אויסגעדריקט תרעומות אויף ר׳ הירש׳ן, פאַרוואָס ער האָט איהם גע־רופען קיין קאָצק. אָבער ווען ער איז שוין גרייט געווען אַהיים צו פאָהרען, איז ר׳ הירש טאָמאַשאָווער צו איהם געקומען אין שליחות פון רבין און איהם געזאָגט, אַז ער זאָל אַריינקומען צום רבין אָהן חתן, כדי צו רעדען וועגען שידוך.

ווען ר׳ וועלוויש איז אַריינגעקומען צום רבין, צוזאַמען מיט ר׳ הירש׳ן, האָט איהם דער רבי צוערשט געפרעגט, אויב ער ווייסט נישט אַ פּשט׳ל, וואָס זיין זוהן האָט ביים לערנען מחדש געווען. נאָכדעם ווי ר׳ וועלוויש האָט איהם געזאָגט אַזאַ פּשט׳ל און זיי האָבען זיך אין דעם ענין מפלפל געווען, האָט איהם דער רבי געזאָגט זיין ווילען, אַז ער זאָל זיך מחייב זיין, צו געבען עפּעס אַ נדן.

ר׳ וועלוויש האָט געמיינט, אַז דער שידוך איז שוין פאַרטיג, דערווייל האָט איהם דער רבי געזאָגט, אַז פונדעסטוועגען האָט ער מורא אַריינצונעמען אַזאַ כלי, ווי זיין זוהן איז, אין זיין הויז אַריין, וואָרום ער איז אַ יונגעל, „וואָס דער זאַסאַד זיינער איז אין איהם", און ווען ער וועט דאָ אַהער קומען, קאָן ער נאָך ח״ו קאַליע ווערען, ער וועט נעמליך אָנהויבען עוסק צו זיין אין חסידות, אַמאָל מיט דעם און אַמאָל מיט יענעם חסיד, און וואָס וועט פון איהם ווערען, אַ רבי פון חסידים? און דאָס וועט זיין דער תכלית און דער שורש?

דערויף האָט איהם ר׳ וועלוויש געענטפערט: „און אַז כ׳וועל טהון אַן אַנדערן שידוך, בין איך שוין מעהר בטוח. אַזוי טהו איך כאָטש אַ שידוך

לויט'ן רצון פון דער תורה". דאַן האָט איהם דער רבי געזאָגט: „ס'איז אָבער נישט שעהן פאַר מיר, אַז אַזאַ כלי נפלא ווי ער איז, זאָל אין מיין הויז ח"ו קאַליע ווערען, אויב ער וועט נישט אַרבייטען, ווי איהם קומט לויט זיין שורש". האָט איהם ר' וועלוויש געענטפערט: „דאָס ווייס איך, אַז לויט דעם ווי ער איז איצט אָנגעקניפּט אינ'ם תורה-לערנען, אַז אפילו די גאַנצע וועלט וועט איהם נאָכלויפען, וועט ער אויך נישט מבטל זיין פון לערנען".

דאַן איז דער רבי אַרויס מיט אַ געשריי זאָגענדיג: „איך זיץ דאָך אויך סגור ומסוגר, און וואָס איז פון מיר געוואָרען, אַז כ'בין אַ רבי, דו מיינסט אפשר, אַז אַלע טרדות מיינע זענען נישט מעהר בלויז דאָס איינע פּערטעל שעה, וואָס איך גיב שלום די אָנגעקומענע"?

באַלד נאָך דעם שמועס איז ר' וועלוויש אַרויס פון רבינס שטוב, נישט-וויסענדיג, אויב דער רבי האַלט ביי טהון דעם שידוך אָדער נישט. ער איז אָבער ווייטער געבליבען עטליכע טעג אין קאָצק, כדי צו וויסען דעם רבינס דעה אויף קלאָר.

ו. אין עטליכע טעג אַרום איז פּלוצלינג געקומען ר' הירש טאָמאַשאָווער צום אַלקושער רב און איהם געזאָגט, אַז ביים רבין איז שוין במוסכם, צו טהון דעם שידוך, און ער בעט איהם, אַז ער מיט'ן זוהן זיינעם זאָלען צו איהם אַריינקומען, כדי צו שרייבען תנאים. אָבער ער האָט איהם געוואָרענט, אַז ער זאָל האַלטען דערווייל די זאַך בסוד, אַזוי אַז די חסידים פונ'ם בית המדרש, זאָלען דערפון נישט געוואויר ווערען. דאַן איז ר' וועלוויש און דער חתן נאָכגעגאַנגען ר' הירש'ן אינ'ם אינעווענינסטען חדר אַריין פון רבינס וואוינונג, וואָס פון דאָרט איז פאַרהאַן אַ טהיר צום היכל הקודש פונם רבין.

דאָרטען זענען געשטאַנען דריי שטוהל, און אויפ'ן טיש איז געווען אָנגעגרייט פּאַפּיר און טינט-פעדער. ר' הירש האָט זיי געהייסען דאָרט וואַרטען.

בינתיים האָט דער רבי געשיקט דעם משמש זיינעם, אַריינצורופען צעהן בעלי-בתים פון דער שטאָדט. ווען זיי זענען שוין געווען פערזאַמעלט, איז דער רבי אַריינגעקומען פון זיין „היכל הקודש" צוזאַמען מיט זיין זוהן ר' דוד'ן און ר' הירש טאָמאַשאָווער'ן, און זיי האָבען זיך געזעצט צום טיש.

דער רבי האָט קיין וואָרט נישט גערעדט, נישט צום מחותן און נישט צום חתן. ר' הירש האָט געשריבען די „תנאים", און זי דערלאַנגט דעם מחותן ר' וועלוויש צום אונטערשרייבען. דער מחותן האָט אַראָבצו אונטער-געשריבען. דערנאָך האָט ער דערלאַנגט די „תנאים" צום רבין. ווי דער רבי האָט אינגם פּאַפּיר אַ קוק אַריין געטהון, האָט ער געזאָגט: „דעם חתנס פּאָטער קומט דאָך פריהער אונטערצושרייבען", אָבער דערמאָנענדיג זיך, אַז „רווחא שביק למאן דקשיש מיניה", ד. ה., מחמת דרך ארץ פאַרן רבין האָט ער אַזוי געטהון, האָט ער באַלד די תנאים אונטערגעשריבען. דאַן האָבען דער חתן און די עדות אונטערגעשריבען. איצט האָט זיך דער רבי אויפ-געשטעלט, און איז, אָהן אַ וואָרט צו רעדען, צוזאַמען מיט ר' דוד'ן און ר' הירש'ן צוריקגעגאַנגען אין זיין היכל הקודש אַריין. אויך די בעלי בתים

זענען איינציגווייז אַוועקגעגאַנגען. ס׳זענען דאָרט מעהר נישט געבליבען בלויז דער מחותּן און דער חתן.

אַזוי זענען זיי אַליין געזעסען עטליכע שעה, נישט וויסענדיג וואָס צו טהון, אויב זיי זאָלען אויך אַוועקגעהן אָבער נישט. אין אָט דער קורצער צייט, האט ר׳ וועלוויש שפּעטער דערציילט, איז איהם די וועלט פינסטער געווען, וואָרום ער האט נישט פערשטאַנען, וואָס עס געהט פאָר. „צי אויף אַזאַ אופן", האָט ער געטראַכט, „וועט ער זיין אַ מחותּן פון קאָצקער רבין". אַזאַ שפלות, אַזאַ דערנידעריגונג, האָט ער קיין כח נישט געהאַט צו דער־טראָגען. ס׳האָט איהם כמעט באַנג געטהון די גאַנצע מחותּנים־שאַפט מיט׳ן קאָצקער רבין. אַזוי טראַכטענדיג, האָט זיך געעפענט די טהיר, און ר׳ הירש איז אַריינגעקומען און זיי געזאָגט, אַז ייי זענען פערבעטען צום רבין. זיי זענען אַריינגעגאַנגען. זענען שוין דאָרט געשטאַנען פאַר זיי גרייט שטוהלען. אויפ׳ן טיש זענען געווען אָנגעגרייט פלאַשען מיט גוטען וויין און פערשיעדענע צובייס. דער רבי האָט זיי געבעטען, אַז זיי זאלען זיך זעצען לעבען איהם, האָט געהייסען אָנגיסען די כוסות, און ס׳פנים פונם רבין האָט געפלאַמט. דאַן האָט ער הויך געזאָגט מיט גרויס שמחה: „לחיים מחותּן!" אַזש די ווענד האָבען געציטערט, און דאַן האָט ער געזאָגט: איצט האָט זיך געעפענט אין הימעל אַן אָרט פאַרן זוג. דערביי האָט ער נאָך געזאָגט אַזעלכע ווערטער, וועלכע ר׳ וועלוויש האָט נישט געוואָלט אויסזאָגען. דערנאָך האָט ער גע־טרינקען לחיים צום חתן מיט גרויס שמחה, וואָס מ׳קאָן מיט ווערטער גאָר נישט אויסדריקען.

דאַמאָלס — האָט דער אָלקושער רב געזאָגט — האָט ער פערשטאַנען, אַז דאָס שפלות, וואָס ער האָט פריהער געליטען, איז אַלץ געווען אַן הכנה צו דער שפּעטערדיגער שמחה. און פון דאַמאָלס אָן פיהלט ער דעם טעם, דעם נועם העליון, די גרויסע אַנגענעהמליכקייט פון דעם, וואָס ער האָט זוכה געווען, צו זיין אַ מחותּן פונם קאָצקער רבין א).

---

## יח. דער קאָצקער רבי און דער איידעם זיינער דער סאָכאַטשאָווער רבי.

א. אין יאָהר תרי"ג ווען אדמו"ר ר׳ אַברהם איז אַלט געווען 14 יאָהר, איז פאָרגעקומען זיין חתונה מיט דער 14 יעהריגע טאָכטער פון קאָצקער רבין, שרה צינע. אינ׳ם חתונה טאָג, דערציילט מען, איז דער מחותּן ר׳ וועלוויש אַריינגערופען געוואָרען צום קאָצקער רבין, וועלכער האָט איהם פאָרגעוואָרפען, אַז ער האָט געמאַכט פאַרן חתן צו טייערע מלבושים. היתּכן, האָט ער געזאָגט, „אַז פאַר אַ חתן, וואָס קאָן שפרינגען קדוש הינטערן טיש, זאָל מען מאַכען אַזעלכע טייערע מלבושים? ווען ער וועט עלטער ווערען, וועט ער דאָך פון זיי גאָר נישט האָבען".

---

א) ספר אביר הרועים סימן ל"ד.

„דעו מחותן זאָל וויסען", האָט דער רבי ווייטער געזאָגט, „אַז ־אַיצט קריג איך מיך מיט איהם", לויטן מאמר פון דער גמרא (שבת ק"ל) „ליכא כתובה דלא רמי בה תיגרא". (ס'איז נישט פאַרהאַן קיין כתובה, ביי וועלכער ס'זאָל נישט פאָרקומען אַ מחלוקה). אָט די ווערטער האָט דער רבי עטליכע מאָל ווידערהאָלט.

פונם יחתן איז דער רבי געווען צופרידען אָהן אַ שיעור. דער רביצין, וואָס האָט איהם באַלד נאָך דער חופה געזאָגט „מזל טוב", און געווינשען, הלוואי זאָל מען זוכה זיין צו קריגען אַזאַ חתן אויך פאַר דער אַנדערער טאָכטער, האָט ער, ווי מען דערציילט, געענטפערט: „ס'איז דען בנמצא אין דער וועלט אַזאַ איינער, ווי ער. ווען ס'וואָלט זיין בנמצא אפילו הינטער די הרי אררט, וואָלט איך איהם ביי די האָר פון קאָפּ אַהערגעצויגען" א).

פאַר אָט דעם איידעם איז דעם רבינס טהיר קיינמאָל נישט געווען פערשלאָסען, חאָטש אין יענער צייט האָט דער רבי געפיהרט אַ התבודדות לעבען, געווען אָבגעזונדערט פון מענשען, ווי אויבען דערמאָנט. יעדען טאָג האָט ער נעמליך געמוזט לויט'ן פערלאַנג פון רבין, צו איהם אַריינקומען און איהם נאָכזאָגען, וואָס ער האָט ביים לערנען אין דעם טאָג מחדש געווען. דער רבי האָט מחבב געווען זיינע ווערטער, זיך מפלפל געווען מיט איהם און איהם מסביר געווען זיין מיינונג. דער רבי האָט געהאַט אויף דעם איידעם זיינעם אַ געוואַלטיגע השגחה, ווי ער האָט בעדאַרפט, לויט ווי דער רבי האָט געזאָגט, ר' אַברהם מרדכין ז"ל דאַמאָלס, ווען ער האָט געהאַלטען דערביי, איהם צו נעמען ־פאַר אַ חתן ב). און דער גרויסער עלוי האָט אויך פון איהם פיעל מקבל געווען.

ב. אדמו"ר ר' אַברהם פלעגט כל ימיו שטאַרק ריהמען אָט דעם גרויסען שוועהר זיינעם. „זיין מדרגה איז געווען אַזוי גרויס", האָט ער אַמאָל געזאָגט, „אַז מ'האָט געזעהען בחוש, אַז די שכינה רעדט פון זיין קעהל אַרויס" ג). אַמאָל האָט ער אויף איהם געזאָגט אַז ער האָט משעבד געווען מענשען צו דער תורה, לויט ווי דער תרגום אונקלוס זאָגט אויפן פסוק (בראשית י"ב ה') ואת הנפש אשר עשו בחרן: „וית נפשתא די שעבידו לאורייתא" און אַז דאַמאָלס ווען ער האָט געזעגענט זיינע חסידים ביי זייער אַהיימפאָהרען, איז געפאַלען אויף זיי אַ פחד, אַזוי אַז ער האָט גע'כשר'ט זייערע נשמות ד). אויך דאָס האָט אדמו"ר ר' אַברהם געזאָגט, אַז מ'דאַרף די וועלט מהבל זיין, אַזוי ווי ער האָט זי מהבל געווען. בכלל האָט ער איהם טיטולירט: „רב הדומה למלאך ה' צבאות", ווי מיר וועלען ווייטער זעהען.

„ווער ס'איז אַריינגעקומען צום קאָצקער רבין", האָט אדמו"ר ר' אַברהם נאָך דערציילט, „מעג זיין ווער ער איז געווען, איז געפאַלען אויף איהם אַ גרויסע אימה. אפילו איך, וואָס כ'בין געווען זיין איידעם און האָב איהם גאַנץ אָפט געזעהען, איז דאָך יעדעס מאָל ווען כ'האָב איהם געזעהען, האָבען זיך מיר די האָר פון קאָפּ אויפגעשטעלט פאַר שרעק". אַמאָל האָט דער קאָצקער רבי געזאָגט צו די מענשען, וועלכע זענען פאַר איהם געשטאַנען: „וועטפען

א) אביר הרועים מ"ב. ב) אביר הרועים מ"ט. ג) דארט. ד) דארט אות רט"ו.

מיך פאָלגען איז גוט, אויב נישט וועל איך מיר אָנטהון אַ מלבוש פון יראה, וועט עס אַנטלויפען אין די מייזענלעכער אַריין" א).

אדמו"ר ר' אַברהם האָט אָט די טאַטזאַך ערקלערט דערמיט, וואָס די גמרא זאָגט אויפ'ן פסוק (דברים י"ז ט"ו) שום תשים עליך מלך, „שתהא אימתו עליך", (זיין פאָרכט זאָל זיין אויף דיר), און דעם קאָצקער רבין איז געקומען אַ מלכות דערפאַר, וואָס ער איז געווען, לויט די פעסטשטעלונג פונם חוזה פון לובלין, פון די „נוטרי ברית", און דער זוהר הקדוש זאָגט, אַז דער וואָס היט דעם אות ברית, דעם איז געהיטען אַ מלוכה ב).

וועגען אָט דעם ענין האָט דער קאָצקער רבי אַמאָל געזאָגט: „פראָסטע מענשען קענען מיט זייערע געדאַנקען פוגם זיין דעם צדיק". און דערויף האָט דער סאָכאַטשאָווער רבי געזאָגט: „צו דורך דעם וואָס מען האָט פאַר איהם מורא, איז מען פון איהם דערווייטערט, אַזוי צרום קענען נישט די פראָסטע מענשען מיט זייערע מחשבות איהם פוגם זיין" ג).

אַן ערך 6 יאָהר האָט אדמו"ר ר' אַברהם געלעבט אונטער דער השגחה און השפעה פון זיין גרויסען שוועהר, וועלכער האָט איהם געוויזען דעם אמת'דיקען דרך אין אַלע מקצועות פון דער תורה, סיי נגלה סיי נסתר, און ר'איז געוואָרען דער אמת'דיקער „תורה יוד", ווי אדמו"ר ר' יחיאל מאיר פון גאָסטינין פלעגט איהם רופען, „דער צדיק הדור, דער רבן של כל בני הגולה".

ג. אין ווינטער פון יאָהר תרי"ט איז דער קאָצקער רבי קראַנק געוואָרען. זיין קרענק, זאָגט מען, איז געקומען דערפון, וואָס ער פלעגט כמעט שטענדיג אַרומגעהן אין אַ בלויז קאַפּעל אויפ'ן קאָפּ, דורך וואָס ער האָט בעקומען אַ פערקיהלונג אין קאָפּ און געליטען רעאומאַטישע יסורים. קיין דאָקטוירים האָט ער נישט געלאָזט צו זיך קומען. ווען ער האָט יאָ שוין אַמאָל דערלויבט, אַז אַ דאָקטאָר זאָל צו איהם קומען, האָט ער נישט בענוצט אַלע זיינע מעדיצינען, נאָר האָט אויסגעקליבען איינע פון זיי, כאָטש דער דאָקטאָר האָט איהם געזאָגט, אַז זיין קרענק איז אַ געפעהרליכע, צוליב וואָס ער בעדאַרף אַלע מעדיצינען איינצונעמען. אויך האָבען דאָקטוירים בעפוילען, אַז מען דאַרף אַכטונג געבען, ער זאָל עטליכע שעה אין מעת-לעת שלאָפען, און ער איז נאָר געשלאָפען 2 שעה. זיינע הויז-מענשען האָבען דערפון געהאַט גרויס עגמת-נפש. ווארום דער רבי איז וואָס אַמאָל שוואַכער געוואָרען, דאַמאָלס האָבען זיי זיך געווענדעט צום „חידושי הרי"ם" מיט פאָלגענדען בריף.

ב"ה מוצש"ק פ' משפטים פה קאָצק זייגער 3 תחלת הלילה.

שלום לכבוד מחו' הרב הגאון הגדול החסיד המפורסם כ"ש

מו"ה יצחק מאיר נ"י.

הנה זה איזה שבועות, אשר כבוד אא"מ שיחי' נחלה על המיחושים שלו מכבר וכעת מן עש"ק העבר נחלה מאד, השי"ת ישלח לו רפואה שלמה מהרה, ומהראוי שכ"ת ימחול לבוא הנה תיכף.

א"ד ידידו הנאמן **דוד** בהה"ק שיחי' **מארגענשטערן**.

---

א) ספר שם משמואל פ' בהעלותך. ב) אביר הרועים ע"א. ג) שם משמואל, דארט.

הרבנית תחי׳ וגם אנחנו מבקשים מאד מכ׳ שימחול לבוא הנה תיכף ומיד, אולי השי״ת ישלח עזרתו ע״כ מהרה.

## צבי הירש ליבל א).

(שוין זייט עטליכע וואָכען איז מיין פּאָטער, זאָל לעבען, קראַנק אויף זיינע מיחושים פון לאַנג און זייט דעם פערגאַנגענעם פרייטאג איז ער זעהר קראַנק געוואָרען, דער אייבערשטער זאָל איהם שיקען אַ רפואה שלימה, און ס׳וואָלט גלייך געוועז, איהר זאָלט מוחל זיין אַהער קומען באַלד. דאָס זענען די ווערטער פון אייער טרייען פריינד,

## דוד אַ זוהן פון הייליגען רבין זאָל לעבען מאָרגענשטערן.

די רביצין און אויך מיר בעטען אייך זעהר, אַזוי גוט צו זיין און באַלד אַהער צו קומען אפשר וועט דער אייבערשטער דורך דעם באַלד שיקען זיין הילף.

## הירש ליבל).

דער „חידושי הרי״ם״ איז באַלד געפאָהרען קיין קאָצק. ער האָט געטראָפען דעם רבין אין זעהר אַ געפעהרליכען צושטאַנד. דאַמאָלס האָט ער געזאָגט, זעהענדיג, אַז דער רבי וויל נישט איינגעמען די איהם פערשריבענע מעדיצינען, אַז לויט׳ן דין תורה דאַרף מען איהם מיט געוואַלד זאָלכע איינגעבען. ווי דער רבי האָט דאָס דערהערט, האָט ער געזאָגט: „אַזוי האַלט עס שוין?״ דאַן האָט ער זיך גלייכגעלעגט אין בעט, געוואונקען צו זיינע מענשען, אַז פון יעצט אָן איז ער מבטל זיין דעה. „זיי מעגען אַלץ טהון, וואָס זיי האַלטען פאַר ריכטיג״. זיי האָבען טאַקי אַזוי געטהון און ער האָט אַלץ געפאָלגט. אָבער זיי האָבען געזעהען, אַז זיינע טעג זענען געציילטע. אין חמשה עשר בשבט האָט ער ס׳לעצטע מאָל גערעדט בעזונדער צו אדמו״ר ר׳ אַברהם׳ן. ער האָט איהם נעמליך געפרעגט, צו ער האָט געלערנט אַ שיעור אויף חמשה עשר בשבט. און דאָנערשטאָג, כ״ב שבט, האָט ער זיין הייליגע נשמה אויסגעהויכט אין עלטער פון 72 יאָהר ב). (חסידים האָבען געזאָגט אַ רמז דערויף פונם פסוק: את מספר ימיך „אמלא״). די לעצטע ווערטער זיינע זענען געוועזן: „דער וואָס וועט אַריינלעגען זיין קאָפּ אין דער תורה, דעם בין איך ערב, אַז ער וועט האָבען דערפון אויף דער וועלט און אויף יענער וועלט (בזה ובבא) און דער וואָס איז „לייטשי מטושטשים״, ד. ה. אַ לעהרער מענש, אַ ליידיג געהער, דער וועט געהן צום אָבגרונד״ ג).

דער סאָכאַטשאָווער רבי אדמו״ר ר׳ אַברהם ז״ל האָט דערצעהלט: אין לעצטען פסח פאַר דער פטירה פון קאָצקער רבין איז ער געקומען צום סדר מיט אַ גרויסע שמחה און האָט געזאָגט, אַז אין אַנדערן יאָהר פסח וועט ער דאָ מעהר נישט זיצען. און דערפאַר וואָס ער האָט דאָס געזאָגט מיט זעהר אַ גרויסע שמחה, האָט קיינער נישט פערשטאַנען, וואָס ער האָט דערמיט

---

א) דער בריף איז געדרוקט אין ספר מאיר עיני הגולה ח״ב עמוד 27. ב) אביר הרועים אות רט״ו. ג) שם משמואל פ׳ תרומה לשנת תרע״ב. מיט די ווערטער „לייטשע מטושטשים״ האָבען זיך בענוצט דער דאָרטיגער המון.

געמיינט, אַלע האָבען גערעכענט, אַז זיין כוונה איז, אַז ער וועט נישט זיצען אין דער שטוב נאָר אין אַן אַנדערער שטוב, אָבער איך האָב פֿאַרשטאַנען, אַז ער האָט געמיינט, אַז אין אַנדערן יאָהר וועט ער שוין זיצען אין גן עדן. און אַזוי איז געווען. מיט נאָך אַ זאַך האָט זיך דער סאָכאַטשאָווער רבי געלויבט, אַז ער איז דערגאַנגען די כוונה פון קאָצקער רבין. נעמליך, אין לעצטען טאָג פאַר זיין הסתלקות, זענען ביי איהם געווען פיעל גדולים און קדושים פון זיינע תלמידים, און זיי האָבען נישט מרגיש געווען, אַז דאָס זענען שוין זיינע לעצטע אויגענבליקען, וואָרום מען האָט נישט אָנגעזעהען קיין שום שנוי אין זיין גוף, אַלע חושים זיינע זענען ביי איהם געווען, אָבער ווען ער, אדמו"ר ר' אַברהם, איז אַריינגעקומען אין זיין שטוב, האָט ער באַלד מרגיש געווען, אַז ער איז שוין עוסק אינם סוד „ענין היחוד דדיקנא קדישא", האָט ער פערשטאַנען, אַז זיינע לעצטע רגע'ס זענען דערגרייכט, האט ער אָנגעהויבען שרייען, און טאַקי באַלד איז זיינע הייליגע נשמה געשוועבט אין הימעל אַריין. (אביר הרועים סימן ע"ו).

בעת דער לויה פון קאָצקער רבין האָט דער „חידושי הרי"ם" געזאָגט: „די וועלט ווייסט גאָר נישט, וואָס זי האָט פערלוירען. ס'איז נישט פאַרהאַן עמיצער, וואָס זאָל בעגרייפען זיין הויכער מדרגה און זיין הויכער קדושה. הצדיק אבד ואין איש שם על לב, דער צדיק איז פערלוירען, אבער שלעכטער פון דעם איז דאָס, וואָס ס'איז נישט פאַרהאַן עמיצער, וועלכער זאָל אַריינטהון די ווערטער פונם צדיק אין די הערצער פון די יודען" א).

ד. אדמו"ר ר' אַברהם איז נאָך ווייטער געבליבען וואוינען אין קאָצק. די שוויגער זיינע, די אַלמנה פון קאָצקער רבין, האָט ווייטער געפיהרט איהר הויז און איהם אויך געגעבען זיין אויסהאַלטונג, ווי פריהער. די פריהערדיגע קאָצקער חסידים האָבען נעמליך געזאָרגט דערפאַר, אַז זי זאָל האָבען פרנסה. און אַלס חסיד איז ער געפאָהרען צום „חידושי הרי"ם". אָבער לאַנג דאָרט בלייבען האָט ער נישט געקאָנט, דערפאַר וואָס די הכנסה פון זיין שוויגער איז וואָס אַמאָל קנאַפער געוואָרען אַזוי, אַז זי איז נישט מעהר געווען אין שטאַנד איהם אויסצוהאַלטען. 4 יאָהר האט ער אין קאָצק נאָך געוואוינט און אין יאהר תרכ"ג איז ער נתקבל געוואָרען אַלס אַ רב פונם שטעדטעל פאַרצעווי (Parczew) שעדליצער וואָיעוואודסטווע.

אָבער קיין גרויס נחת האָט אדמו"ר ר' אַברהם פון אָט דעם כסא רבנות נישט געהאַט. ער האָט נעמליך געהאַט צו ליידען פון דוחק פרנסה און אויך פון רדיפות און מחלוקת. וואָרום דער גרעסטער טייל פון דער פאַרצעווער חסידישע איינוואוינער זענען ג ע פ אָ ה ר ע ן צו אדמו"ר ר' דוד'ן און זיי האבען נישט געקאָנט מוחל זיין זייער רב, וואָס איז געווען דעם קאָצקער רבינס איידעם, דאס וואָס ער איז אַוועק פון קאָצק און איז געוואָרען אַ גערער חסיד. צוליב דעם האָט מען איהם אַ סאַך מאָל נישט אויסגעצאהלט דאָס רבנות-שכירות, וואס ס'איז איהם געקומען. דער „חידושי הרי"ם", הערענדיג פון זיין גויטליידען, האָט איהם געגעבען 15 רובעל וועכענטליך אויף פרנסה.

א) מאיר עיני הגולה ח"ב אות תע"א.

דערפאַר אָבער האָט אַדמו״ר ר׳ אַברהם אין פאַרצעווי זעהר געשמאַק געלערנט און אויפגעטהון. כל ימיו האָט ער נישט פערגעסען דאָס גוטע לערנען זיינס פון פאַרצעווי. אין דער צייט ווען ס׳איז נישט געוועז קיין האָלץ איינצוהייצען און צו דערוואַרעמען די שטוב, איז ער געזעסען אין בעט אונטערן איבערבעט און פעסט געלערנט א).

ה. אבער נישט לאַנג איז געוועזן בעשערט אדמו״ר ר׳ אַברהם׳ן צו ליידען אין פאַרצעווי. ס׳איז געקומען אַ גרויסער יוד, וואָס האָט איהם פערשאַפט אַ בעסער רבנות. דאָס איז נעמליך געוועזן דער בעוואוסטער גאון ר׳ יהושע׳לי פון קוטנע. אַמאָל האָט ער מיט איהם גערעדט אין פלפול פון הלכה, האָט ער איהם שטאַרק געפאָלען, אַזוי אַז שפעטער, ווען ס׳איז פריי געוואָרען דאָס כסא־רבנות פון זיין שכנות׳דיגען שטעדטעל קרושנעוויץ, האָט ער געפועלט, אַז אדמו״ר ר׳ אַברהם זאָל אויפגענומען ווערען אַלס קרושנעוויצער רב. ער איז עקסטרא געפאָהרען קיין קרושנעוויץ, האָט צוזאַמען גערופען אַן אַסיפה פון די פני העיר און זיי געזאָגט: „הערט׳ס, קרושנעוויצער בעלי בתים! איהר זאָלט וויסען אַז איך האָב זיך מפלפל געוועזן מיט אַ יונגען מאַן, האָב איך געהאַט סייעתא דשמיא, אַז ער זאָל מיך נישט מנצח זיין, וואָרום זיין כח איז אַזוי גרויס, ווי דער כח פון רשב״א, דעריבער איז מיין רצון, אַז איהר זאָלט צונעמען אָט דעם יונגען מאַן פאַר קרושנעוויצער רב, וועט איהר האָבען אַזאַ רב ווי דער רשב״א איז געוועזן״. זיי האָבען מיט איהם מסכים געוועזן. דערנאָך האָט ער זיי געזאָגט, אַז דאָס איז דער פאַרצעווער רב.

אָט דאָס השתדלות פון קוטנער רב איז פערווירקליכט געוואָרען און ער איז נתקבל געוואָרען אַלס קרושנעוויצער רב בכבוד גדול.

אָבער אדמו״ר ר׳ אַברהם האָט געפיהרט זיין רבנות ווי אַן אמת׳דיגער קאָצקער חסיד, ווי ער האָט נור געזעהען אַ פריצת גדר, האָט ער אויסגעדריקט זיין פראָטעסט מיט אַ שאַרפקייט, אָהן חנופה, אָהן חס צו זיין אויף אַ כבוד אפילו פון אַ רייכען בעל בית, אַ גבר־אלים. צוויי מאָל אין יאָהר איז ער געגאַנגען אין די יודישע געוועלבער, נאָכקוקען די געוויכטער און די מאָסען, אויב זיי זענען געוועזן פאַלשע, האָט ער זיי צעבראָכען ב). דאַריבער זענען פאָרגעקומען קעגען איהם מחלוקות אויך אין קרושנעוויץ און שפעטער אויך אין סאָכאַטשאָוו. מען דערצעהלט, אַז ער האָט וועגען דעם אַמאָל געזאָגט, אַז אפילו ווען ער וואָלט געוואוינט אין אַ וואַלד, וואָלטען איהם די צווייגען פון די ביימער גע׳רודפט ג).

ו. אין יאָהר תרכ״ו ווען דער „חידושי הרי״ם״ איז נסתלק געוואָרען, איז אדמו״ר ר׳ אַברהם געפאָהרען קיין אַלכסנדר, צו אדמו״ר ר׳ חנוך העניך הכהן ז״ל, ביי וועמען ער איז, דאַכט זיך, געוועזן דער גרעסטער מקורב. אדמו״ר ר׳ העניך פלעגט מיט איהם פיעל שמועסען, סיי אין נגלה סיי אין נסתר. אדמו״ר ר׳ אַברהם, דערצעהלט מען, האָט אויף איהם געזאָגט, אַז דאָס וואָס ער בעהאַלט זיך פאַר מענשען בנוגע חכמת הנסתר, איז נישט אַזאַ גרויסע זאַך, אָבער דאָס וואָס ער קאָן זיך בעהאַלטען פאַר דער וועלט בנוגע

א) אביר הרועים אות פ״ט. ב) זעה אביר הרועים סימן ס״ו. ג) אביר הרועים חלק ב׳ אות ש״כ.

דעם לימוד פון נגלה, אָט דאָס איז זעהר אַ גרויסע זאַך. ער האָט נעמליך געזאָגט אויפ׳ן אַלכסנדרער רבין, אַז ער איז אויך געווען אַ תלמודישער גאון, נאָר ער האָט זיך בעמיהט, אָט דאָס פאַר מענשען צו בעהאַלטען.

אדמו״ר ר׳ אַברהם איז געווען זעהר אָנגעקניפּט אין אַלכסנדרער רבין און אין 4 יאָהר אַרום, אין י״ח אדר תר״ל, ווען אָט דער צדיק איז נסתלק געוואָרען, האָט ער זעהר ביטער געקלאָגט, און דאַמאָלס ווען זיין הייליגער גוף איז געלעגען ביים קבר, האָט ער זיך דאַנעבען אַנידערגעלעגט בפישוט ידים ורגלים און געוויינט א).

נאָך פערלויף פון 3 חדשים האָט אַ קהל פון אַלכסנדרער חסידים געשיקט אַ חסיד צום קרושנעוויצער רב, איהם פאָרלעגען, ער זאָל פיהרען ראַביסטוואָ. תחילת איז איהם שווער געווען צו זאָגען אַ תשובה. דאַן האָט ער געזאָגט צו זיינע מקורבים: „ווען כ׳וואָלט וויסען, אַז ס׳איז פאַרהאַן אַ יוד, וואָס כ׳קאָן פון איהם געוואויר ווערען אַ זאַך, וואָס איך וויס נאָך נישט, וואָלט איך צו איהם געגאַנגען צו פוס פיעל מיילען, וואָס זאָל איך אָבער טהון, אַז ס׳איז נישט בנמצא אַזאַ יוד. און מיך פערשליסען און זיצען ביחידות, איז אויך נישט גלייך. אמת איז, אַז פון די רייד פון מיין הייליגען שוועהר האָב איך פערשטאַנען, אַז דער סוף וועט זיין, כ׳וועל ווערען אַ רבי פון חסידים, כ׳האָב אָבער געמיינט, אַז דאָס וועט ערשט זיין אין אַ גאָר לאַנגער צייט אַרום״. דערביי האָט ער זעהר געקרעכצט אויף דעם, וואָס דער אַלכסנדרער רבי איז אַזוי שנעל אַוועקגענומען געוואָרען.

צו דעם אָננעמען ס׳פיהרען ראַביסטוואָ האָבען זיינע מקורבים איהם גע־ווינשען „מזל טוב״. דער לוטעמאָרסקער רב הגאון החסיד ר׳ אַברהם דוד ז״ל, דער מחבר פונם ספר „ראש יוסף״, וואָס איז נאָך געווען זיין גוטער פריינד פון קאָצק און איז דאַמאָלס אויך געווען אין קרושנעוויץ, האָט באַלד גע־שריבען קיין לוטעמאָרסק, אַז ער האָט שוין אַ גרויסען רבין, נעמליך דעם קרושנעוויצער רב, דער גאון ר׳ אַברהם, דעם קאָצקער רבינס איידעם. דאָס קול האָט זיך אויך פערשפרייט אין אַנדערע קהלות פון פוילען און — אויפ׳ן קומענדען שבת פ׳ קרח איז שוין געווען אַ היבשער עולם חסידים אין קרושנעוויץ און אין פיעל שטעדט האָבען זיך געעפענט קרושנעוויצער שטיבלעך.

דערביי האָבען חסידים געזעהען אַ מופת פון קאָצער רבין. ער האָט נעמליך געווינשען אָט דעם איידעם זיינעם, אַז אויב ער וועט זיין אַמאָל אַ רבי, זאָל ער האָבען אַ קליינעם עולם. איז דאָס טאַקי פערווירקליכט געוואָרען דורך דעם, וואָס מען איז ערשט געקומען אויפ׳ן געדאַנק, איהם צו מאַכען פאַר אַ רבין נאָך 3 חדשים פון אַלכסנדרער רבינס פטירה, דערווייל איז פערביי געגאַנגען אַ פסח און אַ שבועות, זענען זיך שוין דער גרעסטער טייל פון אַלכסנדרער חסידים צופאָהרען צו אַנדערע רביים, איז פאַר איהם, פאַרן קרושנעוויצער רב, נאָר געבליבען אַ גאַנץ קליינער טייל חסידים.

און, ווי מען דערצעהלט, האָט אדמו״ר ר׳ אַברהם תחילת נישט אַלע חסידים, וועלכע זענען צו איהם געקומען, אָנגענומען אַלס זיינע חסידים. ער

---

א) ספר אביר הרועים סימן ק״א.

האָט נעמליך בפירוש געזאָגט, אַז דער וואָס איז נישט קיין מופלג בתורה און דער קאָפּ ליגט איהם נישט אין דער תורה, דער האָט ביי איהם קיין אָרט נישט. ער האָט אַליין געראַטען אַזעלכע חסידים, וועלכע זענען נישט געוועזן פאַר איהם, אַז זיי זאָלען ליבער פאָהרען צו אַנדערע רביים, און זיי דערפאַר אויך מבטיח געווען, אַז זיי וועלען האָבען פרנסה. ער האָט אַמאָל געזאָגט אין נאָמען פון זיין הייליגען שוועהר אַ פירוש אויפ׳ן פסוק (שיר השירים א׳): כי טובים דודיך מיין, אַז דער אייבערשטער האָט פיעל דודים, דאָס זענען צדיקים, ס׳זענען פאַרהאַן דודים, וואָס קומען דורך תפלה, און אַזעלכע, וואָס קומען דורך טהון מצות און אַזעלכע וואָס קומען דורך טהון גמילות חסדים, אָבער בעסער זענען אַזעלכע דודים, וואָס קומען דורכ׳ן וויין פון דער תורה א).

דער בעוואוסטער גאון ר׳ חיים אלעזר וואַקס ז״ל, דער מחבר פון ספר „נפש חיה“ האָט געשריבען צו איהם אַ תשובה אין יאָהר תרל״ג אין חלק יו״ד סימן נ״ז, וואו ער שרייבט איהם: לכבוד ידידי הרב הגאון הצדיק בוצינא קדישא חסידא ופרישא נר ישראל עמוד העולם פטיש החזק מופת הדור, המאיר לארץ ולדרים הנשר הגדול בעל כנפים ברוחו פי שנים שושן סודות בנגלה ובנסתר לו עשר ידות כקש״ת מוהר״א נ״י אבד״ק קרושנעוויץ יע״א. ענותו תרבני לשאול חות דעתו בדבר המעשה שאירע בקהלתו וכו׳. והנה בענין זה רבו השיטות, ובדברי הפוסקים ראשונים ואחרונים קשה מאד לבוא עד תכונתם וגאו מאד המים לעבור בהם דרך סלולה, ולכן צריך אני להאריך לברר דברי כבוד גאונו העמוקים, אשר כלל הרבה ענינים בסקירה אחת ופלפל כבוד גאונו בעומק עיונו אשר יפרד לשני ראשים וכו׳. ע״כ.

ז. מען דערצעהלט, אַז אין ערשטען אָדער צווייטען יאָהר פון זיין פיהרען ראַביסטוואָ, איז ער, דורכפאָהרענדיג זגיערזש, אָבגעטרעטען ביים בעוואוסטען זגיערזשער רב ר׳ שלום הירש הכהן. אָט דער רב, וואָס איז אַמאָל געווען איינער פון די שענסטע קאָצקער חסידים, האָט איהם שטאַרק מכבד געווען און געמאַכט פאַר איהם אַ סעודה. זיצענדיג ביים טיש האָט ר׳ שלום הירש איהם געבעטען, ער זאָל זאָגען עפּעס תורה. נאָך זיין תורה-זאָגען האָט דער זגיערזשער רב זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט:

„ס׳איז אמת, אַז דאַמאָלס ווען כ׳האָב געהערט, אַז איהר האָט אָנ-געהויבען פיהרען ראַביסטווע בין איך געווען אַ מתנגד דערויף, דערפאַר וואָס כ׳האָב געהערט זאָגען פון קאָצקער רבין ז״ל, אַז זיין רצון איז, איהר זאָלט זיך אויסאַרבייטען, צו קומען צו דער מדרגה פון מהר״ל מפראָג ז״ל. און איך וויים, אַז כדי צו קומען צו אַזאַ מדרגה, מוז מען זעהר פיל לערנען מיט גרויס עיון, און ס׳איז בעוואוסט, אַז דאָס פיהרען אַן עולם חסידים, איז זעהר פיל מבטל פון דעם. דעריבער האָב איך געהאַט גרויס עגמת-נפש, קלערענדיג, טאָמער צוליב דעם וועט נישט פערווירקליכט ווערען דער דערמאָנטער מאמר פון קאָצקער רבין. אָבער איצט זעה איך, אַז איהר זאָגט שוין אַזוי תורה ווי דער מהר״ל הקדוש, דעריבער זאָג איך, אַז ס׳איז זעהר גלייך דאָס, וואָס איהר זענט געוואָרען אַ רבי פון חסידים“.

---

א) אפיר הרועים סימן ק״י.

באַלד דערנאָך איז ר׳ שלום הירש אַוועקגעגאַנגען פון טיש, האָט גע־ברענגט 2 פלאַשען ווײַן, וועלכע ער האָט געשטעלט אויפ׳ן טיש פאַר׳ן קרושנעוויצער רבין א).

ח. אין יאָהר תרל״ו האָט מען איהם פאָרגעלעגט, ער זאָל אָננעמען דאָס רבנות פון נאַשעלסק. דעם פאָטער זײַנעם האָט עס נישט געפאָלען, אַז ער זאָל פערלאָזען קרושנעוויץ, אָבער אַ דעה זאָגען איהם, האָט ער נישט געוואָלט, מיט דער מאָטיווירונג, אַז ער איז זײַן חסיד, ער האָט אויף זיך מקבל געוועזן זײַן מרות, נאָר ער האָט געבעטען דעם קוטנער רב, ר׳ יהושע׳לן, ער זאָל איהם דאָס זאָגען, אָבער ער האָט זיך אויך נישט דערלויבט, איהם צו געבען אַן עצה, כאָטש ער האָט גערן געוואָלט, ער זאָל בלײַבען וואוינען אין זײַן שכנות׳דיגען שטעדטעל. האָט ער טאַקי אָנגענומען דאָס כסא־רבנות פון נאַשעלסק.

דאָרט האָט ער אויך געפיהרט דאָס רבנות מיט אַ שטאַרקען תורה־כח, צוליב וואָס ער האָט געצויגען אויף זיך מחלוקת. באַלד ווי ער האָט געפּרובט די 2 אָרטיגע שוחטים, האָבען זיי איהם נישט געפאָלען אַזוי, אַז ער האָט בײַדע מעביר געוועזן פון שחיטות. די שוחטים האָבען געהאַט קרובים און גוטע פרײַנד, וועלכע האָבען געהאַלטען פאַר זיי. דערפאַר האָבען זיי געפיהרט מחלוקות קעגען רב. און אין יאָהר תרמ״ג נאָכדעם ווי דער בעוואוסטער סאָכאַטשאָווער רב ר׳ אלעזר הכהן איז נפטר געוואָרען, איז ער נתקבל געוואָרען מיט גרויס כבוד אַלס סאָכאַטשאָווער רב. אַ טאָג פריהער איידער ער איז אָנגעקומען קיין סאָכאַטשאָוו, האָט דער דערמאָנטער גאון ר׳ חיים אלעזר וואַקס, געהאַלטען אַ דרשה אין דער סאָכאַטשאָווער שוהל לכבוד דעם נײַעם אויסגעוועהלטען גרויסען רב אדמו״ר ר׳ אַברהם. ער האָט נעמליך מעורר געוועזן די בעלי־בתים פון סאָכאַטשאָוו, אַז זיי זאָלען זיך מכין זײַן, מקבל צו זײַן אין מאָרגיגען טאָג אָט דעם שר התורה פונקט אַזוי ווי די יודען האָבען זיך מכין געוועזן, מקבל צו זײַן די תורה אויפ׳ן באַרג סיני. ווען ער איז געקומען צו פאָהרען קיין סאָכאַטשאָוו, האָבען די בעלי בתים אויסגעשפאַנט די פערד פון זײַן וואָגען און זיי אַליין האָבען דעם וואָגען געפיהרט. דערויף האָט דער צדיק ווײַנענדיג געזאָגט: אַזאַ כבוד זאָל מען צוטיילען אַ בשר ודם! ב)

אינטערעסאַנט זענען די ווערטער, וועלכע ער האָט געשריבען וועגען זיך צום יעקאַטערינעסלאַווער רב ר׳ בנימין וואָלף (אבני נזר חלק אה״ע סימן קכ״ב):

„נאָר מיט איין זאַך בין איך נישט צופרידען, דאָס וואָס איהר לייענט מײַנע בריוו מיט זעהר אַ געשווינדיגקייט, און איך בין פערפליכט אײַך מודיע צו זײַן, נישט ווי אַ שטאָלצער חלילה, אַז אין מײַנע ווערטער דאַרף מען גוט מדקדק זײַן, און איינער פון די מפורסמדיגע גאונים פון אונזער מדינה האָט צו מיר אַמאָל געשריבען, נאָכדעם וואָס כ׳האָב איהם געשיקט אַ קונטרס, אַרײַנצוקוקען אין איהם, אַז תמיד איז ער מעיין אין מײַנע ווערטער, אַזוי ווי ער איז מעיין אין די ווערטער פון די ראשונים ז״ל, און איצט האָב

---

א) ספר אביר הרועים סימן קל״א. ב) אביר הרועים חלק ב׳ אות שכ״ז.

איך קיין צייט נישט, און אויב איהר וואלט מעיין געווען אין מיינע ווערטער, מעכט איהר פערדיענט א סך גוטס.

און וואס איהר שרייבט, אז איהר קענט נישט מיין נאמען, שרייב איך אייך דעם נאמען פון מיין משפחה. מיין פאטער הכ"מ איז געווען דער גאון ר' וואלף נחום, געווען א רב אין גרויס ביאלא. מיין שוועהר איז געווען הרב הדומה למלאך ה' צבאות ר' מנחם מענדיל, דער רבי פון קאצק. איך בין געווען א רב אין פארצעווי, דערנאך אין קרושנעוויץ און דערנאך אין נאשעלסק.

אפשר געפינט זיך ביי אייך דאס ספר נפש חיה, זענען דארט פארהאן א סך תשובות פון מיר, פון דער צייט וואס איך בין געווען א רב אין די דערמאנטע שטעדט.

ווען איהר וועט מיר שרייבען א בריף, זאלט איהר אזוי גוט זיין מיר מודיע זיין, אויב איהר געהערט צו די חסידים און צו וועלכער כתה".

ט. אין די ערשטע יאהרען איז אדמו"ר ר' אברהם געזעסען אויפ'ן סאכאטשאווער כסא רבנות במנוחה, אבער שפעטער האט זיך דארט אויך געמאכט קעגען איהם מחלוקות און רדיפות. אמאל איז געקומען קיין סאכאטשאוו א ציוניסטישע דעלעגאציע און אדמו"ר ר' אברהם האט זי נישט געוואלט אננעמען. די לינקע פארטייען האבען איהם דאס נישט געקענט מוחל זיין. ס'זענען קעגען איהם אנגעגעבען געווארען פערשיעדענע מסירות, צוליב וועלכע די רוסישע רעגירונג האט געהייסען שליסען זיין בית-מדרש און איהם נאך געמאכט א געלד-שטראף דערפאר וואס ער האט געפיהרט א ישיבה אהן איהר דערלויבעניש. שפעטער האט זי איהם דאס יא דערלויבט, אבער זי האט איהם צוגענומען דעם קאנסענס צו פערנעמען א כסא-רבנות, סיידען ער וועט זיך אויסלערנען די רוסישע שפראך. אדמו"ר ר' אברהם איז אויף דעם איינגעגאנגען און האט זיך אנגעהויבען לערנען רוסיש, כדי ער זאל קענען ווייטער פיהרען ס'רבנות און זאל נישט ברויכען אנצוקומען צו א מתנת בשר ודם, צו נעמען פדיונות פון חסידים. זעהענדיג אבער, אז דאס איז איהם מבטל פון תורה-לערנען, האט ער מסכים געווען צו דער בקשה פון זיינע חסידים, אז ער זאל אוועקלייגען דאס רבנות און זאל ציהען פרנסה פון ראביסטוואַ, זיינע חסידים האבען דאן געמאכט א „כוללות". יעדער חסיד האט זיך נעמליך מחייב געווען, צו געבען פאר איהם יעהרליך א געוויסע סומע. אויך ביים געזעגנען האט ער שוין אנגענומען געלד-אונטערשטיצונגען, אבער נישט אלס פדיונות. נאר יעדער האט געמוזט ביים געבען זאגען, אז ער גיט דאס בתורת מתנה. אפטמאל האט ער אבער אויסגעדריקט זיין אומצופרידענהייט דערפון זאגענדיג: וואויל איז דעם, וואס ברויכט דאס נישט און ציהט חיונה פון זיין יגיעה, א שטייגער ווי דער רמב"ם און דער רמב"ן, וואס זענען געווען דאקטוירים. (אביר הרועים ס"ו).

י. כל ימיו, זאגאר אין דער צייט ווען ער האט געפיהרט ראביסטוואַ, האט ער נישט אויפגעהערט צו פיהרען ישיבה מיט בחורים און מעמיד צו זיין תלמידים, וואס זענען שפעטער געווארען רבנים און מורי הוראות בישראל. אין סאכאטשאוו האט זיך נאך זיין ישיבה בעדייטענד פערגרעסערט. ס'זענען נעמליך געקומען לערנען אין זיין ישיבה אריין גוטע בחורים פון

אַלע ווינקעלעך פון אונזער מדינה. און דער גרויסער גאון און צדיק יסוד עולם האָט זיך שטאַרק בעמיהט, זיי מדריך צו זיין און זיי ווייזען דעם אמת׳דיגען דרך אין תורה־לערנען. אפילו שוין בעוואוסטע גדולי תורה זענען געקומען אין זיין ישיבה אַריין אויף בלויז אַ משך פון עטליכע וואָכען, כדי פון איהם מקבל צו זיין וויפיל מעגליך די שיטה אין חריפות׳דיגען לערנען. אַזוי פלעגט ער לערנען מיט דער ישיבה אין זיין יוגענד צוויי שיעורים, 8 שעה אין מעת־לעת.

ווערענדיג אַזוי שטאַרק מפורסם אויף דער וועלט, האָבען זיך רבנים פון אימעטום געווענדעט צו איהם מיט האַרבע שאלות בנוגע הלכה למעשה. און ער פלעגט נישט זשאַלעווען זיין טרחה און האָט אַלעמען געשריבען קלאָרע תשובות. אויך די צאָהל פון זיינע חסידים האָט זיך אין זיינע לעצטע 20 יאָהרען שטאַרק פערגרעסערט. ס׳זענען אויך צו איהם געקומען חסידים פון אַנדערע רביים און סתם בעלי־בתים, כדי איהם עצות צו פרעגען און איהם בעטען, ער זאָל אויף זיי מתפלל זיין „על כל צרה שלא תבוא״. אבער אויך זייענדיג אַ רב אין סאָכאַטשאָוו האָט ער געהאַט מצד די שטעטישע בעלי־בתים מחלוקות אויף זיך, וואָס ס׳האָט גורם געווען, אַז די רוסישע רעגירונג זאָל איהם פערביעטען אויף אייביג צו פערנעמען אַ כסא־רבנות. און אַזוי שרייבט ער אין דער הקדמה פון זיין ספר „אגלי טל״:

„פון אייביג אָן איז געווען מיין שטייגער אויפצושרייבען די חידושים, מיט וועלכע דער אייבערשטער האָט מיך געלייטזעליגט, אָבער זיי צו לאָזען דרוקען און פערשפרייטען אויף דער וועלט, איז מיר נישט געקומען אויפ׳ן געדאַנק, און ס׳איז נישט פאַרהאַן קיין שענערע זאַך פון צניעות, און אויב ס׳וועט זיין מן השמים, אַז מיינע ווערטער זאָלען געדרוקט ווערען, זאָל דאָס זיין ערשט לאחר מאה שנים. אַזוי איז געווען מיין געדאַנק. נאָר דאָס האָב איך מיר אויסגעוועהלט, צו לערנען מיט תלמידים, וואָרום בזמן הזה, ווען די תורה שבעל־פה איז אויפגעשריבען, איז די מצוה צו לערנען תלמידים דעם דרך הלימוד. אָבער איצט אויף מיין עלטער, וואָס אין מיינע זינד האָט זיך מיין הוסט־קראַנקהייט געשטאַרקט ר״ל, אַזוי אַז איך קאָן נישט לערנען מיט תלמידים וכו׳, האָב איך דערפון עגמת־נפש, וואָס איך קאָן נישט טהון אָט די גרויסע עבודה, דעריבער האָב איך בעשלאָסען, צורעכט צו מאַכען עפעס פון מיינע חידושים און זיי לאָזען דרוקען, כדי די תלמידים וועלען זיך דערפון לערנען דעם דרך הלימוד״.

י. אין יענער צייט האָט ער אָנגעהויבען זאָרגען לטובת כלל ישראל אין ממשות׳דיגע זאַכען, דהיינו, צו דערוועקען יודען, צו קויפען אין ארץ ישראל לאַנד און זיך דאָרטען בעזעצען. אין זיין ספר „אבני נזר״ (יו״ד חלק ב׳ סימן תנ״ד) שרייבט ער נעמליך צוו. אַנד.: „דער, וועלכער עמיגרירט קיין ארץ ישראל און האָט דאָרט אַ מעגליכקייט פון פרנסה, איז דערמיט מקיים אַ מצוה, וואָס איז שקול ווי אַלע מצות. פונדעסטוועגען ליגט נישט אויף איהם אָט די פליכט, נאָר דאַמאָלס ווען ער דערהאַלט דערצו אַן ערלויבעניש פון דער רעגירונג. און דווקא ווען ער בעזעצט זיך דאָרט צווישען אַ קיבוץ פון כשר׳ע יודען, אַזוי אַרום איז אַ גרויסע מצוה, זיך משתדל צו זיין ביי דער רעגירונג, זי זאָל דערלויבען אַ קיבוץ יודען דאָרטען אַהין צו

עמיגרירען. אָט די גרויסע מצוה זענען מחויב צו טהון די יודישע גבירים, זיי בנוגע צום בעקומען אַזאַ דערלויבעניש, סיי בנוגע צום קויפען דאָרטען נחלאות". ער ענדיגט זיין מאמר מיט פאָלגענדע ווערטער:

בשנת כי בא העת לחננה לפ"ק.

הק' אברהם.

דער סאָכאַטשאָווער רבי ז"ל האָט זיך בעמיהט, אָט דעם געדאַנק אויס-צופיהרען. צו דעם צוועק האָט ער דאַמאָלס געשיקט קיין ארץ ישראל זיין איינציגען זוהן הרב הגאון אדמו"ר ר' שמואל ז"ל צוזאַמען מיט זיין ברודער און איידעם הרב הגדול ר' מאיר באָרנשטיין ז"ל, אָבער זיי איז נישט גע-לונגען דאָרטען צו קויפען אַ גרויס שטח לאַנד און צו גרינדען אַ שטאָדט, וואו ס'זאָלען וואוינען פרומע יודען, ווי דער רצון פונם גרויסען צדיק איז געוועזן. דערצו האָט אויך גורם געוועזן דאָס, וואָס דאַמאָלס איז אַרויס אַ גזירה פון סולטאַן, אַז מ'זאָל יודען נישט פערקויפען קיין נחלאות אין ארץ ישראל. זייט דאַמאָלס האָט ער אויפגעהערט עוסק צו זיין אינם ענין פון ישוב ארץ ישראל א).

יא. אין יאָהר תר"ע י"א אדר ראשון איז דער גרויסער סאָכאַטשאָווער רבי נסתלק געוואָרען אין עלטער פון 71 יאָהר. אויף זיין קבר איז געשטעלט געוואָרען אַן „אוהל", וואו אַהין מען קומט מתפלל זיין על כל צרה שלא תבוא. אָבער אַן אייביגען נאָמען האָבען איהם בעיקר געמאַכט זיינע גרויסע ספרים. אויסער זיין ספר „אגלי טל", וואָס ער אַליין האָט, ווי דערמאָנט, אַרויסגעגעבען, האָט זיין גרויסער זוהן אדמו"ר ר' שמואל אין יאָהר תרפ"ו געלאָזט דרוקען זיין ספר שאלות ותשובות „אבני נזר" אין 7 חלקים, אויף וועלכענס שער-בלאַט ס'שטעהען פאָלגענדע ווערטער: „מאת כבוד אדומו"ר הרב הגאון הקדוש שר התורה ויראת ה' טהורה מאורן של ישראל מו"ה אברהם זצוקללה"ה, אשר שמש בכתר הרבנות בק"ק פאַרצעווי, קרושנעוויץ, נאַשעלסק, וסאָכאַטשוב, ואור תורתו הי' זורח על כל כנפות הארץ, בן הרב הגאון הצדיק המפורסם חסידא ופרישא מו"ה זאב נחום זצלה"ה אבד"ק ביאָלא בעהמ"ס אגודת אזוב, חתנו ותלמידו של הרב הגאון האלקי קודש קדשים מלאך ה' צבאות נורא מאד האדמו"ר הגדול מרן מנחם מענדיל זצוקללה"ה מקאָצק". אָט די ספרים זענען פסקי-הלכות מיט וועלכע ס'בעדיענען זיך אַלע למדנים און אַלע רבנים בכל תפוצות ישראל.

דער קאָצקער רבי, זעהט אויס, האָט בשלימות מקיים געוועזן די פליכטען, וואָס ער האָט אויף זיך גענומען בנוגע דער השגחה אויף אָט זיין גרויסען איידעם און זיין יגיעה איז געווען געקרוינט מיט הצלחה.

יב. וועגען דעם שטייגער לערנען פונם סאָכאַטשאָווער רבין, שרייבט דער איצטיגער קוטנער רב הגאון ר' יצחק יהודה טרונק הי"ו, וואָס איז אַן איידעם פון זיין זוהן אדמו"ר ר' שמואל ז"ל, אין זיין הקדמה צום רבנישען מאַנאַט-שריפט „בית אברהם" פאָלגענדעס:

„אונזערע חכמים ז"ל האָבען געגלייכט די תלמידי חכמים צו בונים,

---

א) אביר הרועים ר"א.

בויערס, און אַזוי ווי נישט אַלע בויערס זענען גלייך. ס'איז פאַראַן אַזעלכער, וואָס איז אין שטאַנד אַליין צו בויען, אָהן זיך צו בעניצען מיט אַנדערע, ער קויפט זיך נעמליך אַ פלאַץ, און שטעלט זיך אויף אַ הויז פון פונדאַמענט ביז צום דאַך. ס'גאַנצע בנין איז, אַלזא, זיין אייגען און קיינער האָט דרינען קיין חלק נישט. ס'איז אָבער פאַרהאַן אַ בויער, וואָס איז שוואַך און איז געצווינגען אָנצוקומען צו אַנדערע, ער געפינט נעמליך שוין אַ גע־בויעט הויז, צו וועלכען ער בויעט נאָר צו אַ שטאָק, און דאָס איז פאַר איהם אַ הויז. אַזוי איז אויך דער פאַל ביי גייסטיגע בנינים. איינער שטעלט בנינים אויף פונדאַמענטען פון אַנדערע, זיין אייגען אָרגינאַל וואָרט האָט ער נישט. ס'זענען אָבער פאַראַן גאונים, וואָס זייערע סברות און חידושים זענען נישט געגרינדעט אויף הנחות פון אַנדערע, נאָר האָבען אַליין דער־פינדען אַ נייע שיטה און אַ נייעם דרך אין דרך תורה. איינער פון אַזעלכע ריעזענגייסטער איז געווען דער סאָכאַטשאָווער רבי אדמו״ר ר׳ אַברהם ז״ל, וואָס האָט מקבל געווען פון גרויסען קאָצקער רבין, אַז נישט אַלע פלפולים זענען חידושים א), ווי ער שרייבט אין דער הקדמה פון „אגלי טל״, און ער האָט דערפינדען אָט די בעזונדערע פערטיפונג און פערשטענדניש, וואָס איהר גייסט שוועבט אויף זיינע הייליגע ספרים, וועלכעס איז בעקאַנט אין דער למדנישער וועלט אונטער דעם נאָמען „סאָכאַטשאָווער לימוד״.

יג. אין יאָהר תרנ״א האָב איך די זכיה געהאַט צו געפינען זיך אין דער מסבה פון אדמו״ר ר׳ אַברהם ז״ל. לעבען איהם זענען געזעסען נאָך גרויסע תלמידי חכמים. איינער פון זיי האָט פאָרגעלעגט אַ קשיא אויף אַ מאמר פון דער גמרא עירובין. אדמו״ר ר׳ אַברהם האָט באַלד די קשיא אָבגעוואָנדען און דערביי האָט ער געזאָגט: „שקר האָב איך פיינט בטבע״.

אָט דער כאַראַקטער־שטריך איז אויך בולט דערפון, וואָס ער שרייבט אין זיין ספר „אבני נזר״ ח״ב סימן תקי״ז צום בעקאַנטען מחבר פונם ספר „בכורי שלמה״ הרה״ג ר׳ שלמה רזעכטע ז״ל פון אָזאָרקאָוו: „ס'געפעלט מיר נישט דאָס, וואָס איהר האָט געדרוקט מיין תשובה. וואָס איך האָב צו אייך נאָך געשריבען זייענדיג אין קרושנעוויץ, איידער כ'האָב אַריינגעקוקט, אויב זי איז ווערט פערשפרייט צו ווערען אויף דער וועלט. ס'זענען דאָך בעקאַנט די ווערטער פון רמב״ם אין אַ תשובה אויף דעם מאמר פון דער גמרא, אַז ווען איינער זאָגט אַ ענין צווישען אַ צבור, מוז ער אין דעם 4 מאָל מעיין זיין, אָבער ווען ער וויל דאָס פערשפרייטען אויף דער וועלט, איז אפילו טויזענד מאָל אויך צו ווייניג״. און אַזוי שרייבט ער אויך צום דערמאָנטען יעקאַטערינאָסלאַווער רב: „אייער טייערן בריף האָב דערהאַלטען. און ס'איז מיר ליב, מיט אייך צו אונטערהאַנדלען בנוגע אַ הלכה, ווארום פון אייער

א) כדאי צו בעמערקען, אַז אַזוי שרייבט אויך דער „שאגת אריה״ אין דער הקדמה פון אָט דעם ספר: „זולת זה מה שפלפלתי לחדד התלמידים או דרך דרוש, לא העליתי על הספר, כי את הכל ישא רוח, אין זה אלא הבל ורעות רוח״. און אַזוי האָט זיך אויך געפיהרט דער גאון ר׳ עקיבא אייגער. אַזוי שרייבט נעמליך זיין זוהן ר׳ שלמה אין דער הקדמה צו זיין ספר „דרוש וחדוש״: „ובכל זאת הנך רואה בעיניך, כי לא לבד בתשובותיו, אך גם בדרשותיו הלך בדרך אצל וקרוב אל האמת, ודברי חדודים ופלפולים, אשר במעט זמנים נשמע מפיו ז״ל לאוזן, הנה במכתביו אין זכר מהם, כי לא שוו בעיניו לחוק אותם על הגליון״. (פ. ז. ג.).

בריף איז צו דערקענען, אַז אייער כּונה איז בּלויז צו דערגעהען דעם אמת, וועלכעס איך וויל אויך. ס'מעג אין אונז מקוים ווערען דער פּסוק (משלי כ"ט) „מאיר עיני שניהם ה'" און דורך די געגענזייטיגע תשובות ווערט די הלכה אויף קלאָר מתבּרר".

---

## יט. דער קאָצקער רבי און זיין צווייטער איידעם דער קאָצקער רב.

א. דער קאָצקער רבי, טראַכטענדיג שטאַרק וועגען אַ שידוך פאַר זיין צווייטער טאָכטער, בּרכה, האָט אַמאָל געפרעגט זיינס אַ חסיד פון פּינטשעוו, צו ער ווייסט נישט עפּעס אַ שידוך פאַר זיין טאָכטער. „כ'האָב אַ שידוך", האָט דער חסיד געענטפערט, „אונזער רב ר' ישראל הכּהן ראַפּאָפּאָרט, וואָס איז אַן אָבשטאַם פונ'ם ש"ך, האָט זעהר אַ גוט יונגעל, אַן עלוי, בּעריל וואָלף הייסט ער, דאָס וואָלט געווען פאַר איהר אַ גוטער שידוך".

דעם קאָצקער רבין האָט דער שידוך געפאַלען, צוליב וואָס ער האָט געזאָגט צו אָט דעם חסיד, אַז ווען ער וועט אַהיים קומען, זאָל ער דעם שידוך אָנטראָגען דעם פּינטשעווער רב. ער האָט אַזוי געטהון. אָבער דעם פּינטשעווער רב, וואָס איז פריהער געווען אַ וואָרקער חסיד און נאָך דער פּטירה פונם וואָרקער רבין איז ער געוואָרען, אַן אַמשעגאָווער חסיד, האָט איהם דער שידוך גאָר נישט אַזוי געפאַלען. ער האָט געענטפערט: „אין קאָצק לערנט מען דאָך נישט".

דער קאָצקער רבי האָט געשיקט דעם „חידושי הרי"ם" קיין פּינטשעוו, כּדי בּעריל וואָלפ'ן צו פּרובּען און ער האָט איהם געפאַלען. אָבער דער פּינטשעווער רב איז געבּליבּען בּיי זיין נישט וועלען טהון דעם שידוך.

ב. מאַכט זיך אַ מעשה, אַז בּעריל וואָלף ווערט געפעהרליך קראַנק. דאַמאָלס האָבּען איהם מענשען געזאָגט, אַז אפשר האָט ער זיך דערמיט פאַרזינדיגט, וואָס ער וויל זיך נישט משדך זיין מיט'ן קאָצקער רבין. דעריבּער האָט דער פּינטשעווער רב אויף זיך גענומען, אַז ווען בּעריל וואָלף וועט געזונד ווערען, וועט ער אָט דעם שידוך טהון. און אַזוי איז געווען. ווען בּעריל וואָלף איז געזונד געוואָרען, האָט ער איהם געשיקט קיין קאָצק, ווי דער רבי האָט פאַרלאַנגט.

מען דערציילט, אַז דאַמאָלס ווען דער רבי האָט גערעדט מיט בּעריל וואָלפ'ן, איהם אָנגענומען בּיי דער האַנד און זיך מיט איהם אַרומגעדרעהט אַרום טיש, האָט בּעריל וואָלף אָנגעהויבּען חלש'ן. די רביצין איז, דאָס הערענדיג, אַריינגעלאָפען צום רבין און זיך געבּייזערט, זאָגענדיג: „וואָס פּייניגסטו אַזוי דאָס יונגעלז" „שאַדט נישט, שאַדט נישט", האָט דער רבי געזאָגט „ער וועט בּלייבּען אונזער חתן".

נישט לאַנג דערנאָך איז פאָרגעקומען אין קאָצק זייער חתונה. דאָס איז, דאַכט זיך, געווען אין סוף פון יאָהר תרט"ו אָדער תחלת תרט"ז, ווען דאָס פּאָר-פאָלק איז אַלט געווען אין זעכצענטען יאָהר. די צווילינגס-שוועסטערן, שרה צינע און בּרכה, און זייערע זיווגים, ר' אַבּרהם און ר' בּעריל וואָלף,

זענען נעמליך געבוירען געוואָרען אין איין צייט. כדאי צו בעמערקען, אַז דער פּינטשעווער רב, ר׳ ישראל הכהן ראַפּאפּאָרט, איז פאַר׳ן זמן חתונה נפטר געוואָרען א).

ג. ר׳ בעריל וואָלף, וואָס האָט, ווי געזאָגט, געשטאַמט פון גרויסען יחוס, פון דור-דורות רבנים, געווען אַן אָבשטאַם פונם גרויסען גאון ר׳ שבתי הכהן, דער מחבר פון „שפתי כהן" (ש"ך), האָט אויך געהאַט יחוס-עצמו. ער איז געווען אויסגעצייכענט מיט גרויסע מעלות, אַ הערליכע געשטאַלט, הויכער וואוקס, שעהן פון אויסזעהען, אַן איידעלער כאַראַקטער און אַן אמת׳-דיקער תלמיד חכם. ער האָט בעקומען קאָסט און וואוינונג ביי זיין שוועהר, דעם קאָצקער רבין, ווי זיין ערשטער איידעם, אדמו"ר ר׳ אַברהם, און איז אויך געווען אונטער זיין השגחה און זיין השפעה, ווי יענער. אָבער בעת יענער איז עטליכע יאָהר נאָך דער פטירה פונם שוועהר, געוואָרען, ווי דער-מאָנט, אַ רב אין אַן אַנדערער שטאָדט, האָט ר׳ בעריל וואָלף קיינמאָל נישט קאָצק פערלאָזט. תחלת האָט איהם ווייטער די קאָצקער רביצין אויסגעהאַלטען און אין יאָהר בערך תר"ל, ווען ס׳איז פריי געוואָרען דאָס כסא רבנות פון קאָצק, איז ער אויפגענומען געוואָרען אַלס קאָצקער רב, און דאָס קאָצקער רבנות האָט ער געפיהרט ביז זיין לעצטען טאָג. אַלס חסיד איז ער געפאָהרען צום „חידושי הרי"ם".

אַ חוץ וואָס ר׳ בעריל וואָלף איז געווען אויסגעצייכענט אין תורה און חסידות, איז ער אויך געווען אַ חכם אין מילי דעלמא, אַזוי אַז סוחרים זענען געקומען צו איהם עצות פרעגען. און ער האָט זיך נישט פערלאָזט בנוגע זיין פרנסה אויפ׳ן כסא רבנות זיינעם, נאָר האָט אויך געפיהרט וואַלד-געשעפטען בשותפות מיט אַנדערע סוחרים. און אָט די געשעפטען האָבען איהם אפשר מעהר איינגעבראַכט, ווי דאָס קאָצקער רבנות. ס׳זענען געווען צייטען, וואָס מ׳האָט געוואָלט ר׳ בעריל וואָלפ׳ן אויפנעמען אַלס אַ רב אין גרעסערע קהלות, ווי די קאָצקער, אָבער ר׳ בעריל וואָלף איז נישט געווען דערמיט איינגעוויליגט, מאָטיווירענדיג, אַז זיין שוויגער וויל נישט קאָצק פערלאָזען און אָהן איהר קאָן ער אויך נישט אַוועק פון קאָצק.

אין שמיני עצרת פון יאָהר תרס"ב איז ר׳ בעריל וואָלף נפטר געוואָרען אין עלטער פון 62 יאָהר און מ׳האָט איהם געגעבען אַ „קרקע" אינ׳ם „אוהל" פון זיין גרויסען שוועהר דעם קאָצקער רבין. עטליכע יאָהר פריהער איז ער בלינד געוואָרען אויף ביידע אויגען ל"ע. מ׳האָט אָבער ביי איהם בעמערקט אַ שטאַרק געפיהל, אַזוי אַז ער האָט דערקענט מענשען, וואָס ער האָט שוין נישט געהאַט געזעהען איבער 20 יאָהר, אין זייער שטימע. אויך מטבעות האָט ער אין אָנטאַפּען דערקענט.

ד. דער קאָצקער רב, ר׳ בעריל וואָלף הכהן ראַפּאפּאָרט, האָט

---

א) אַזוי שטעהט אין „שם הגדולים החדש": הרב מ׳ ישראל כ"ץ ראפּאפּארט. הרב הגאון המפורסם שלשלת היוחסין אבד"ק פינטשוב בן הגאון מו"ה וואלף בער אבד"ק הנ"ל בהגאון מו"ה יצחק אבד"ק סטאָבניץ ודק"ק אפטא בהגאון המפורסם בדורו מו"ה דוב בעריש כ"ץ אבד"ק הנ"ל בהגאון מו"ה יצחק כ"ץ בהגאון מו"ה משה כ"ץ בן רבינו הכהן הגדול הש"ך ז"ל זי"ע והוא מחותנו של הגאון הקדוש מו"ה מנחם מענדיל הרב מקאָצק נבג"מ.

איבערגעלאָזט חשובע דורות, 4 זיהן און 1 טאָכטער. 1) דער עלטסטער זוהן ר׳ משה איז געווען דער ממלא מקום פון זיין פאָטער, כל ימיו געווען קאָצקער רב. 2) ר׳ מענדיל איז אויך געווען אַ תלמיד-חכם און אַ חסיד, געווען פון די חשובים אין גרויס-ביאַלע. 3) ר׳ יצחק ראַפּאַפּאָרט איז איינער פון די חשובסטע מענשען אין וואַרשא, אַ גזבר פון ארץ ישראל געלד. 4) ר׳ מאיר ראַפּאַפּאָרט, אַ תלמיד-חכם איינער פון די חשובסטע חסידים אין וואַרשא און 5) זיין איינציגע טאָכטער אסתר דבורה תחי׳, אַן אשה חשובה און אַ חכמה, געווען די פרוי פונם תלמיד-חכם און חסיד ר׳ יצחק מאיר אייבעשיץ פון גור, וואָס איז געווען אַן אָבשטאַם פונם בעוואוסטען גאון און צדיק ר׳ נטע אייבעשיץ, דער פשעדבורזער רב, אַ ברודערנזוהן פון רבין ר׳ יונתן. מרת אסתר דבורה אייבעשיץ וואָס וואוינט איצט אַלס אַלמנה אין לאָדז, אין הויז פון איהר איידעם ר׳ הירשל הענדלעס ע״ה, האָט פיעל יאָהרען געוואוינט אין קאָצק, זי האָט גוט געקענט איהר באָבע, חיה, די קאָצקער רביצין, וועלכע האָט איהר פיעל דערצעהלט וועגען איהר מאַן, דעם קאָצקער רבין. אויף איהרע גלויבווירדיגע ווערטער האָב איך מיך געשטיצט ביי מענכע זאַכען, וואָס איך האָב געשריבען אין געגענווערטיגען ספר.

---

## כ. דער קאָצקער רבי און זיין זוהן ר׳ בנימין פון זיווג שני.

א. אין יאָהר ת״ר האָט די קאָצקער רביצין, חיה, געבוירען אַ זוהן. זי האָט מסתמא געוואָלט, מען זאָל איהר ערשטען זוהן אַ נאָמען געבען נאָך איהר פאָטער ר׳ משה חלפן. אָבער דער רבי האָט אָהן איהר ווילען איהם אַ נאָמען געגעבען בנימין א).

בנימין איז געווען זעהר אַ געראָטען קינד און איז דערצויגען געוואָרען אונטער דער השגחה און השפעה פון זיין גרויסען פאָטער צו זעהר אַ טייער בחור׳ל, אַ מופלג בתורה און אויסגעצייכענט מיט מדות און מעלות טובות, צוליב וואָס פיעל גרויסע לייט, גבירים אדירים, האָבען געוואָלט די זכיה האָבען, איהם צו נעמען אַלס זייער חתן. אָבער דער קאָצקער רבי האָט זיך פערהאַלטען ביי דעם מיט גרויס מתינות, זיך נישט געאיילט, מיט זיין בנימין׳ען אַ שידוך צו טהון. ווען מען האָט אָבער אָנגעטראָגען אַ שידוך מיט דער טאָכטער פון ר׳ אברהם מרדכי׳ן, דער זוהן פונם „חידושי הרי״ם", פרימטשע איז געווען איהר נאָמען, האָט ער באַלד מסכים געווען און גע-הייסען, אַז זיי זאָלען קומען אויף תנאים. ווען די מחותנים זענען אָנגעקומען, האָט דער רבי געהייסען אָנגרייטען אַ גרויסע סעודה פאַר די חסידים און האָט זיך זעהר משמח געווען, וויסענדיג, אַז זיין בנימין וועט האָבען אַ פרוי אַן אמת׳ע בת תלמיד-חכם.

אין יענער צייט, אין יאָהר תרי״ד, האָט דער קאָצקער רבי, ווי בעקאַנט, געפיהרט אַ לעבען פון התבודדות, האָט נישט געגעסען קיין סעודה צוזאַמען מיט חסידים, אָבער ביי דער תנאים-פייערונג האָט מען געמיינט, וועט ער

---

א) וועגען דעם נאָמען זעה אויבען אינם בריף פון סאָקאָלאָווער רבין שליט״א.

ענדערען אָט דעם מנהג זיינעם. לויט דער שמחה, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזען, האָט עס אַזוי אויסגעזעהען. דער רביצין האָט ער אויך געזאָגט, אַז ער דערכענט אַזוי צו טהון. צווישען עולם האָט זיך פערשפרייט אַ קלאַנג, אַז די תנאים-סעודה וועט דער רבי צוזאַמען עסען מיט די חסידים. דער עולם האָט זיך פערזאַמעלט אינם בית-המדרש, אַלע האָבען זיך געזעצט ביי די טישען, אין דער שפיץ די מחותנים, דער „חידושי הרי״ם", ר' אַברהם מרדכי און דער חתן. עטליכע שעה זענען זיי געזעסען, וואַרטענדיג אויפ'ן רבין, אָבער דער רבי איז נישט ערשיענען.

די רביצין, האָבענדיג דערפון עגמת-נפש, דערפאַר וואָס ס'האָט אויס-געזעהען ווי אַ גרינג-שעצונג פאַר די מחותנים, איז אַריינגעגאַנגען צום רבין און איהם דערצעהלט, אַז דער עולם און די מחותנים וואַרטען אויף איהם. טראָצדעם איז דער רבי נישט אַריינגעגאַנגען צום טיש. דער ענטפער איז געווען — אַ גרויסער קרעכץ. ער האָט אויך געזאָגט, ווי מען דערצעהלט: „מיר זעהען נישט קיין אריכות ימים פאַר אונזער טייערן מחותן".

ב. דער קאָצקער רבי האָט פון שטענדיג אָן צוגעטיילט גרויס כבוד ר' אַברהם מרדכי'ן און נאָך פיעל מעהר פון דער צייט אָן, זייט ער איז געוואָרען זיין מחותן. אין דער התבודדות-צייט פון קאָצקער רבין, אין וועלכער ס'האָבען געקאָנט פערבייגעהען טעג און וואָכען איידער אַ חסיד האָט די זכיה געהאַט, איהם צו זעהען, איז געווען דער שטייגער, ווען ס'איז אָנגעקומען אַ גרויסער חשוב, האָט ר' פייבל משמש אָנגעמעלדען ביים רבין, אַז דער און דער איז געקומען, און דער רבי פלעגט איהם בעשטימען אַ שעה, ווען יענער זאָל צו איהם אַריינקומען. אַמאָל זענען געקומען קיין קאָצק דער „חידושי הרי״ם" און זיין זוהן ר' אַברהם מרדכי. פייבל משמש איז אַריינגעגאַנגען צום רבין און אָנגעמעלדען, אַז ר' איטשע מאיר פון וואַרשא איז געקומען. דער רבי האָט איהם בעשטימט אַ שעה פאַר זיין בעזוך. אין דער בעשטימטער שעה זענען צוזאַמען אַריינגעגאַנגען צום רבין ר' יצחק מאיר און ר' אַברהם מרדכי. נאָכדעם ווי זיי זענען אַרויסגעגאַנגען, האָט דער רבי אַריינגערופען ר' פייבלען און זיך געבייזערט אויף איהם, פאַרוואָס ער האָט איהם נישט געזאָגט, אַז ר' אַברהם מרדכי איז אויך גע-קומען. ר' פייוועל האָט זיך פערענטפערט און געזאָגט, אַז ער האָט געמיינט, ס'איז גענוג דאָס, וואָס ער האָט אָנגעמעלדען, אַז ר' איטשע מאיר איז גע-קומען. ביים קאָצקער רבין האָט מען זיך נעמליך בעמיהט, וואָס ווייניגער צו רעדען. „עה", האָט דער קאָצקער רבי געזאָגט, „אַ מחותן איז גאָר עפעס אַנדערש, פאַר אַ מחותן קומט אָנצוטהון אַנדערע מלבושים".

ג. דער זמן חתונה איז בעשטימט געוואָרען אויף ב' אדר תרט״ו. דאַמאָלס איז געווען אַ שטאַרקער ווינטער, די פראָסט האָט געקנאַקט. טראָצ-דעם זענען פיעל חסידים פון וואַרשא און פון די אַרומיגע שטעדטלעך געפאָהרען קיין קאָצק, כדי זיך צו פרייען מיט זייער גרויסען רבין אויף דער חתונה פון זיין חשוב'ן זוהן.

אין חתונה-טאָג האָט דער עולם נאָכגעקלערט, ווי דער רבי וועט זיך פיהרען, אויב ער וועט אַרויסגעהן פון זיין „היכל קדש" און וועט זיין צו-זאַמען מיט די פערזאַמעלטע געסט ביי דער חופה און ביי דער חתונה-

מאָהלצייט אָדער נישט. קעגען אָוועגד, איידער ס׳איז פאָרגעקומען דער קבלת־פנים פונ׳ם חתן, ווי דער מנהג איז בײַ יודען, זענען אַריינגעגאַנגען צום רבין דער חתן, די כלה און אַלע מחותנים, אין זייער שפּיץ דער „חידושי הרי״ם״, כּדי ער זאָל בענטשן דעם זוג פאַר דער חופּה. דער רבי האָט אַזוי געטהון. דערנאָך האָט ער געזאָגט צום „חידושי הרי״ם״ און צו זיין זוהן ר׳ אַברהם מרדכי׳ן, אַז ער וויל זיין מסדר קידושין, דעריבער זאָלען זיי זיך צואיילען, מאַכען די אַלע נייטיגע הכנות און געהען בעצייטענס צו דער חופּה און ער וועט אויך באַלד צו זיי נאָכקומען.

אין משך פון אַ שעה זענען אַלע שוין געשטאַנען גרייט בײַ דער חופּה, וועלכע איז געשטעלט געוואָרען אויפ׳ן הויף נאָהנט בײַם רבינס פענסטער. אַלע פערזאַמעלטע געסט זענען געווען זיכער, אַז ווען דער רבי וועט הערען דאָס שפּילען פון כּלי־זמרים, דאַמאָלס ווען מען וועט פיהרען חתן־כלה צו דער חופּה, וועט ער אויך אַרויסקומען, כּדי מסדר־קידושין צו זיין. ס׳זענען אָבער פערבײַ געגאַנגען עטליכע שעה, דער עולם איז גע־שטאַנען און געפרוירען געוואָרען און געוואַרט אומגעדולדיג אויפ׳ן רבין. ענדליך האָט זיך געעפענט דעם רבינס טהיר און ער איז געקומען צו דער חופּה און ר׳האָט מסדר קידושין געוועז.

דערנאָך ווען דער רבי איז צוריקגעגאַנגען אין זיין היכל־קודש אַריין, זענען איהם נאָכגעגאַנגען דער חידושי הרי״ם, זיין זוהן אדמו״ר ר׳ דוד, אדמו״ר ר׳ העניך הכהן, דער שפּעטערער אַלכּסנדרער רבי, זיין מחותן ר׳ הירשלי דישקעס און עטליכע חשובע חסידים, וועלכע האָבען איהם גע־ווינשען מזל טוב. דאַן האָט ער געווינקען צו זיי, אַז זיי זאָלען אַרויסגעהן. ס׳זענען בלויז בײַ איהם געבליבען דער „חידושי הרי״ם״ און זיין זוהן ר׳ דוד. צו זיי האָט דער רבי געזאָגט: „אייך איז דאָך אַ ודאי אַ חידוש, פאַרוואָס ס׳האָט אַזוי לאַנג געדויערט ביז כ׳בין געקומען צו דער חופּה. כ׳וועל אייך זאָגען די אורזאַך דערפון: היינט האָב איך פערבעטען מיין טייערן פריינד, ר׳ יצחק וואָרקער, ער זאָל קומען צו מיין שמחה. איז ער אָנגעקומען פאַר דער חופּה. פון אָט אַזאַ חבר האָב איך מיך נישט געקאָנט שיידען אַזוי לאַנג ווי ער איז דאָ געוועז״ א).

ד. ר׳ אַברהם מרדכי, דער איינציגער זוהן וואָס איז געבליבען דעם „חידושי הרי״ם״ פון זיינע 13 קינדער, איז אין זעקסטען חודש נאָך ר׳ בנימין׳ס חתונה נפטר געוואָרען. אַזוי אַרום האָט ר׳ בנימין געמוזט וואוינען אין קאָצק, וואו ער האָט עוסק געווען אין תורה און חסידות אונטער דער השגחה און השפּעה פון זיין גרויסען פאָטער. ר׳ בנימין האָט קונה שלמות געווען און האָט גע׳שמט אַלס אַ גרויסער חסיד. אַ סך חסידים האָבען איהם געהאַלטען אַלס אַ צוקונפטיגען רבי פון חסידים.

ווען דער קאָצקער רבי איז נסתּלק געוואָרען, האָט ר׳ בנימין זיך בעהאַפטען אַלס חסיד צום „חידושי הרי״ם״, כאָטש אין קאָצק האָט געוואוינט זיין עלסטער ברודער ר׳ דוד, וואָס האָט געפיהרט ראַביסטווע. אדמו״ר ר׳ יצחק מאיר, וואָס האָט אָנגעצויגען צו זיך דעם גרעסטען טייל פון קאָצקער

---

א) פאיר עיני הגולה ח״ב אות תכ״ח—תל״ב.

עולם, האָט אויך אָנגעצויגען די נאָהנטע קרובים פון קאָצקער רבין: זיינע איידעמס און זיינע זיהן. ס'האָט טאַקי געהערשט צווישען ר' דוד'ן און זיינע דערמאָנטע קרובים אַ פירוד הלבבות.

ס'זענען געדרוקט געוואָרען פון ר' בנימין'ען עטליכע בריף צו זיינט אַ גוטען פריינד א), וואָס טהון איהם אין אַ געוויסער מאָס כאַראַקטעריזירען. ער שרייבט אין יאָהר תרכ"א יום ד' לסדר וירא צוו. אַנד.: „גלויב מיר מיין פריינד, אַז כ'האָב קיין צייט נישט געהאַט דיר צו שרייבען אַ בריף, וואָרום אפילו צו מיין ברודער משה קיין גור האָב איך אויך נאָך קיין בריף נישט געשריבען זייט דער צייט וואָס איך בין אַהיים געקומען, נאָר נאָכדעם וואָס כ'האָב געהערט פון אדמו"ר שליט"א פאָלגענדע ווערטער: „צו קריגען אַ גוטען פריינד, מעג מען זיך אפילו פאַרלייגען דערויף". האָב איך מיר געלערנט אַ קל-וחומר, מה-דאָך צו קריגען אַ נייעם פריינד איז אַזוי, מכל-שכן נאָך צו דערהאַלטען אַ פריינד פון פריהער".

אין יאָהר תרכ"ב שרייבט ער צו דעמזעלביגען פריינד צוו. אַנד.: „שוין לאַנג האָב איך דיר געוואָלט שרייבען פריינדשאַפטליכע ווערטער, אָבער כ'האָב עס אויפגעשיעבט פון טאָג צו טאָג צוליב די טרדות פון לערנען, פון חסידות און פון מסחרים, וואָרום איצט טהו איך מיך אויך אַביסל בעשעפטיגען מיט מסחר". נאָכדעם ער שרייבט איהם אַ טיעפע תורה, וועלכע ער האָט געהערט פון זיין רבין, דעם „חידושי הרי"ם", שרייבט ער ווייטער: מיין פריינד! ווען כ'וואָלט געזעהן אימשטאַנד אויסצודריקען מיינע ווערטער אויפ'ן פאַפיער. וואָלט איך דיר געשריבען פיעל תורות, וועלכע איך האָב געהערט אין די לעצטע שבתים נאָך יום-טוב. גלויב מיר, אַז שוין אַ לאַנגע צייט האָב איך אַזעלכע תורות וואָס געהען אין הארץ אַריין נישט געהערט, נאָר כ'בין ווי אַ שטימער, ווען ס'האַלט אויסצודריקען מיינע ווערטער אויפ'ן פאַפיער. כ'האָף, דיך צו זעהען און מיט דיר צו רעדען, „וואָרום שוין לאַנג האָב איך דיר דערצעהלט, אַז דאָ בין איך איינזאַם, כ'האָב נישט קיין מענש, מיט וועלכען, כ'זאָל קענען רעדען, און איצט איז דער פאַל נאָך מעהר" ב).

אין קאָצק האָט ר' בנימין געהאַט זעהר אַ גרויסען ברודער, וואָס האָט, ווי דערמאָנט, געפיהרט ראַביסטוואָ, און אויך זעהער חשובע ברידערן-זיהן, און דאָך האָט ער נישט געהאַט מיט וועמען צו רעדען — צוליב אומאיינינ-קייטען בנוגע חסידות און ירושה-אַנגעלעגענהייטען, טראָצדעם וואָס דער „חידושי הרי"ם" האָט דערויף אַכטונג געגעבען, אַז ס'זאָל הערשען שלום און פריינטשאַפט צווישען די קינדער פון קאָצקער רבין פון זיווג שני און צווישען זייער עלטסטען ברודער, אדמו"ר ר' דוד, און ער אַליין האָט איינגעטיילט צווישען זיי דעם עזבון פון זייער פאָטער ג).

ד. אין ווינטער פון יאָהר תרכ"ו איז ר' בנימין שווער קראַנק געוואָרען.

---

א) אין סוף פון „מאיר עיני הגולה". ב) אָט דאָס איז זיין לשון: „לו יש בידי ובכחי לדבר על הכתב, כי עתה כתבתי לך תורות אשר שמעתי באלה השבתים אחר החג. תאמין לי אשר זמן רב לא שמעתי דברים כמו אלה, אשר יכנסו בכל חדרי בטן אך הלא כאלם לא יפתח פיו אנכי על הכתב, ואצפה לראותך פה אל פה כי עתה פה אין לי עם שום ב"א לדבר, כי זה כבר ספרתי אשר אני בביתי ביחידות ואין לי עם מי לדבר וכעת עוד יותר". ג) מאיר עיני הגולה ח"ב.

ער איז נעמליך געקומען צו פאָהרען פון גור, וואו ער איז עטליכע וואָכען געזעסען אַלס חסיד, און איז באַלד בעהאַפטען געוואָרען מיט אַ קראַנקהייט. ס׳זעהט אויס, אַז אַהיימפאָרענדיג פון גור, ווען ס׳איז געווען זעהר אַ קאַלט וועטער, האָט ער זיך פערקיהלט. עטליכע טעג איז ער קראַנק געלעגען. קאַצקער דאָקטוירים האָבען איהם קיין היילונג נישט געקאָנט געבען און שבת האָט ער זיין הייליגע נשמה אויסגעהויכט אין עלטער פון 27 יאָהר. ווען זיין עלטערשוועהר, דער „חידושי הרי״ם״, איז געוואויר געוואָרען פון אָט דעם אומגליק, האָט ער געזאָגט: „ווען דער קדוש ר׳ פרץ פון פשיסחא איז נפטר געוואָרען, האָט דער „יוד הקדוש״ געזאָגט: אין הימעל איז געווען קלאָר, אַז אויב ר׳ פרץ וועט פיהרען ראַביסטווע, וועט ער ממש אַלע יודישע הערצער צוביינען צום הימעל. דעריבער האָט מען איהם פריהער אַוועקגענומען פון דער וועלט״ א). דאָס האָט דער גרויסער צדיק ר׳ יצחק מאיר ז״ל אויך געוואָלט זאָגען אויף ר׳ בנימין׳ען. אַזוי שטאַרק האָט ער פון איהם געהאַלטען.

פיעל חסידים האָבען איהם אויך אַזוי בעטרויערט, זייענדיג אין דער האָפנונג, אַז אַמאָל וועט ער זיין זייער רבי. אין דעמזעלביגען ווינטער איז דער „חידושי הרי״ם״ אויך נפטר געוואָרען. ס׳איז קיין ספק נישט, אַז אויב דאַמאָלס וואָלט ר׳ בנימין געלעבט, וואָלט ער איבערנומען אַ גרויסען טייל פון זיין עולם. מ׳האָט זיך אָבער אין הימעל מקדים געווען און איהם פריהער צוגענומען. מען האָט איהם געגעבען אַ „קרקע״ אינם אוהל פון זיין גרויסען פאָטער.

ר׳ בנימין האָט איבערגעלאָזט 2 זיהן, אברהם מרדכי און ישראל לייב. דער ערשטער איז נפטר געוואָרען זייענדיג נאָך אַ בחור און ר׳ ישראל לייב איז געווען אַ תלמיד חכם און אַ חסיד, איבערגעגעבען כל ימיו צו תורה און חסידות. ווען ר׳ בנימין וואָלט מאריך ימים געווען און געפיהרט ראַביסטווע, וואָלט אַוודאי ר׳ ישראל לייבעל גע׳ירשנט זיין שטוהל. ס׳איז אָבער אַנדערש געוואָרען. יעדענפאַלס איז ר׳ ישראל לייבעל אויך געווען אַ גרויסער חשוב ביי חסידים. ר׳ ישראל לייבעלי האָט איבערגעלאָזט צעהן חשובע קינדער: 1) ר׳ בנימין ע״ה (לאָדז). 2) ר׳ מנחם מענדיל. 3) ר׳ מאיר. 4) ר׳ אברהם מרדכי (וואַרשא). 5) ר׳ גבריאל (אַלכסנדר). 6) ר׳ פינחס. 7) ר׳ נתן (לאָדז). 8) יוטא די פרוי פון ר׳ חיים אהרן אַראָנאָוויץ. 9) ר׳ העניך. 10) ר׳ משה חיים מאָרגענשטערן (בעלכאַטאָוו). פון זיי אַלע זענען אַרויסגעקומען חשובע משפחות.

---

## כא. דער קאַצקער רבי און זיין יונגסטער זוהן ר׳ משה ירוחם.

א. אין יאָהר תר״א אָדער תחלת תר״ב האָט די קאַצקער רביצין ווידער געבוירען אַ זוהן, שוין דעם בן־זקונים ביים רבין. דער רבי האָט איהם

---

א) מאיר עיני הגולה אות תרצ״ג.

אַ נאָמען געגעבען „משה ירוחם". משה נאָך זיין שוועהר, ר' משה חלפן, ווי די רביצין, די מוטער זיינע, האָט פערלאַנגט, און ירוחם — נאָך דעם בעוואוסטען גאון „רבינו ירוחם". (געוועזן אַ תּלמיד פונם רא"ש און האָט מחבר געווען די ספרים „אדם וחוה" און „ספר מישרים"). דער מגיד פונם „בית יוסף" האָט איהם גערופען „ירוחם טמירי". (שם הגדולים לחיד"א).

משה'לע, ווי מ'האָט איהם גערופען, איז אויך געווען, ווי זיין ברודער בנימין, זעהר אַ טייער קינד, אַ „קדוש מרחם", און איז דערצויגען געוואָרען אונטער דער השגחה פון זיין גרויסען פאָטער צו חסידות און קדושה. דער סאָכאַטשאָווער רבי ז"ל האָט אַמאָל אויף איהם געזאָגט, אַז ער איז געווען אַן „עולה תמימה" [א]. דער קאָצקער רבי ז"ל האָט אויף איהם געזאָגט, אַז ער איז אַ בעהאַלטען יודעל [ב].

ב. ווען ס'האָט געהאַלטען ביים טהון אַ שידוך מיט משה'לען, זענען אויף איהם געווען פיעל בעלנים. גרויסע לייט האָבען חשק געהאַט, איהם צו נעמען פאַר אַ חתן. צווישען זיי אויך דער בעוואוסטער גביר ר' איטשע בלאָס פון גור (Góra-Kalwaria), וואָס איז געווען אַ קאָצקער חסיד. פיעל ענערגיע האָט ער אָנגעווענדעט, כדי אָט דעם ציעל זיינעם צו דערגרייכען. מורא האָבענדיג, אַז טאָמער וועט דער קאָצקער רבי נישט וועלען טהון דעם שידוך דערפאַר, וואָס ער איז נישט קיין תּלמיד־חכם, האָט ער זיך געווענדעט צו ר' הירש טאָמאַשאָווערן מיט פאָלגענדע פראַגע: „וואָס וועל איך טהון, אויב דער רבי וועט מיך פרעגען, צו איך קאָן עפּעס לערנען?" „זאָלסטו איהם ענטפערען", האָט ר' הירש געזאָגט, „אויב כ'וועל זיין אייער מחותּן, וועל איך לערנען אויך קענען" [ג].

אָבער דער קאָצקער רבי האָט איהם אַוודאי דאָס גאָר נישט געפרעגט. מסתּמא האָט ער געוואוסט, ווי ווייט זיין למדנות דערגרייכט. דאָך האָט דער רבי איינגעוויליגט, זיך מיט איהם משדך צו זיין, מיט דער מאָטיווירונג, ווי מען דערצעהלט אין דער משפחה [ד]: „איטשע גערער איז אַ מוצלח, און ער פערלעגט זיך שטאַרק, דעם שידוך צו טהון, וויל איך איהם נישט קאַליע מאַכען". דער שידוך פון ר' משה ירוחם'ן מיט דער טאָכטער פון ר' איטשע בלאָסען, מרים רעכיל, וואָס איז געווען אַ צנועה און אַ זעלטענע יפת־תּואר, איז טאַקי אויסגעפיהרט געוואָרען. די תּנאים זענען געשריבען און געפייערט געוואָרען אין קאָצק. דער רבי איז אויך געקומען צו דער סעודה און איז צוזאַמען געזעסען מיט די מחותּנים.

אָבער אינם חתונה־טאָג זייערן האָט דער רבי אַרויסגעוויזען אַ געוויסע גלייכגילטיגקייט צו דער שמחה [ה]. אַ גאַנצען טאָג ביז ס'איז נאַכט געוואָרען

---

א) אַזוי שרייבט מיר דער סאָקאָלאָווער רבי שליט"א. ב) דער סאָכאַטשאָווער רבי שליט"א האָט מיר געזאָגט, אַז דאָס איז געווען דערפאַר, וואָס דער מגיד פון „בית יוסף" האָט גערופען דעם גאון רבינו ירוחם „טמירי", ד. ה. אַ נסתּר, אַ בעהאַלטענער, און ער האָט געהייסען נאָך איהם. ג) שיח שרפי קודש ח"ג. ד) געהערט פון הרה"ח ר' בנציון ליפשיץ נ"י. ה) הרב ר' מאיר באָרנשטיין ז"ל, אַ זוהן פון ביאַלער רב, האָט דערצעהלט, אַז דעם פאָטער זיינעם, ווען ער איז געקומען קיין קאָצק אויף אָט דער חתונה, האָט דער רבי געפרעגט: „מחותּן, די מחותּנת'טע איז אויך געקומען אויף דער חתונה"? „ניין", האָט ער געזאָגט, „דערפאַר וואָס זי מוז אין דערהיים זיין ביי די קינדער". „וואָסערע קינדער", האָט ער געזאָגט „מאיר'ל קאָן דאָך אויך קומען". באַלד האָט דער ביאַלער רב בעפוילען אַהיים און זיי זענען געקומען. מאיר'ל איז דעמאָלט אַלט געווען 6 יאָהר.

איז ער נעמליך נאָך אַרומגעגאַנגען אין די וואָכענדיגע מלבושים. ווען זיינע הויזמענשען האָבען איהם געפרעגט, פאַרוואָס ער טהוט זיך נישט אָן קיין בגדי יום־טוב, האָט ער געענטפערט מיט אַ געבייזער: „אויב איטשע גערער מאַכט חתונה זיין טאָכטער, מוז איך אָנטהון ס׳שטריימעלז״ א).

אָט דאָס איז געווען אַ שאַרפער, סאַרקאַסטישער אויסדרוק בנוגע צום דעם שידוך, צו וועלכען ער האָט, ווי דערמאָנט, מסכים געווען, אָבער נישט מיט פולקאָמענער צופרידענהייט. דער קאָצקער רבי האָט געקאָנט טיילמאָל אַזאַ בייסענדיג וואָרט אַרויסרעדען ב). אָבער ווען מען האָט דעם רבין געזאָגט, אַז מען איז גרייט צו געהן צו דער חופה, האָט ער געזאָגט, אַז ער וועט אויך קומען צו דער חופה, האָט דער עולם געמיינט, אַז ער וועט באַלד קומען. צוליב דעם האָט מען באַלד אָנגעטהון דעם חתן און געפיהרט מיט מוזיק צו דער חופה. אַלע מחותנים און געסט האָבען ביי דער חופה געוואַרט אויפ׳ן רבין מעהר ווי 2 שעה. דאַן איז דער „חידושי הרי״ם״ אַריינגעגאַנגען צום רבין און איהם געזאָגט, אַז מען וואַרט אויף איהם ביי דער חופה. דאַמאָלס איז ער געגאַנגען צו דער חופה, מן הסתם שוין אָנגעטהון אין בגדי שבת.

דער רבי, דערצעהלט מען, האָט דאַמאָלס געזאָגט צום „חידושי הרי״ם״: „וואָס קאָן איך טהון, איך זיך אריכות ימים פאַר מיין משה׳לען און איך געפין נישט״ ג).

ג. ר׳ משה ירוחם האָט געוואוינט אין גור ביי זיין רייכען שוועהר ר׳ איטשע בלאַס, וועלכער האָט איהם געגעבען פרנסה בריוח, ס׳האָט איהם נישט געפעהלט פון פויגעלמילך, און ער איז געזעסען על התורה ועל העבודה און האָט קונה שלמות געווען. נאָכ׳ן הסתלקות פון זיין פאָטער, דעם קאָצקער רבין, האָט ער זיך אָנגעשלאָסען אַלס חסיד צום „חידושי הרי״ם״. און נאָכ־דעם דער לעצטער האָט זיך בעזעצט אין גור, איז ר׳ משה ירוחם ביי איהם געווען אַ בן־בית, אָפט צו איהם אַריינגעקומען און ביי איהם געלערנט תורה און חסידות. דער „חידושי הרי״ם״ האָט איהם זעהר מכבד געווען און ליב געהאַט.

אין יאָהר תרכ״ו איז ר׳ משה ירוחם פלוצלונג קראַנק געוואָרען און די גערער דאָקטוירים, נישט פערשטעהענדיג וואָס זיין קרענק איז, האָבען איהם געראַטען צו פאָהרען קיין וואַרשא צו גרויסע דאָקטוירים. אָבער זיי האָבען אויך פעסטגעשטעלט דאָסזעלביגע וואָס די גורער דאָקטוירים, אַז זיי פער־שטעהען נישט וואָס די קרענק איז און אַז לויט זיין שוואַכקייט דראָהט

---

א) מאיר עיני הגולה ח״ב תרי״ז. ב) הרב זלאָטניק שרייבט אין זיין דערמאָנטען פאַמפלעט, אַז דער קאָצקער רבי האָט דאַמאָלס געזאָגט: „ווען איטשע גאָרייער (ביי טאָמאַשאָוו) מאַכט חתונה זיין טאָכטער מוז איך מיך פרייען״. דאָס שרייבט איהם נאָך דער תל־אביבער מ ר פון „קוצק״ (קוצק 114). זייער טענדענץ איז צו בעווייזען, אַז דער קאָצקער רבי האָט געקוקט אויף דער וועלט מיט בטול און זיך דערווייטערט פון איהר. דאַריבער האָבען זיי פערענדערט זיין לשון. זיי האָבען אָבער נישט פערשטאַנען זיין שאַרפען קאָצקערישען דיבור. והראיה, אויף די חתונות פון זיינע אַנדערע קינדער און אייניקלעך, וועלכע זענען פאָרגעקומען פאַר און נאָך ר׳ משה׳לעס חתונה, האָט ער נישט אַזוי געזאָגט. ג) מאיר עיני הגולה, דאָרט.

זיין לעבען אַ געפאַהר. און אין עטליכע טעג אַרום, אין אַ שבת׳דיגען טאָג, האָט דער יונגער צדיק זיין הייליגע נשמה אויסגעהויכט.

ווען דער „חידושי הרי״ם״ האָט דערהערט וועגען אָט דעם אומגליק, האָט ער געזאָגט: „וואָס קענען מיר טהון, אַז דער קאָצקער רבי וויל דווקא געהן שפּאַצירען מיט זיינע קינדער און זיינע פריינט אין גן עדן״. דערביי האָט ער מוסיף געווען: „ר׳ משה ירוחם איז געווען אַן אויסגעהאָרעוועטער יוד, אַ צדיק יסוד עולם א)."

ד. די וואַרשעווער חברה קדושה האָט פערלאַנגט פון זיין רייכען שוועהר, ר׳ איטשע בלאַס, אַ בעדייטענדע סומע אַלס קבורה-געלד. ר׳ איטשע, נישטוועלענדיג אויפהאַלטען די קבורה פון זיין גרויסען איידעם, האָט איינ-געלעגט די גאַנצע געפאָדערטע סומע מיטן בעדינג, אַז שפּעטער וועלען זיי זיך אויסגלייכען דורך דער פערמיטלונג פון אַנדערע מענשען. ווען דער „חידושי הרי״ם״ האָט שפּעטער וועגען דעם געלד-סכסוך געהערט, האָט ער געשריבען צו די וואַרשעווער דאַזאָרעס, ר׳ מאיר יאָנגהערץ און ר׳ ישעיה פריוועס, אַ בריף מיט פאָלגענדען אינהאַלט:

וועגען קבורה-געלד פון הרב המופלג החסיד המנוח ר׳ משה ז״ל וואונדערט מיך, פאַרוואָס איהר טהוט עס אַזוי בעשווערען. ס׳איז בעקאַנט, אַז בעת זיין קרענק און דערנאָך זענען צוטיילט געוואָרען אויף צדקה-זאַכען אַ סך טויזענדער רובעלס, אפשר מעהר וויפיל זיי האָבען פערמאָגט, און די אַלמנה איז געבליבען פערלאָזט מיט 4 קינדער. און ווען גאָר זיין שוועהר ר׳ איטשע בלאַס איז אַ גביר, איז ער נישט מחויב צו געבען פאַר זיין איידעם קבורה-געלד. און וועט אַוודאי גאָר נישט געבען. און דער נפטר איז געווען אַ מופלג בתורה און מלא מדות טובות ויראת שמים, און ס׳איז אַ כבוד פאַר דער שטאָט, אַז אַזעלכע מענשען ווי ער, ווערען דאָרט נקבר. און ס׳איז דען דערהערט געוואָרען, מען זאָל ביי אַזעלכע מענשען אַזוי שווער מאַכען. דאַריבער איז מיין דעה, אַז 150 רובעל איז גענוג. און איהר זאָלט רעדען מיט די אַנדערע דאַזאָרעס, אַז זיי זאָלען זיך נישט איינשפּאַרן, וואָרום דאָס איז נישט פאַר אייך קיין כבוד.

הק׳ יצחק מאיר.

ה. פון הרב הצדיק ר׳ משה ירוחם ז״ל זענען געבליבען 4 קינדער, 3 זיהן און 1 טאָכטער. איינער פון זיי איז געבוירען געוואָרען נאָך זיין פטירה און מען האָט איהם אַ נאָמען געגעבען משה ירוחם נאָך זיין פאָטער. זיי האָבען זיך גוט דערצויגען און זענען געוואָרען חשובע מענשען. 1) ר׳ מענדיל, וועלכער איז געווען אַן איידעם פון בעוואוסטען אָזאָרקאָווער גביר און חסיד ר׳ חיים ליפשיץ, וואָס האָט גענומען אַלס זיווג שני מרים רעכלען, די אַלמנה פון הרב ר׳ משה ירוחם׳ן. 2) ר׳ לייבעל, וואָס איז געווען אַן איידעם פון ר׳ בונם יוסטמאַן. 3) ר׳ משה ירוחם, וואָס איז געווען אַן איידעם פון ר׳ יצחק יאַקובאָוויץ. 4) אסתר, וואָס איז געווען די פרוי פון ר׳ מענדיל, אַ זוהן פון בעוואוסטען חסיד ת״ח און גביר ר׳ איטשע

---

א) מאיר עיני הגולה ח״ב תרי״ז.

יאָסקאָוויץ אין לאָדז. ר׳ לייבעל און ר׳ משה ירוחם זענען געווען קינדערלאָזע און פון די אַנדערע צוויי זענען אַרויסגעקומען חשובע משפחות.

ו. אָט דער טראַגישער פאַקט, אַז אין משך פון אַ קורצער צייט זענען די צוויי גרויסע זיהן פון קאָצקער רבין, ר׳ בנימין און ר׳ משה ירוחם, אין בליהענדען עלטער פון עטליכע צוואַנציג יאָהר, נפטר געוואָרען, האָט אַרויסגערופען דערשטוינען ביי דער וועלט. מען האָט נעמליך נאָכגעקלעהרט, פאַרוואָס זענען די צוויי יונגע צדיקים, וואָס זענען געווען פון אַזאַ הייליגען אָבשטאַם און האָבען געגעבען די האָפנונג, אַז זיי וועלען זיין לייכטענדע שטערען פאַר טויזענדער יודען, פאַרוואָס זענען זיי אַזוי פריהצייטיג אַוועקגעריסען געוואָרען פון דער וועלט?

וואָס דער „חידושי הרי״ם״ האָט דאַרויף געזאָגט, האָבען מיר שוין אויבען דערמאָנט, ס׳זענען אָבער געווען פון אדמו״ר ר׳ דודס חסידים, וואָס האָבען אָט די טראַגישע דערשיינונג אַנדערש דערקלערט, זיי האָבען נעמליך געזאָגט, אַז דער חטא זייערער איז בעשטאַנען אין דעם, וואָס זיי האָבען נישט פולקאָם מקיים געווען די מצוה פון כבוד אב, לויט ווי די גמרא דרש׳נט דעם פסוק כבד את אביך ואת אמך לרבות אחיך הגדול (כתובות ק״ג), אַז אַן עלטערן ברודער איז מען מחויב מכבד צו זיין מכח כיבוד אב, ביי וועלכער מצוה ס׳שטעהט „למען יאריכון ימיך״, און זיי, די יונגע צדיקים, האָבען זיך געהאַלטען פון דערווייטענס פון זייער עלטערן גרויסען ברודער אדמו״ר ר׳ דוד ז״ל, וועלכער האָט ממלא־מקום געווען זייער פאָטער אין קאָצק, וועלכעס ס׳האָט איהם גורם געווען אַ פחיתות הכבוד, אַ חלישות הדעת. טייל חסידים זענען נעמליך געווען אין אָט אַזאַ מיינונג, וואָס דאַרף נישט פערהוילען ווערען. דער פאַל קומט מיר אַזוי פאָר, ווי די חכמי ישראל האָבען אַמאָל פערשיעדענאַרטיג דערקלערט דעם סוד, פאַרוואָס האָבען די 2 גרויסע זיהן פון אהרן הכהן, נדב און אביהו, געפינען אַזאַ טראַגישען טויט. מיר אָבער ברויכען וועגען דעם נישט צו טראַכטען, ווי די גמרא זאָגט (ברכות י׳): בהדי כבשי דרחמנא למה לך. (וואָס טויג דיר צו טראַכטען וועגען די געהיימנישען פון אייבערשטען).

---

## כב. דער צווייטער קאָצקער רבי אדמו״ר ר׳ דוד ז״ל.

א. אין יאָהר תקס״ט א) איז אדמו״ר ר׳ מנחם מענדלין געבוירען געוואָרען אַ זוהן. מען האָט איהם אַ נאָמען געגעבען דוד. צוויי עלטערזיידעס זיינע האָבען נעמליך אַזוי געהייסען: פון פאָטערס זייט דער גאון ר׳ דוד היילפּרין און פון מוטערס זייט דער חשובער יוד ר׳ דוד סג״ל פון גוריי. דוד איז דערצויגען געוואָרען אין טאָמאַשאָוו אינם הויז פון זיינע חשובע עלטערן, וואָס איז געווען אַ הויז פון תורה, חסידות און קדושה. טאָמאַשאָוו איז געווען אַ מקום תורה, דאָרט זענען אָודאי פאַרהאַן געווען גרויסע תלמידי־חכמים,

---

א) דאָס זעהט אויס דערפון, וואָס ער איז נפטר געוואָרען אין יאָהר תרל״ג אין עלטער פון 64 יאָהר.

ביי וועלכע דוד האָט געלערנט פיעל תּורה, מן-הסתם האָט איהם זיין גרויסער פאָטער אויך פיעל געלערנט און אויף איהם פיעל משפיע געווען. קינדס׳ווייז איז ער שוין געווען אויסגעצייכענט מיט מעלות טובות, אַזוי אַז זיין פאָטער האָט אויף איהם געזאָגט, ווי דערמאָנט, אַז ער וועט אַמאָל זיין אַ ראש און אַ חשוב א). אדמו״ר ר׳ מענדיל האָט איהם זעהר חשוב געהאַלטען. ער פלעגט נעמליך אויף איהם תּמיד זאָגען: „מיין ר׳ דוד׳ל״.

מיט דער צוהילף פון רבין ר׳ בונם איז ר׳ דוד געוואָרען אַ חתן מיט דער בתולה חיה טויבע, די טאָכטער פון בעוואוסטען גרויסען חסיד, גביר און תּלמיד חכם ר׳ הערשילי גרינוואַלד פון אָפּאָטשנא וועלכען מען האָט גערופען ר׳ הירשילי דישקעס. אַודאי דערפאַר, וואָס זיין פרוי אָדער זיין שוויגער, וואָס האָט געהייסען דישקע, איז געווען אַ בעקאַנטע אשת חיל, ווען אדמו״ר ר׳ מענדיל איז געפאָהרען קיין פשיסחא צום רבין, פלעגט ער מיטנעמען זיין ר׳ דודלען, כּדי איהם מחנך צו זיין אינם וועג פון חסידות. דאָרט האָט איהם געזעהען דער מפורסמדיקער פשיסחער חסיד ר׳ הירשילי דישקעס און ער האָט איהם געפאַלען, אַזוי אַז ער האָט געוואָלט איהם נעמען אַלס אַ חתן פאַר זיין טאָכטער. דער רבי ר׳ בונם האָט געגעבען זיין הסכּמה צום שידוך. אָבער חיה טויבע די טאָכטער זיינע, האָט דעם שידוך נישט געוואָלט, מיט דער מאָטיווירונג, אַז דער מחותּן, אדמו״ר ר׳ מענדיל, איז אַ גרויסער אָרימאַן. דאַמאָלס האָט ר׳ הירשילי מיטגענומען זיין טאָכטער קיין פשיסחא, כּדי דער רבי ר׳ בונם זאָל זי צורעדען צום שידוך. דער צדיק האָט אַזוי געטהון. ער האָט איהר נעמליך געזאָגט: „גלויב מיר, אַז איך זאָרג פאַר דיר, פונקט אַזוי ווי פאַר מיין קינד, און איך זאָג דיר אַז דער שידוך איז גוט״. דאַן איז דער שידוך צושטאַנד געקומען. אַזוי דערצעהלט מען אין דער משפחה.

ב. ר׳ הערשילי דישקעס, איז געווען, ווי דערמאָנט, אַ גרויסער חסיד און אַן עושר, געהאַט אין אָפּאָטשנא אַ וויינשענק, וואו זיין פרוי און קינדער האָבען געפיהרט ס׳געשעפט, בעת ער איז געזעסען על התּורה ועל העבודה. אַמאָל, דערצעהלט מען, האָט ער צוגעשטעלט ראַניצעס פאַרן רוסישען מיליטער, פון וועלכען ער איז נתעשר געוואָרען.

דער קאָבּאַראָווקער רב, ר׳ יחיאל משה, אַן אייניקעל פון ר׳ הערשילי דישקעס, ברענגט אין זיין ספר „נפלאות חדשות״ חסידישע תּורות אין נאָמען פון אָט דעם זיידען זיינעם. ער דערצעהלט צוו. אַנד.: ר׳ הערשילי האָט אַמאָל, פאָהרענדיג צוזאַמען מיט אַ יונגענמאַן, דעמזעלביגען געפרעגט: „ביזט עפּעס אַ חסיד?״ „הלוואי זאָל איך זיין אַ פשוטער יוד״, האָט דער יונגערמאַן געענטפערט. דאַרויף האָט איהם ר׳ הערשילי געזאָגט: „אין מיין יוגענד, ווען כ׳בין געפאָהרען צום רבין פון לובלין, האָב איך געוואָלט זיין אַזוי גרויס ווי דער בעש״ט איז געווען. אָבער ווען דו פערלאַנגסט בלויז צו זיין אַ פשוטער יוד, וועסטו אפילו אַ פשוטער יוד אויך נישט זיין״.

דער גאון ר׳ יוסף לעווענשטיין שרייבט אין זיין ספר „דור דור ודורשיו״: „הרב הצדיק ר׳ הערשיל דישקעס נפטר ט״ז אלול תרט״ז״. אויף זיין קבר איז געשטעלט געוואָרען אַ קליין „אוהל״.

---

א) שיח שרפי קודש ח״ג עמוד 9.

ג. אין יאָהר תקפ"ז, ח' אלול, פרייטאג, איז פאָרגעקומען אין פשיסחא די חתונה פון ר' דוד'ן און חיה טויבען. כאַראַקטעריסטיש איז דער פאַקט א), אַז אָט די חתונה איז נישט פאָרגעקומען אין דער וואוינשטאָט פון דער כלה, ווי דער שטייגער איז, נאָר דאָרט, וואו דער רבי פון די מחותנים האָט געוואוינט. דאָס איז אַודאי געשעהען דערפאַר, וואָס דער פשיסחער רבי איז דאַמאָלס געפעהרליך קראַנק געווען, אַזוי אַז פאָהרען אויף דער חתונה איז איהם קיין מעגליכקייט נישט געווען, און מאַכען די חתונה אין זיין אָבוועזענהייט, האָבען זיי אויך נישט געקאָנט. זיי זענען דאָך געווען זעהר צוגעבונדען צו זייער גרויסען פשיסחער רבין, וואָס האָט, ווי דערמאָנט, גע-זאָרגט בנוגע אַ שידוך פאַר דער כלה פונקט אַזוי ווי ער האָט געזאָרגט פאַר זיין קינד און דורך זיין צורעדען איז דער שידוך צושטאַנד געקומען. דעריבער טאַקי האָבען זיי געמאַכט די חתונה אין פשיסחא. אָבער זונטאג נאָך דער חתונה, זענען זיי מיטן רשות פונם רבין, געפאָהרען קיין אָפּאָטשנא, כדי דאָרט אָבצוהאַלטען די „שבעת ימי המשתה", און דינסטאג, י"ב אלול, איז דער פשיסחער רבי נפטר געוואָרען. ווען אדמו"ר ר' מענדיל האָט דאָס דערהערט, איז ער באַלד צוריק געפאָהרען קיין פשיסחא, כדי דאָרט מתאבל צו זיין אויף זיין גרויסען רבין. ער איז, ווי מען דערצעהלט, אַריינגעגאַנגען אין דער שטוב, וואו ער האָט אויסגעהויכט זיין הייליגע נשמה און האָט זיך דאָרט לאַנג אויפגעהאַלטען, וואָס דערמיט, האָט ער געזאָגט, איז ער מקיים „הלוית המת" ב).

באַלד דערנאָך איז אדמו"ר ר' מענדיל, ווי דערמאָנט, געקרוינט געוואָרען אַלס אַ רבי פון חסידים און האָט אָנגעהויבען פיהרען ראַבּיסטווא אין טאָמאַשאָוו. אָבער זיין ר' דוד'ל, זעהט אויס, איז נישט באַלד מיטגעפאָהרען קיין טאָמאַשאָוו, נאָר איז געבליבען וואוינען ביי זיין שוועהר ר' הערשילי דישקעס, און אין משך פון איבער אַ יאָהר צייט, אַזוי לאַנג ווי אדמו"ר ר' מענדיל האָט געפיהרט ראַבּיסטווא אין טאָמאַשאָוו, וואו ער האָט געליטען פון אָרימקייט און רדיפות, האָט אדמו"ר ר' דוד זיך מן-הסתם נישט דאָרט בעזעצט. אָבער נאָכדעם ווי אדמו"ר ר' מענדיל האָט געמאַכט קאָצק אַלס זיין רעזידענץ, האָט אדמו"ר ר' דוד זיך אויך געצויגען קיין קאָצק, און געלעבט אונטער דער השגחה און השפעה פון זיין גרויסען פאָטער.

אין קאָצק האָט זיך אדמו"ר ר' דוד געמאַכט אַ געשעפט פון מאַנופאַקטור-סחורה, אָבער ריכטיגער, זיין אשת חיל, חיה טויבע, האָט זיך דאָס געשעפט געמאַכט, בעת ער, אדמו"ר ר' דוד, איז געזעסען על התורה ועל העבודה און עוסק געווען אין חסידות מיט'ן גאַנצען קאָצקער ברען. די רבנית, חיה טויבע, פלעגט פאָהרען קיין לאָדז, כדי איינצוקויפען מאַנופאַקטור-סחורה און צום פערקויפען איז זי אויך געווען זעהר טויגבאַר. דאָס געשעפט, וואָס האָט

---

א) כ'האָב געזעהן זייער כתובה, וואָס איז געשריבען געוואָרען אין פשיסחא, ביים קאָצקער רבינס אוראייניקעל ה' שלמה קאַכאַנסקי אין לאָדז. דאָס וואָס שטעהט אין „שיח שרפי קודש" ח"ג עמוד 15, אַז די חתונה איז פאָרגעקומען אין אָפּאָטשנא, שטימט נישט מיט דער ווירקליכקייט. ב) שיח שרפי קודש.

געבּרענגט פּרנסה בּריות, האָט פיעל יאָהרען עקזיסטירט און ס׳איז נאָך איבּערגעגאַנגען בּירושה צו זיין עלטסטען זוהן הרב ר׳ יושע ז״ל א).

ד. אין יאָהר תרי״ט כ״ב שבט האָט זיך אָנגעהויבּען פאַר אדמו״ר ר׳ דוד׳ן אַ נייע תּקופה. דאַמאָלס איז נעמליך נפטר געוואָרען זיין גרויסער פאָטער אדמו״ר ר׳ מנחם מענדיל און אויף איהם איז געפאַלען דער עול, צו זיין דער ממלא-מקום פון זיין פאָטער און אָנהויבּען פיהרען ראַבּיסטווע. ס׳איז איהם בּעשעהרט געווען צו זעהען, אַז דער גרעסטער טייל פון זיין פאָטערס עולם האָט זיך געוועהלט אַלס אַ רבּין דעם גרויסען גאון, דעם אַזוי-גערופענעם „חידושי הרי״ם". ס׳קאָן זיין, אַז ווען נישט אָט דער גאון, וואָלט דער גאַנצער עולם איהם, ר׳ דוד׳לען, דעם געליעבּטען זוהן פון זיין פאָטער, געקרוינט אַלס זייער רבּין, וואָרום ער האָט געהאַט אַלע מעלות, וואָס אַ רבּי דאַרף האָבּען, דערצו האָט איהם דער עולם ליעבּ געהאַט, ס׳איז אָבּער קעגען איהם געשטאַנען, דער גרעסטער חסיד פון זיין פאָטערס עולם, וועלכען שוין נאָכ׳ן רבּין ר׳ בּונמס פּטירה, האָט אַ היבּשער טייל פון פשיסחער עולם איהם פאָרגעצויגען צו ווערען זייער מנהיג, נאָר ער האָט נישט געוואָלט דעם כּבוד און האָט זיך אָנגעשלאָסען אַלס חסיד צו אדמו״ר ר׳ מענדלין. ווען ס׳זענען אָבּער געשטאַנען אויף די וואָגשאָל אָט די צוויי קדושים, אדמו״ר ר׳ איטשע מאיר און אדמו״ר ר׳ דוד, האָט דער ערשטער מכריע געווען. ס׳רוב חסידים האָבּען אָנגענומען זיין מָרות.

דאַמאָלס האָט אדמו״ר ר׳ יצחק מאיר געוואוינט אין ווארשא. אין פּסח פון תרי״ט האָבּען זיך בּיי איהם פערזאַמעלט אַ גרויסער עולם, ער האָט מיט זיי געגעסען צוזאַמען אַלע יום-טוב׳דיגע סעודות, האָט געפיהרט טיש, האָט זיי געזאָגט פיעל גרויסע תּורה-ווערטער, צו וועלכען זיי האָבּען שוין זייט 20 יאָהר נישט זוכה געווען. ער האָט זיי צוו. אַנד. געזאָגט:

„קיין רעבּעלי בּין איך נישט, געלד פערלאַנג איך נישט, מיין כּוונה איז נישט צוליבּ כּבוד, כ׳האָבּ איצט נישט מעהר מעלה, ווי בּיז אַהער, אָבּער דאָס איז מיין פערלאַנג, אַז די עטליכע יאָהר וואָס איך וועל דאָ זיין, זאָל איך קענען נייגען די הערצער פון יודען צום הימעל און אַריינבּרענגען אין זיי אַ בּיסל אמת, און דער, וועלכער זיין ווילען איז נישט דאָס, דעם בּעט איך, אַז ער זאָל צו מיר נישט קומען, וואָרום דער, וואָס קומט נאָר צו מיר צוליבּ מאַנגעל אין פּרנסה, אָדער קינדער אָדער געזונד, דעם איז פיעל בּעסער, ער זאָל פאָהרען צו אַנדערע רבּיים, אָבּער דער וואָס פיהלט, אַז ס׳פעהלט איהם עפּעס אין עבודת הבּורא און דאָס עג״נ דערקוטשעט איהם צו יודישקייט, אָט אַזאַ מענש קאָן בּיי מיר אין בּיידע זאַכען געהאָלפען ווערען" ב)..

דאָס פיהרען ראַבּיסטווע פונם „חידושי הרי״ם" איז געווען אַנדערש ווי דאָס פיהרען פונם קאָצקער רבּין. אָט דאָס האָט מען קלאָר געזעהען. בּעת דער לעצטער האָט גערעדט צו זיינע חסידים האַרטע שטרענגע דיבּורים, „דברים הקשים כגידין", האָט דער ערשטער גערעדט מיט ווייכקייט, מיט

---

א) געהערט פון זיין זוהן ר׳ משה מאָרגענשטערן ז״ל אין לאָדז. ב) מאיר עיני הגולה ח״ב אות תצ״ח.

ליעבשאַפט, ווי אַ באַרמהערציגער פאָטער רעדט צו זיינע קינדער. דער רבי פון אַלכסנדר אדמו״ר ר׳ העניך ז״ל האָט געזאָגט: „אויפ׳ן רבין ר׳ בונם זענען געווען 2 פירושים, דער רבי פון קאָצק און דער רבי פון גער״ א).

איינער פון די גרויסע קאָצקער חסידים האָט זיך בעקלאָגט פאַר׳ן „חידושי הרי״ם״, אַז איהם איז שווער צו פערנעמען זיין נייע הנהגה. דאַרויף האָט איהם דער צדיק גערנטפערט: „אַ רבי פון חסידים איז אַן הלכה, און ווען ס׳קומט אַן אַנדערער רבי, איז די הלכה ווי ער, נאָר מען דאַרף דאָס אַלטע גוט איינפּאַקען און ווען דאָס-אַלטע איז נישט גוט איינגעפּאַקט, געפעלט נישט דאָס נייע״ ב).

ה. דער „עולם״, וואָס איז געפאָהרען צום „חידושי הרי״ם״ האָט זיך באַלד שטאַרק פערגרעסערט, ס׳האָבען נעמליך אָנגעהויבען צו איהם פאָהרען פיעל „קעסט-יונגע-לייט״, וועלכע זייערע שווערס האָבען זיי, צוליב זייער התנגדות אויפ׳ן קאָצקער חסידות, נישט געלאָזט פאָהרען קיין קאָצק, און אויך — פיעל בעל-בתישע מענשען, בני תורה. אדמו״ר ר׳ יצחק מאיר האָט דאַן, איינזעהענדיג אַז ס׳טויג נישט פאַר יונגע לייט, זיך לאַנג אויפצוהאַלטען אין אַזאַ גרויסע שטאָדט ווי וואַרשא, אויסגעדריקט זיין ווילען, זיך צו בעזעצען אין אַ קליינע שטאָדט. פון פיעל קהלות איז מען, אַלזאָ, צו איהם געקומען און פאָרגעלעגט, אָנצונעמען זייער כסא-רבנות, ס׳איז איהם אָבער נישט געגאַנגען אין די אויערען אַריין, ווען מען האָט איהם אָבער אָנגעטראָגען דאָס רבנות פונם שטעטעל גור, (Góra-Kalwaria) האָט ער דערצו איינגעוויליגט, דערפאַר וואָס זיין פאָטער ר׳ ישראל איז כל ימיו דאָרט געווען אַ רב און דאָרט האָט ער געפונען זיין אייביגער מנוחה ג). פון דאַמאָלס אָן האָבען זיך די אַמאָליגע קאָצקער חסידים גערופען „גערער חסידים״ און זייערע בתי-תפילות — „גערער שטיבלעך״.

אָבער צו אדמו״ר ר׳ דוד׳ן האָט זיך אויך בעהאַפטען אַ היבשער עולם-חסידים, וועלכע האָבען שטאַרק פון איהם געהאַלטען. אין פיעל שטעדט און שטעדטלעך זענען נאָך געבליבען קאָצקער שטיבלעך. און אדמו״ר ר׳ דוד איז געגאַנגען אין די פוסטריט פון זיין גרויסען פאָטער ד) און האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה אויף זיינע חסידים. ביי זיי האָט נאָך דאָס אַלטע קאָצקער חסידות געבליהט. פונדעסטוועגען האָבען אויך די גרויסע אַמאָליגע קאָצקער חסידים, וועלכע זענען געפאָהרען קיין גער, שטאַרק געהאַלטען פון אדמו״ר ר׳ דוד׳ן און זענען ווייטער געבליבען זיינע גוטע פריינד, ווי מיר זעהען פון פאָלגענדען בריף, וואָס אדמו״ר ר׳ העניך הכהן האָט צו איהם געשריבען ה), שוין 8 יאָהר נאָך זיין פאָטערס פטירה, דאַמאָלס ווען ער אַליין האָט שוין געפיהרט ראַביסטווע אין אַלכסנדר.

---

א) מאיר ע״ה אות תפ״א. ב) דאָרט אות תפ״א. ג) דאָרט אות תקל״א. ד) אדמו״ר ר׳ דוד האָט, למשל, געזאָגט, אַז דאָס איז געווען דער חטא פון די מרגלים, וואָס זיי האָבען געזאָגט: ונהי בעינינו כחגבים וכן היינו בעיניהם (אַזוי זענען מיר געווען אין זייערע אויגען), וואָרום וואָס האָט זיי געדאַרפט אָנגעהן, ווי זיי זעהען אויס אין די אויגען פון אַנדערע מענשען! אָט דאָס איז, זיי אויבען דערמאָנט, דער דרך פון קאָצקער חסידות. ה) שיח שרפי קודש ח״א אות תרי״א.

ב״ה מוצש״ק כ״א שבט תרכ״ז לפ״ק אלכסנדר.

שלום לכבוד אהובי וידיד נפשי ולבבי מעולם ועד עולם ה״ה
הרב הגדול המהולל החו״ב צדיק בן צדיק החסיד מפורסם
מו״ה דוד שיחי׳ לאוי״ט.

בשכבר הימים לבי חפץ הומה להשתעש' במכתב ידידות עמו, לעורר אהבתנו אשר צמודים היינו, ות״ל לא רפתה רוחי מאז ועד עתה, ואקוה כי כן יהי׳ וכן יקום, לא ינתק ולא יעזב, ולא מצאה ידי עת נכון לזה עד היום קוינוהו מצאנוהו, הגיע התור נשואי נכדתי, בת בני מו״ה יחיאל אפרים פישל הכהן נ״י. הגד הוגד לי שגם לכבודו ערך מכתב להתערב בשמחתו, אבל לא ערב את לבו, לערוך אליו מכתב מיוחד, זולת מכתב קריאה לבד, כי ירא מגשת אליו. לכן מצאתי חפץ להשתעשע עמו במכתב הזה. אנא יגמלני טוב לפקדני ג״כ במכתב ידידות כמשפט אחים ורעים נאמנים אהובים כאשר היינו מעולם.

כ״ד ידידו הנאמן החפץ בבריתו דו״ש

הק׳ חנוך העניך הכהן.

זיבעו יאָהר האָט דער „חידושי הרי״ם״ געפיהרט ראַביסטווע, דאָס זעננען געווען „7 פעטע יאָהרען״, ווי גרערער חסידים האָבען זיי גערופען, דערפאַר וואָס אין יענער צייט איז געווען ביי אָט די חסידים אַ שפע, ס׳האָט נישט געפעהלט „בני חיי מזוני״ א), און אין יאָהר תרכ״ו כ״ג אדר איז ער נסתלק געוואָרען. דער גרעסטער טייל פון זיין עולם איז דאַן געפאָהרען צו אדמו״ר ר׳ העניך הכהן לעווין פון אלכסנדר און אַ גאַנץ קליינער טייל איז צוריק געפאָהרען קיין קאָצק צו אדמו״ר ר׳ דוד׳ן.

ו. אדמו״ר ר׳ דוד איז געווען, ווי גרויסע חסידים פערזיכערן, אַ „מעין המתגבר״, ער פלעגט זאָגען זעהר פיעל תורות, אָבער אויפגעשריבען האָט ער, ווי דערמאָנט, זיינע תורות נישט, כאָטש ער איז געווען אַ ספרא־רבא. דער דערמאָנטער מחבר פון „נפלאות חדשות״ ברענגט אין אָט דעם ספר אַ סך פון זיינע תורה־ווערטער. מיר ווילען דאָ עפעס פון זיי איבערגעבען: אויפ׳ן פסוק (שמות י״ח ו׳) „אני חותנך יתרו בא אליך״ זאָגט דער מדרש, אַז דער אייבערשטער אַליין איז געווען דער שליח צו משה׳ן. ס׳איז וואונדערליך, פון וואו האָט זיך דאָס דער מדרש געדרינגען? דאָס איז געדרינגען, האָט אדמו״ר ר׳ דוד געזאָגט, פונם וואָרט „אני״. ווען דער שליח וואָלט געווען אַן אַנדערער, האָט בלויז געדאַרפט שטעהן „חותנך יתרו בא אליך״, צוליב וואָס האָט ער געזאָגט אני? מוז זיין, אַז דער אייבערשטער אַליין איז געווען דער שליח, און זיין כוונה איז געווען: איך, וואָס כ׳האָב געזאָגט — און די וועלט איז בעשאַפען געוואָרען, זאָג דיר, אַז דיין שוועהר יתרו איז צו דיר געקומען, זאָלסט איהם נישט דערווייטערן, נאָר געה איהם אַנטגעגען.

אדמו״ר ר׳ דוד האָט נאָך געפרעגט לויטן דערמאָנטען מדרש, פאַרוואָס עפעס איז דער אייבערשטער אַליין געווען דער שליח? נאָר אין פסוק

---

א) מאיר עיני הגולה ח״ב אות תקכ״ו.

שטעהט, וישמע יתרו את כל אשר עשה ה׳ למשה ולישראל עמו (יתרו האָט געהערט אַלץ וואָס דער אייבערשטער האָט געטהון צו משה און צו זיין פאָלק ישראל) יתרו איז נעמליך אַרומגעגאַנגען מיט אַ צובראָכען האַרץ, טראַכטענדיג, ווי אַזוי וועט ער זיך בעהעפטען צום אייבערשטען, וויסענדיג, אַז ער האָט נישט אָבגעלאָזט קיין איינציגע עבודה-זרה, צו וועלכער ער זאָל נישט האָבען געדיענט. האָט ער, אַלזא, קיין שום עצה נישט געהאַט, נאָר, הערענדיג, אַלץ וואָס דער אייבערשטער האָט געטהון צו משה׳ן און צו זיין פאָלק ישראל, ד. ה. וואָס ער האָט תחלת געטהון צו משה׳ן און דערנאָך צו זיין פאָלק ישראל, אַז משה איז מקרב נפשות צום אייבערשטען, האָט יתרו גע-קלעהרט, אויב צום אייבערשטען אַליין קאָן ער זיך נישט מקרב זיין, וועט ער זיך מקרב זיין צו משה׳ן און צוליב איהם וועט ער זיך מקרב זיין צום אייבערשטען, אָט דעריבער איז דער אייבערשטער אַליין געווען דער שליח צו משה׳ן. —

דער מדרש זאָגט: כבוד חכמים ינחלו, כבוד גדול נתכבד יתרו באותה שעה וכו׳. דערויף האָט אדמו״ר ר׳ דוד געפרעגט, צדיקים פערלאַנגען עפעס כבוד, אַדרבא זיי אַנטלויפען דאָך פון כבודז נאָר דער פירוש איז פונם פסוק כבוד חכמים ינחלו, אַז די חכמים געבען אַנדערע כבוד און פרובען זיי, און דאָס אַלץ האָט משה געפרובט יתרו׳ן. —

אויפ׳ן פסוק (ויקרא י״ט) קדושים תהיו כי קדוש אני ה׳ אלקיכם האָט אדמו״ר ר׳ דוד געזאָגט: קדושה איז אַ לשון הזמנה, גרייטקייט, ד. ה. איהר זאָלט זיין גרייט, כי קדוש אני ה׳ דערפאַר וואָס איך בין אייביג גרייט, אייך צו העלפען, נאָר איהר זאָלט זיין גרייט מיט הייליגע מחשבות. —

אויפ׳ן פסוק (תהלים קי״ט) „חשבתי דרכי ואשיבה רגלי אל עדותיך״, האָט אדמו״ר ר׳ דוד געזאָגט: אַ מענש דאַרף זיך נישט אַזוי נידריג מאַכען און זאָגען, סאַרע ווערט האָבען מיינע מעשים, כ׳בין דאָך נאָר אַ בשר ודם, נאָר אַדרבא, דערפאַר וואָס איך בין נאָר אַ בשר ודם, איז אַלץ וואָס איך כהו דעם רצון פון אייבערשטען, זייער חשוב אין זיינע אויגען. און אָט דאָס וועט מיך פיהרען צו דיין תורה. —

דער מדרש זאָגט (פ׳ תבוא) ראה משה שבית המקדש עתיד ליחרב ובכורים עתידין לפסוק עמד והתקין שלש תפילות. (משה האָט געזעהען, אַז דאָס בית המקדש איז גרייט חרוב צו ווערען און די בכורים זענען גרייט אויפצוהערען, האָט ער פאַר זיי מתקן געווען דריי תפילות). דערויף האָט אדמו״ר ר׳ דוד געזאָגט: „דערפאַר וואָס די בכורים זענען גרייט אויפצוהערען, זעהט אויס אַז דאָס איז נישט קיין עיקר, וואָרום ווען זיי וואָלטען געווען אַן עיקר, וואָלטען זיי נישט אויפגעהערט, דעריבער האָט ער פאַר זיי מתקן געווען תפילה, ווייל דאָס איז געוויינליך צו יעדער צייט״. —

אויפ׳ן פסוק (פ׳ תבוא) „תחת אשר לא עבדת את ה׳ אלקיך בשמחה״, האָט אדמו״ר ר׳ דוד געפרעגט, צו דערפאַר וואָס ער האָט נישט געדיענט דעם אייבערשטען מיט שמחה, וועלען אויף איהם קומען די אַלע קללותז נאָר דער פשט איז האָט אדמו״ר ר׳ דוד געזאָגט, אַז ער האָט געהאַט דערפון שמחה, וואָס ער האָט נישט געדיענט דעם אייבערשטען. —

ו. אדמו״ר ר׳ דוד איז געווען אַן׳איש-צורה, הויך אין וואוקס און שטאַרק

געבוֹיעט. 14 יאָהר האָט ער געפיהרט ראַביסטווא און איז אין יאָהר תרל״ג כ״ב תמוז נפטר געוואָרען אין עלטער פון 64 יאָהר. זיין לעצטע קראַנקהייט איז געווען אסכרה (קרופּ) א).

פון איהם זענען געבליבען פאָלגענדע 11 קינדער, 4 זיהן און 7 טעכטער. 1) הרב ר׳ יעקב יושע, געווען אַן איידעם פון ר׳ משה מאָזעס (גרויס ביאַלע). ווען ער איז געוואָרען אַן אַלמן האָט ער גענומען אַ זיווג שני, די טאָכטער פון ר׳ לייבוש גינצבערג פון פילץ. 2) הרב ר׳ ישראל, געווען אַן איידעם פון ר׳ יצחק זעליג הלוי פרענקעל פון זגיערז. 3) הרב ר׳ צבי הירש, אַן איידעם פון ראַדזימינער רבי אדמו״ר ר׳ שלמה. 4) הרב ר׳ ברוך מרדכי, געווען אַן איידעם פון ר׳ משה יהושע בהאריער פון קאָסטאַנטין. 5) מ׳ רחמה די פרוי פון ר׳ יעקב שפירא פון סאָקאָלקע. 6) מ׳ דבורה גיטל די פרוי פון ר׳ שמחה בונם עסטעררייך פון פשיסחא שפעטער אין וואַרשא. 7) מ׳ רבקה די פרוי פון ר׳ פייבלי וויינגאָט אין זדונסקא-וואָלא. 8) מ׳ גליקא די פרוי פון ר׳ יעקב פלוימענבוים פון וולאָדאַווע. 9) מ׳ לאה די פרוי פון ר׳ יעקב טוימאַן אין וואַרשא. 10) מ׳ שיינדעל די פרוי פון ר׳ אברהם אלעזר לאַנדבערג אין וואַרשא. 11) מ׳ נחמה די פרוי פון ר׳ אברהם גאָרפינקעל פון פילעוו.

זיי אַלע האָבען מאריך ימים געווען און פון זיי זענען אַרויסגעקומען חשובע משפחות אַ חוץ ר׳ ברוך מרדכי, וואָס איז נפטר געוואָרען אין עלטער פון 19 יאָהר אין קאָנסטאַנטין. פון איהם איז געבליבען איין קינד וואָס איז שפעטער אויך געשטאָרבען. ר׳ ברוך מרדכי, זאָגט מען, איז געווען זעהר אַ חשובער יונגער מאַן און איז געשטאָרבען פון אַן עין-הרע.

---

## דער דריטער קאָצקער רבי אדמו״ר ר׳ חיים ישראל ז״ל.

א. אין יאָהר ת״ר איז אדמו״ר ר׳ דוד׳ן געבוירען געוואָרען זיין צווייטער זוהן. מ׳האָט איהם אַ נאָמען געגעבען חיים ישראל, אָבער גערופען האָט מען איהם בלויז ישראל, נאָך זיין גרויסען זיידען, דעם אָסטראָהער רב ר׳ ישראל היילפרין. ר׳ ישראל איז נאָך דערצויגען געוואָרען אונטער דער השגחה פון זיין גרויסען זיידען אדמו״ר ר׳ מענדיל ז״ל, וועלכער האָט, ווי מ׳דערצעהלט, זעהר ליעב געהאַט אָט דאָס אייניקעל זיינס. ער פלעגט איהם רופען ווען ער איז שוין געווען דערוואַקסען: „מיין ראָלישעל״. ווען ר׳ ישראל איז אַלט געוואָרען אַ יאָר 15—16 איז ער אַ חתן געוואָרען מיט דער בתולה יוכבד, די טאָכטער פונם זגיערזער חשובן יוד, תלמיד-חכם און טוכפאַבריקאַנט ר׳ זעליג הלוי פרענקעל, וואָס איז געווען אַ קאָצקער חסיד. ר׳ זעליג פרענקעל, (מיין מוטערס פאָטער), פלעגט נעמליך פאָהרען יעדערעס יאָהר קיין קאָצק אויף ראש השנה און אַהיים פאָהרען נאָך סוכות.

אַמאָל ווען אין קאָצק האָבען עטליכע חשובע חסידים אָבגעהאַלטען

---

א) געהערט פון קאָצקער רב אדמו״ר ר׳ יוסף זצ״ל.

אַ „סעודת מרעים״, ביי וועלכער ס׳זענען אויך געזעסן אדמו״ר ר׳ דוד און ר׳ זעליג פרענקעל, האָט איינער פון זיי געשטעלט אַ פראַגע בדרך הלצה: „ווען מען עסט פיש, קומט דערנאָך צו טרינקען אַ ביסל בראָנפען, און איידער מען עסט ציבעלעס, קומט אויך צו טרינקען אַ ביסל בראָנפען, היינט איז אַ פראַגע, אויב מ׳האָט געטרינקען אַ ביסל בראָנפען נאָך די פיש, צי איז מען דערמיט יוצא אַלס דעם בראָנפען, וואָס קומט צו טרינקען פאַר די ציבעלעס, אָדער נישט?״ דאַרויף האָט ר׳ זעליג פרענקעל געענטפערט: „מ׳געפינט אין דער גמרא (ראש השנה ל״ג ע״ב) „תקע בראשונה ומשך בשניה כשתים לא יצא״ (ווען מען בלאָזט שופר אין ראש השנה און מ׳האָט געצויגען איין תקיעה אַזוי לאַנג ווי 2 תקיעות, איז מען נישט יוצא פאַר צוויי), דערפון זעהט אויס, אַז מיט איין טרינק בראָנפען קאָן מען נישט יוצא זיין פאַר צוויי״.

דאַרויף האָט אדמו״ר ר׳ דוד געזאָגט מיט אַ געבייזער: „ווי קאָן מען זיך ברענגען אַ ראיה פון אַ גמרא צו אַ דבר הלצה״. ר׳ הירש טאָמאַשאָווער האָט זיך דאַן אָנגערופען: „אויב איהר קריגט זיך, איז אַ סימן, אַז איהר האָט אַ שייכות איינער צום אַנדערען, טאָ זייט אייך ביידע צווישען זיך משדך״, וויסענדיג אַז ר׳ דוד האָט אַ בחור און ר׳ זעליג אַ מיידעל.

אָט דער אָנשלאַג האָט זיי ביידען געפאַלען. ר׳ דוד איז אַריינגעגאַנגען צו זיין פאָטער, איהם געפרעגט אַן עצה וועגען דעם שידוך. „זעליג איז אַ שיינער מענש״, האָט דער קאָצקער רבי געענטפערט. דאָס איז געווען אַן אויסדרוק אַלס אַ הסכמה צום שידוך. דאַן איז ר׳ זעליג אַריינגעגאַנגען צום רבין און איהם געזאָגט: „מ׳רעדט מיר אָט דעם שידוך, אָבער כ׳קאָן דעם זעלביגען גאָרנישט אויספיהרען, וואָרום טויזענד רובעל נדן מוז איך געבען, היינט מתנות און חתונה-הוצאות, דערצו בין איך גאָרנישט אומשטאַנד״. דערויף האָט דער רבי געענטפערט: „אויב ס׳איז אַ שידוך, איז עס מיט אַלעמען״. אין דעם יאָהר, זאָגט מען, איז עס ר׳ זעליג פרענקלען גאַנץ גוט געגאַנגען, אַזוי אַז ער האָט געקאָנט אויספיהרען דעם שידוך בכבוד גדול א).

ב. אין יאָהר תרי״ז איז פאָרגעקומען אין קאָצק די חתונה פון ר׳ ישראל׳ן. דער מחותן ר׳ זעליג פרענקעל, זיין טאָכטער יוכבד, די כלה, און נאָך מחותנים זענען געפאָהרען פון זגיערז קיין קאָצק צו דער חתונה. צוליב׳ן כבוד פונם גרויסען קאָצקער רבין האָט דאָך גאָרנישט געקאָנט קיין רייד זיין, אַז די חתונה זאָל געמאַכט ווערען אין זגיערז. און אָט די נסיעה פון די זגיערזער מחותנים קיין קאָצק איז דאַמאָלס געווען זעהר אַ שווערע אויפגאַבע. מיין פאָטער, דער ערשטער איידעם פון ר׳ זעליג פרענקלען, וואָס איז געווען דער אָנפיהרער פון די מחותנים-קאַראַוואַן, האָט מיר פיעל דערצעהלט וועגען אָט די קאָצק-נסיעה, סאַרע מכשולים ס׳האָבען זיי געטראָפען אויפן וועג ביז זיי האָבען זוכה געווען אָנצוקומען קיין קאָצק. וואָרום קיין אייזענבאַהן פון זגיערז ביז קאָצק איז דאַמאָלס נאָך נישט געווען און מען האָט געמוזט אַ לאַנגע שטרעקע פאָהרען פער אַקס אין געדינגענע

---

א) געהערט פון סאָקאָלאָווער רבין שליט״א.

בוידען. זיי האָבען געצויגען פון זגיערז און גערוהט אין גלאָוונע, גע־צויגען פון גלאָוונע און גערוהט אין לאָוויטש, און אַזוי ווייטער.

דער זגיערזער רב, ר׳ שלום הירש כהן, וואָס איז געווען איינער פון די שענסטע קאָצקער חסידים, איז מיטגעפאָהרען אויף דער חתונה. פאָהרענדיג אין וועג איז ער קראַנק געוואָרען. מיין פאָטער האָט איהם געגעבען הויזליכע היילמיטלען. ווען זיי זענען אָנגעקומען קיין קאָצק, ׳האָט מען דעם רבין אָנ־געמאָלדען וועגען די קראַנקהייט פונם זגיערזער רב. דער רבי האָט געלאָזט צו זיך רופען דעם פאָטער מיינעם, איהם אויסגעפרעגט איינצעלהייטען וועגען זגיערזער רב׳ס קראַנק־ווערען און האָט בעפוילען, מען זאָל בעשטעלען אַ דאָקטאָר צום זגיערזער רב, און די רעצעפט, וואָס דער דאָקטאָר וועט פערשרייבען, זאָל מען צו איהם ברענגען און ווייזען. מ׳האָט אַזוי געטהון. ווי דער רבי האָט אָנגעקוקט די רעצעפט, האָט ער געפרעגט, צי מ׳האָט דעם דאָקטאָר געזאָגט, אַז דער זגיערזער רב איז שוין איבער זעכציג יאָהר אַלט? „ניין", איז געווען דער ענטפער. „טאָ זאָגט איהם דאָס", האָט דער רבי בעפוילען. ווי דער דאָקטאָר האָט דאָס דערהערט, איז ער געקומען אין פערלעגענהייט, האָט צעריסען די רעצעפט זייגע און פערשריבען אַן אַנדערע. דער זגיערזער רב איז געזונד געוואָרען א).

ג. אָט די חתונה איז געפראַוועט געוואָרען מיט גרויס פּאַראַד, הונדערטער חסידים פון דער פרעמד זענען געקומען קיין קאָצק, כדי זיך צוזאַמען צו פרייען מיט זייער גרויסען רבין. און דער רבי איז געווען זעהר אויפגערוימט אינ׳ם חתונה־טאָג פון זיין געליעבט אייניקעל, זיין ראָלישעל, און האָט זיך צוזאַמען געפרייט מיט׳ן עולם, כאָטש ער האָט דאַמאָלס געפיהרט, ווי דער־מאָנט, אַ לעבען פון התבודדות.

איידער ס׳איז געשטעלט געוואָרען די חופה, האָט דער מחותן אדמו״ר ר׳ דוד פערלאַנגט פון זיין זגיערזער מחותן, אַז ער זאָל געבען דער טאָכטער זיינער, דער כלה, אַ „שטר חצי זכר" אויף דריי טויזענד רובעל, ד. ה. אַז זי וועט בעקומען אַזאַ סומע פון זיינע יורשים נאָך „הונדערט און צוואַנציג יאָהר", ווי דער מנהג איז דאַמאָלס געווען ביי שטרענג אָבגעהיטענע יודען. דאָס איז געטהון געוואָרען דערפאַר, וואָס לויט׳ן דין תורה בעקומט אַ טאָכטער נישט קיין ירושה פון איהר פאָטערס איבערגעבליבענע פערמעגען. דער מחותן ר׳ זעליג האָט אָט דעם פערלאַנג דערפילט, כאָטש ס׳איז איהם זעהר אומאַנגענעהם געווען. דאַמאָלס איז ער נעמליך קוים אַלט געווען אַ יאָהר 40 און ער מוז שוין דיספּאָנירען איבער אַ פערמעגען, וואָס וועט בלייבען נאָך זיין טויט ב).

אדמו״ר ר׳ ישראל איז נאָך זיין חתונה געבליבען וואוינען אין קאָצק. דער שוועהר זיינער האָט איהם אַ ודאי בעצאָהלט פאַר די איהם געקומענע קעסט. ס׳האָט דאָך נישט געקאָנט זיין קיין רייד, אַז ער זאָל פערלאָזען אַזאַ מקום תורה וחסידות וקדושה, ווי קאָצק, און געהען זיך בעזעצען אינם פאַבריק־שטעטעל זגיערז לעבען זיין שוועהר. און אדמו״ר ר׳ ישראל האָט עוסק געווען אין תורה און חסידות מיט התמדה און קונה שלמות געווען,

---

א) געהערט פון מיין פאָטער ז״ל. ב) זעה ס׳ תפארת אדם עמוד 17.

אַזוי אַז ער האָט געשמט פאַר אַ גרויסען תלמיד־חכם און אַ גרויסען חסיד.

אין יאָהר תרכ״ב, ווען ר׳ זעליג פרענקעל איז קראַנק געוואָרען, איז אָט דער גרויסער איידעם זיינער געקומען קיין זגיערז, כדי איהם מבקר חולה צו זיין. און נישט לאַנג דערנאָך, ווען ער איז נפטר געוואָרען, האָט אדמו״ר ר׳ ישראל אָבגענומען די סומע, וואָס ס׳איז איהם געקומען לויט׳ן דערמאָנטען „שטר חצי זכר״.

ד. אין יאָהר תרל״ג נאָכדעם ווי אדמו״ר ר׳ דוד איז נסתלק געוואָרען, איז אדמו״ר ר׳ ישראל געקרוינט געוואָרען פונם גרעסטען טייל פון זיין עולם אַלס זייער רבין און איז געוואָרען דער ממלא־מקום זיינער אין קאָצק, און דער קלענערער טייל האָט זיך גענומען פאַר אַ רבין דעם יונגסטען זוהן זיינעם, אדמו״ר ר׳ הירשלין, וועלכער האָט זיך שפעטער בעזעצט אין לאַמאַז. דער עלטסטער זוהן, הרב ר׳ יושע, האָט זיך אָנגעשלאָסען אַלס חסיד צו אדמו״ר ר׳ ישראלן.

אדמו״ר ר׳ ישראל פלעגט זאָגען תורה פאַר חסידים יעדען שבת אינ־דערפרי פאַרן דאַווענען א) און אויך ביי די סעודות פון שבת און יום־טוב, ווי זיין פאָטער האָט זיך געפיהרט. גרויסע חסידים האָבען זעהר געריהמט זיינע תורות. פיעל מאָל זענען זיי געזאָגט געוואָרען לויט׳ן שניט פון מהר״ל״ס תורות, וועמעס נאָמען ער פלעגט אָפט דערמאָנען. דער שרייבער פון די דאָזיגע שורות, וועלכער האָט די זכיה געהאַט צו זיין עטליכע מאָל ביי זיינע טישען, האָט אַמאָל געהערט, ווי ער האָט צווישען אַנדערן געזאָגט: די חז״ל זאָגען (אבות דר׳ נתן) „עשה תורתך קבע ומלאכתך עראי״, ווי איז אָבער, אַז מ׳ברויכט מעהר צו טהון, מ׳האָט נישט גענוג מיט אַ קנאַפּע אַרבייט, אַ מלאכה עראית, די פרנסה פאָדערט מעהר צו אַרבעטען, אָבער דער פשט איז, מעגסט טאַקי מעהר אַרבייטען, נאָר זאָלסט וויסען אַז די תורה איז אַ קבע, אַ הויפטזאַך, און די מלאכה איז אַן עראי, אַ נעבענזאַך.

אדמו״ר ר׳ ישראל האָט פערפאַסט אַ ספר א. נ. „אהבת דוד״, וואָס איז אַ זאַמלונג פון תורות, וועלכע זיין פאָטער פלעגט זאָגען פאַר אַן עולם חסידים יעדען שבת פאַרן דאַווענען און אויך ביי די סעודות פון שבת. און אַ סך מאָל האָט ער נאָכגעזאָגט תורות אין נאָמען פון זיין פאָטער אדמו״ר ר׳ מענדיל ז״ל. „ביי דעם״, שרייבט אדמו״ר ר׳ ישראל אין דער הקדמה צו דעם ספר, „פאַלט אויף מיר אַ שרעק, טראַכטענדיג, אַז טאָמער איז ח״ו נישט געווען דער רצון פון מיינע הייליגע אָבות, אויפצושרייבען זייערע ווערטער און זיי מפרסם זיין, דערפאַר וואָס זיי זענען געווען „מצניעי לכת״, זיך בעהאַלטען פאַר דער וועלט, און אויך דאָס, איבערצוגעבען זייערע ווערטער נישט אין דעם לשון, וואָס זיי האָבען גערעדט, דהיינו, אין אַ דייטש־יודישען לשון, אַזוי ווי מיר רעדען, נאָר אין לשון הקודש. און ועל כולם, איך ווייס דאָך, אַז איך דערגרייך נישט צו זייער קנעכעל, צו פערשטעהן זייערע הויכע ווערטער, ווי אַזוי קאָן איך מיר דערלויבען, אָט די ווערטער איבערצוגעבען פאַר דער וועלט.

אָבער איך נעם מיר דעם אייבערשטען צו הילף, השי״ת וועט מיר העלפען, וואָרום די ליעבשאַפט צו זיי ברענט אין מיר ווי אַ פלאַם פייער,

א) אין זיינע לעצטע יאהרען האט ער שוין נישט געזאגט תורה פאר׳ן דאווענען נאר שבועות.

און זייערע הייליגע ווערטער זענען ביי מיר טייערער פון אַלע קאָסטבאַרקייטען פון דער וועלט. און ביטער איז מיר, וואָרום טאָמער וועלען ח״ו זייערע הייליגע ווערטער, וועלכע קענען משפיע זיין אויפ׳ן כללות־ישראל און זייערע הערצער צוציהען צו תורה ועבודה און זיי מכניס זיין תחת כנפי השכינה, פערגעסען ווערען.

דאַריבער טהו איך פריהער אויסרעדען אַ תנאי כפול, אויב די ווערטער וועלען אָנגענומען ווערען, האָבענדיג פון זיי אַ נחת רוח, זאָל מען דאָס אָנ־הענגען אין מיינע הייליגע אָבות ז״ל, אויב ח״ו נישט, בעט איך אויף דעם מחילה, דער אייבערשטער זאָל עס מיר פערגעבען, וואָרום מיין כוונה איז נישט צו שרייבען, אַז זיי האָבען אַזוי געזאָגט, נאָר איך האָב אַזוי פער־שטאַנען פון זייערע ווערטער לויט מיין קנאַפען פערשטאַנד, אויב אָבער אימיצער וועט פערשטעהן אַן אַנדערע כוונה אין זייערע ווערטער, איז איהם דערלויבט אנדערש צו זאָגען, וואָרום יעדער איז מקבל לויט זיין פערשטאַנד, און ס׳איז בעקאַנט, אַז פונקט אַזוי ווי די פרצופים פון מענטשען זענען נישט גלייך, אַזוי זענען אויך זייערע דעות נישט גלייך, און די „רועים נאמנים״ האָבען געוואוסט צו פיהרען לויט דער דעה פון יעדערן בעזונדער, דעריבער קאָן מען מיך נישט דערפאַר בעשולדיגען, און דער אייבערשטער זאָל מיך פיהרען אין דרך אמת״.

אדמו״ר ר׳ ישראל פלעגט אויך שיקען צו זיינע חסידים בריף, אין וועלכע ער האָט זיי מדריך געווען און געוויזען דעם דרך פון חסידות. אָבער דאָס ספר „אהבת דוד״ און אויך אָט די בריף זענען צום בעדויערן נישט געקומען צום דרוק. אַ סך פון זיינע כתבים זענען פערלוירען געגאַנגען.

ס׳זענען נאָר פון איהם געדרוקט געוואָרען אַ „קונטרס מעשה המנורה״ אינם אויבענדערמאָנטען ספר „עטרת צבי״, תורה־ווערטער אויף חנוכה, און אַ קונטרס „שלום ירושלים״, אין וועלכען ער ברענגט בעווייזען פון הלכה, אגדה און קבלה, אַז מען דאַרף זיך משתתף זיין מיט דער חברה „חובבי ציון״, צו קויפען אין ארץ ישראל נחלאות, גרינדען קאָלאָניעס וואו יודען זאָלען זיך בעזעצען. ער שרייבט דאָרט צוו. אַנד.:

„אף כי העוסקים בה אינם צדיקים כל כך, כבר למדנו, אשר מאנשים פשוטים של בני ישראל, מוצא השי״ת קורת רוח לפעמים יותר מן צדיקים גמורים שעצמות ישראל המושרשת בהם מאבותיהם הקדושים עולה יותר ממי שמשיג בעצמו השגות אלקיות ומתפעל מהתבוננות שלו (כאָטש די מענטשען, וואָס בעשעפטיגען זיך מיט אָט דער אַרבייט, זענען נישט קיין פולקאָמענע צדיקים, אָבער מיר האָבען שוין געלערנט, אַז פון געוויינליכע יודען געפינט דער אייבערשטער אַ קורת רוח, און טיילמאָל נאָך מעהר ווי פון צדיקים גמורים, דערפאַר וואָס די וועזענטליכקייט, דער עיקר פונם יוד, וואָס אין זיי איז איינגעוואָרצעלט נאָך פון זייערע הייליגע אָבות, אָט דאָס האָט מעהר חשיבות, ווי דער, וואָס דערגרייכט אַליין געטליכע השגות און ווערט אַליין מתפעל פון זיין אייגענער בעטראַכטונג).

ה. בכלל האָט אדמו״ר ר׳ ישראל ליעב געהאַט אויך אַזעלכע יודען, וועלכע זייערע אַנזיכטען זענען אַנדערש ווי זיינע, בעמיהענדיג זיך, אויף זיי צו זוכען אַ זכות און געפינען אין זיי עפעס אַ מעלה, צוליב וואָס ער זאָל זיי קענען ליעב האָבען. אין איינעם פון זיינע בריף, וואָס ער האָט

געשיקט, זייענדיג אין מאַרינבאַד, צו זיינע קינדער, האָט ער צוו. אַנד., געשריבען: „כל ימי התפללתי שאזכה לאהוב את הפחותים שבישראל כמו הצדיקים". (מיין לעבענלאַנג האָב איך געבעטען, כ׳זאָל זוכה זיין, ליעב צו האָבען די געמיינע פון יודען פונקט אַזוי ווי צדיקים) א). און דאַמאָלס ווען די חובבי ציון האָבען אָנגעהויבען גרינדען קאָלאָניעס אין ארץ ישראל, האָט ער זיך אויך בעמיהט, צו גרינדען אַ פעראיין פון חסידים, מיט׳ן צוועק, צו קויפען נחלאות אין ארץ ישראל און דאָרטען זיך בעזעצען, אָבער ער האָט אָנגעהויבען אָט די גרויסע אַרבייט צו טהון און זי נישט פערווירקליכט. „דער תמצית פון מיין פאָטערס דעה איז געווען — האָט מיר דער סאָקאָלאָווער רבי שליט"א געשריבען אין יאָהר תרע"ד, — ס׳זאָלען זיך צוזאַמענקלויבען טויזענד אָרטאָדאָקסישע יודען און זאָלען מאַכען אַ ישוב אין ארץ ישראל, זאָלען אַקערן און זייען, און מקיים זיין אַלע מצות, וועלכע הענגען פון דעם אָב, תרומות או מעשרות לקט, שכחה און פאה, שמיטה און כלאים, אָט דאָס איז די מצוה פון ישוב הארץ, און ער האָט אויסגעוויזען לויט הלכה אַז אַזוי וועט זיין די התחלה פון דער גאולה, און אַלע גאונים האָבען מיט איהם מספים געווען, אָבער די זאַך איז איהם נישט געלונגען און פון הימעל האָט מען איהם געמאַכט אַן עכוב, וואָרום זייט דאַמאָלס, וואָס ער האָט אָנגעהויבען צו טהון אין דעם ענין, איז געשטאָרבען די טאָכטער זיינע, מיין שוועסטער רחל, וואָס איז געווען אַ כלה, דערנאָך האָט אָנגעהויבען מיין מוטער קרענקען, ביז זי איז געשטאָרבען ל"ע, דאַמאָלס האָב איך אָן איהם דערקענט, אַז ער איז מצדיק אויף זיך דעם דין, דערפאַר וואָס ער האָט אָנגעהויבען טהון אין אָט דער זאַך נישט אין דער ריכטיגער צייט".

אויף דעם בריף, וועלכער איז געדרוקט געוואָרען אין מיין ספר „תפארת אדם" (ח"ב עמוד ק׳) האָב איך אין יאָהר תרפ"ה דערהאַלטען פון סאָקאָלאָווער רבין שליט"א אַ בריף, אין וועלכען ער שרייבט צוו. אַנד.:

„מר אבא ז"ל הסביר פנים רק לההובבי ציון אשר באדעסא, אשר נתעוררו להגדיל הישוב בארץ ישראל וליסד שם קולוניות, אבל מיום הופעת דעת דר׳ הירצל, הפסיק מלדבר בזה עוד ומלעשות אגודה לקנות שם אדמה. ומה שאמר לי, שתולה סבת מיתת אמי ואחותי הכלה בזה, הוא ג"כ אמת, אבל לא כפי שאתה הבנת במחברתך, רק על פי דברת המדרש רבה, כל המתחיל במצוה ואינה גומרה, נוטלין ממנו אשתו, ולמדין מיהודה, שהתחיל בהצלת יוסף ולא גמרה, כתיב בי׳ ותמת בת שוע וכו׳. עיין במדרש תנחומא עקב אות ו׳".

ו. אדמו"ר ר׳ ישראל האָט דעם דערמאָנטען קונטרס „שלום ירושלים" געשיקט צו די גרעסטע גאונים פון זיין דור און ר׳ האָט געמאַכט אויף זיי אַ רושם. דער סאָכאַטשאָווער רבי אדמו"ר ר׳ אברהם ז"ל האָט איהם געענטפערט: לכבוד אהובי מחו׳ בא"ז ידיד ישראל ידיד נפשי, הרב הגדול מעוז ומגדול הצדיק המפורסם כקש"ת מו"ה ישראל שליט"א. בדבר קונטרסו הנחמד עיינתי בעז"ה, ונהנתי ממנו, כי מעורר לבבות לחבת ציון ולקנות נחלה

---

א) אַזוי האָט אויך געזאָגט דער ערשטער קאָצקער רבי, געמליך, „מ׳וויל אין הימעל, כ׳זאָל ליעב האָבען הערן פעלדשער, אַזוי ווי כ׳האָב ליעב הערש טאָמאַשאָווער׳ן".

בארץ הוא דבר גדול, בפרט אם יהיה לו מזה פרנסה, אף אם ישב בחו״ל, נחשב קצת ישיבה בארץ ישראל, ע״כ ראוי מאד להתאמץ בזה, והנני שולח לכ׳ אשר העליתי כפי הנראה לע״ג, ובל״נ אראה גם אנכי להיות מן הקונה נחלה בארץ ישראל, אבל לא אדע איך ומה. אמנם עם סברתו, כי מצות ישוב ארץ ישראל הוא משום כבוש הארץ איני מסכים, (אבני נזר סימן תמ״ה).

דער „שפת אמת״ אדמו״ר ז״ל פון גור האָט איהם געענטפערט אין אַ בריף: לכבוד אהובי מחו׳ הרב הגדול המפורסם בנש״ק קדוש יאמר לו כקש״ת מו״ה ישראל שליט״א. את מכתב כק״ת בצירוף פלפול קבלתי, ושמחתי בראותי כ״ת מטייל בש״ס ופוסקים ארוכות וקצרות, והנני למלאות רצונו להגיד דעתי הקלושה בזה בענין הלכה ובענין מעשה בקצרה, בודאי מי שיש בו קצת יר״ש ומקבל על עצמו לשמור ולקיים מצות התלויות בארץ ויודע בנפשו שגם ב״ב לא ימחו בידו, אין לו לחוש ולמצוה יחשב לו וכו׳.

און דער גרויסער גאָון ר׳ יצחק אלחנן ז״ל פון קאָוונע האָט איהם געענטפערט אין אַ בריף: כבוד ידי״נ הרב הגאון החסיד המפורסם בנן של קדושים סוע״ה נ״י פ״ה עה״י מו״ה ישראל שליט״א. אחדש״ה, מכתבו היקר במה שבקש ממני לחוות דעתי בענין הקדוש ישוב ארץ ישראל וכן קונטרסו היקר בענין זה הגיעני, אבל מחמת חולשתי וחולשת עיני ל״ע קשה עלי הקריאה והעיון היטב, ע״כ הנני רק בקצרה, כי כבר הודעתי בכמה מכתבים, כי יקרת הענין הקדוש של ישיבת אה״ק היא גדולה בערכה מאד וכו׳ א).

פון דעם איז צו זעהען, ווי חשוב ס׳איז געווען אדמו״ר ר׳ ישראל ז״ל ביי די דערמאָנטע גרויסע גאונים ז״ל.

ז. אדמו״ר ר׳ ישראל האָט געפיהרט ראַבּיסטווע אין קאָצק 15 יאָהר און אין יאָהר תרמ״ח האָט ער זיך איבערגעצויגען קיין פילעוו (לובל. וואָיעוו.), וואו ער האָט געוואוינט ביז זיין לעצטען טאָג, אָבער ער פלעגט זיך כל ימיו אונטערשרייבען „ישראל מקאָצק״. אין יאָהר תרנ״ו איז די פילעווער רביצין, הרבנית הצדיקת מרת יוכבד ע״ה, נפטר געוואָרען ב). אדמו״ר ר׳ ישראל האָט איהר געמאַכט אַ שטאַרקען הספד, וועלכען ער האָט אָנגעהויבען מיט פאָלגענדע ווערטער: „אשת חיל מי ימצא, ווי געפינט מען אַן אשה, וואָס האָט זוכה געווען צו האָבען אַזעלכע קינדער ווי דו״, ביי וואָס ער האָט זיך זעהר צעוויינט.

אדמו״ר ר׳ ישראל האָט גענומען אַ זיווג שני, אַ בתולה, די טאָכטער פון זיין פעטערס שוועסטער נחמה, די פרוי פון ר׳ אברהם גאָרפינקעל. אין יאָהר תרס״ו איז אדמו״ר ר׳ ישראל קראַנק געוואָרען. עטליכע חדשים האָט ער שטאַרק געליטען פון זיין קראַנקהייט. י״ב סיון תרס״ו איז ער נסתלק געוואָרען אין עלטער פון 66 יאָהר. אויף זיין קבר אין פילעוו איז געשטעלט געוואָרען אַן „אוהל״.

ח. אדמו״ר ר׳ ישראל האָט איבערגעלאָזט פאָלגענדע 7 קינדער פון ערשטען זיווג און 3 פון צווייטען: 1) הרב ר׳ הערשעלי פון ליקעווע. נאָך דער פטירה פון זיין פאָטער האָט אַ קליינער טייל פון זיין עולם איהם געקרוינט אַלס זייער רבין און האָט געפיהרט ראַבּיסטווע אין ליקעווע (לוקאָוו).

א) ספר תפארת אדם עמוד ק״א. ב) זעה ספר תפארת אדם עמוד ק׳.

ווי כ׳האָב געהערט מפיו הקדוש, האָט זיין פעטער, דער גרויסער סאָכאַטשאָ-ווער רבי, אדמו״ר ר׳ אברהם ז״ל, מסכים געווען דערצו, אַז ער זאָל פיהרען ראַביסטווע. אין יאָהר תר״ס כ״ט שבט איז ער נסתלק געוואָרען אין עלטער פון 62 יאָהר. אויף זיין קבר איז געשטעלט געוואָרען אַן „אוהל״. דער זוהן זיינער, הרב הגדול ר׳ משה ברוך שליט״א, וואָס איז געווען גראַבאָווער רב, איז געוואָרען זיין ממלא-מקום אין ליקעווע. דערנאָך איז ער נתקבל געוואָרען אַלס אַ רב אין וולאָדאַווא, וואו ער פיהרט אויך ראַביסטווע. ה׳ יאריך ימיו ושנותיו. אויך זיין ברודער ר׳ יצחק יוסף שליט״א פיהרט ראַביסטווע אין וואַרשא, הי״ו. אין יאָהר תרצ״ד האָבען זיינע זיהן אַרויסגעגעבען אַ ספר פון איהם א. נ. „עטרת צבי״, דרושים אויפ׳ן ספר בראשית. ס׳זענען פון איהם געבליבען כתבים אויף גאַנץ חמשה חומשי תורה.

2) הרב ר׳ משה מרדכי. נאָך זיין פאָטערס הסתלקות האָט אַ גרויסער טייל פון זיין עולם איהם געקרוינט אַלס זייער רבין און איז געבליבען זיין ממלא-מקום אין פילעוו. נאָכ׳ן אויסברוך פון וועלטקריג אין יאָהר תרע״ד, איז ער געווען געצווינגען צו פערלאָזען פילעוו. דאַמאָלס האָט ער זיך בעזעצט אין וואַרשא. אין יאָהר תרפ״ט י״ד אדר איז ער קינדערלאָז ל״ע נסתלק געוואָרען אין עלטער פון 67 יאָהר. טויזענדער מענטשען האָבען זיך בעטייליגט אין זיין לויה. די גאַנצע יודישע טאָג-פרעסע האָט איהם געווידמעט לאַנגע נעקראָלאָגען. אויפ׳ן גענשער בית-עלמין האָט ער געפינען זיין אייביגער מנוחה. אויף זיין קבר איז געשטעלט געוואָרען אַן „אוהל״.

ס׳זענען געבליבען פון איהם פיעל כתבים פון חדושי תורה. זיינע תלמידים ר׳ שמואל יעקב זילבערשטיין פון וואַרשא, ר׳ משה שטשערנעצקי פון קאָלושין און ר׳ דוד רייזמאַן פון לאָדז האָבען געלאָזט דרוקען פון די כתבים 2 ספרים אין 5 חלקים. דאָס ערשטע ספר, דרושים אויף בראשית, שמות און ויקרא, אונטערן נאָמען „מדרש משה״ און די אַנדערע 2 חלקים, דרושים אויף במדבר, דברים און פלפולים אויף פיעל סוגיות פון ש״ס, אונטערן נאָמען „מדרכי משה״. אויפ׳ן שער פונם ספר שטעהט: „דרושים מתוקים מדבש לקרב לבן של ישראל לאביהם שבשמים וגם חידושים עמוקים על סוגיות הש״ס, מכתבי קודש של רבינו הגאון הקדוש אדמו״ר מו״ה משה מרדכי מאָרגענשטערן מפילוב ומקאצק ובסוף ימיו גר בוורשא ושם חלקת מחוקק ספון״.

אין דער הקדמה צום ספר שרייבט דער ברודער זיינער, אדמו״ר ר׳ יוסף ז״ל, דער קאָצקער רבי:

„הפעם אודה לה׳ על אשר זכינו להוציא לאור הספר „מדרש משה״ מאת הגאון הקדוש מאור הגולה מו״ה משה מרדכי זצ״ל, וחדלנו מלקבל הסכמות על הספר היקר הזה, כי מפורסם בכל העולם עוצם קדושתו וגדולת תורתו ואמיתו, משה אמת ותורתו אמת, ודרכו בקדש הי׳ לשמור כרם ה׳ צבאות בית ישראל תלמידים לאלפים, אשר נהרו אליו להכניס בלבם אהבת ה׳ ותורתו, וגם התפלל בעדם עורר ישועה ורחמים עליהם וכמעט רובם ככולם ספרו, שראו בגלוי שהי׳ להם טובות על ידו, הן בצרכי הנפש הן בצרכי הגוף, וראינו שיגע הרבה בכתיבת החיבור״.

אינם פיערטען חלק איז אויך פערהאַן אַ לאַנגע תשובה, פול חריפות

ובקי־אות, וועלכע ער האָט געשריבען צו אדמו״ר ר׳ שמואל ז״ל פון סאָכאַטשאָוו וועגען ענין ישוב ארץ ישראל בנוגע זיין תשובה, וועלכע געפינט זיך אין ס׳ „אבני נזר״ סימן תנ״ז, צו זיין פאָטער אדמו״ר ר׳ ישראל ז״ל: „כ׳האָב נאָך פיעל צו שרייבען״, ענדיגט ער „אָבער כ׳וויל נישט מעהר מאריך זיין״.

3) הרב ר׳ יצחק זעליג שליט״א. ווען ער איז נאָך געווען יונג, אין יאָהר תרנ״ט, איז ער נתקבל געוואָרען אַלס אַ רב אין סאָקאָלאָוו. נאָך דער פטירה פון זיין פאָטער האָט אַ בעדייטענדער טייל פון זיין עולם איהם גע־קרוינט אַלס זייער רבין. זייענדיג אויך אַ מושלם, בעהערשט די רוסישע שפראַך, איז ער אין יאָהר תר״ע, אין דער צייט פונם צאַר ניקאָליי דעם צווייטען, געוועהלט געוואָרען אין אַ קאָמיסיע פון 5 רבנים צו קומען קיין פעטערבורג, צו ענטשיידען פראַגען, וועלכע זענען נוגע דעם דת פון יודישען פאָלק. דער סאָקאָלאָווער רבי שליט״א איז גענוג מפורסם, מען ברויכט נישט וועגען איהם פיעל צו שרייבען. ה׳ יאריך ימו״ש. איינער פון זיינע חשובע זיהן הרה״ג ר׳ מענדיל שליט״א, פערנעמט שוין לאַנג דאָס כסא־רבנות פון ווענגראָוו.

4) הרב ר׳ יוסף ז״ל, איז געווען בעריהמט אַלס אַ גדול בתורה ובחסידות און האָט געהערט צו דער מועצת גדולי תורה. אין יאָהר תרפ״ד איז ער נתקבל געוואָרען אַלס אַ רב פון קאָצק און נאָך דער פטירה פון זיין ברודער אדמו״ר ר׳ משה מרדכי ז״ל איז ער געקרוינט געוואָרען פון זיינע חסידים אַלס זייער רבין. אין יאָהר תרצ״ט איז ער קראַנק געוואָרען ל״ע, בעקומענדיג אַ רויז אויפ׳ן פוס. דאָקטוירים האָבען איהם געהייסען פאָהרען קיין וואַרשא צו זוכען אַ רפואה. דאָרט האָט ער י״ד אבי זיין הייליגע נשמה אויסגעהויכט. ט״ו אדר איז פאָרגעקומען זיין לויה, אין וועלכער טויזענדער מענשען, פיעל רבנים און רביים האָבען אַנטיילגענומען.

אין אַ קורצער צייט אַרום נאָך דער פטירה פונם קאָצקער רבין אדמו״ר ר׳ יוסף זצ״ל, האָט, ווי מען זאָגט, דער גרעסטער טייל פון זיין עולם בעשלאָסען צו פאָהרען צום סטריקאָווער רב הרה״ג ר׳ יוסף אשר זעליג הלוי שליט״א, וואָס זיין פאָטער איז געווען דער אַמאָליגער כענטשינער רב הגאון ר׳ נחום מאיר הלוי פיש זצ״ל (אַן איידעם פונם פיעטרקאָווער רב הגאון ר׳ שמחה יאיר ראָזענ־פעלד ז״ל, דער מחבר פונם ספר „אורה ושמחה)״, און זיין מוטער איז געווען א גרויסע אשה חשובה מ׳ גליקא, די טאָכטער פונם קאָצקער־פילעווער רבין אדמו״ר ר׳ ישראל זצ״ל. און דער קלענסטער טייל האָט בעשלאָסען צו פאָהרען צום בעוואוסטען וולאָדאַווער רב אדמו״ר ר׳ משה ברוך שליט״א, — דער זוהן פונם ליקאָווער רבין אדמו״ר ר׳ הערשעלי זצ״ל, וואָס איז געווען אַ זוהן פונם דערמאָנטען רבין אדמו״ר ר׳ ישראל זצ״ל. — וועלכער האָט פערלאָזט זיין כסא־רבנות און האָט עס איבערגעגעבען זיינס אַ זוהן בעת ער האָט זיך בעזעצט אין קאָצק.

5) מרת גליקא, אַ חכמה און אַ צדקת, געווען די פרוי פון הרה״ח ר׳ אברהם שחור, אַ זוהן פון הרה״ח ר׳ נח שחור פון גרויס ביאַלא. נאָכדעם ווי זי איז געוואָרען אַן אַלמנה ל״ע, האָט זי גענומען דעם כענטשינער רב הרה״ג ר׳ נחום מאיר הלוי פיש. איהר זוהן הרה״ג ר׳ יוסף אשר זעליג פיש, איז פריהער געווען אַ רב אין גראַבאָוו, איצט פערנעמט ער דאָס כסא־רבנות פון סטריקוב. און נאָך דער פטירה פון אדמו״ר ר׳ יוספ׳ן, איז ער, ווי דער־מאנט, געקרוינט געוואָרען אַלס אַ רבי פון חסידים.

6) מרת נחמה צינא ז״ל. געווען אַ חכמה און אַ צדקת, די פרוי פון הנגיד החסיד ר׳ העניך בלאַס נ״י. זי איז נפטר געוואָרען אין עלטער פון עטליכע דרייסיג יאָהר. פון איהר זענען געבליבען חשובע משפחות.

7) הרבנית מרת ביילע רחמה תחי׳, אַ חכמה און אַ צדקת, געווען די פרוי פונם בעוואוסטען פאַרצעווער רב, בנן של קדושים, ר׳ אליעזר שלום הלוי עפשטיין ז״ל. פון זיי זענען אַרויסגעקומען חשובע משפחות.

פון זיווג שני:

8) ה׳ יעקב מאָרגענשטערן, אַ חשובער סוחר אין וואַרשא.

9) מרת חיה טויבע תחי׳, די פרוי פון ר׳ ראובן גאַלאַנט נ״י אין וואַרשא.

10) מרת רבקה תחי׳, די פרוי פון ר׳ בנימין ערנסט אין בענדין. פון זיי אַלע זענען אַרויסגעקומען חשובע משפחות.

---

## כד. דער לאָמאַזער רבי אדמו״ר ר׳ צבי הירש ז״ל.

**א.** אין יאָהר תרי״ב איז אדמו״ר ר׳ דוד׳ן געבוירען געוואָרען זיין דריטער זוהן. מ׳האָט איהם אַ נאָמען געגעבען הירש, נאָך זיין בעוואוסטען זיידען ר׳ הירשעלי דישקעס פון אָפּאָטשנא. קינדווייז האָט נאָך דער גרויסער זיידע זיינער, דער ערשטער קאָצקער רבי, געהאַט אויף איהם אַ שטיקעל השגחה. יעדען שבת אין דער פריה פלעגט ער, הערשעלי, אַריינגעהן צום רבין, כדי ער זאָל איהם פערהערען דאָס, וואָס ער האָט געלערנט אין חדר. דאַמאָלס האָט נעמליך דער רבי אַלע זיינע קליינע אייניקלעך פערהאָרכט און זיי געטיילט קיכלעך.

פון יענער צייט האָט אדמו״ר ר׳ הערשעלי דערצעהלט פאָלגענדען אַנעקדאָט: אַמאָל ווען דער דערמאָנטער זיידע זיינער האָט איהם פערהערט דעם פסוק „ויגש אליו יהודה״, האָט ער איהם געפרעגט, פאַרוואָס האָט זיך יהודה אַזוי דערנעהנטערט צו יוסף׳ן? „דערפאַר וואָס פון דערווייטענס הערט מען נישט אַזוי גוט״ האָט ער געענטפערט. אָט דער ענטפער האָט דעם רבין זעהר געפאַלען און האָט גערופען צו ר׳ הערש טאָמאַשאָווערן און געזאָגט: הערש, הערש, הערסט וואָס דאָס קינד זאָגט? א)

נאָך אין זיין פריהער יוגענד, דערצעהלט מען, האָט ר׳ הערשעלי צוליעב זיינע מעלות און חסידישע אויפפיהרונג געצויגען אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט פון פיעל פון זיין פאָטערס חסידים און איהם געהאַלטען פאַר אַ צוקונפטיגען רבין. ווען ער איז אַלט געוואָרען אַ יאָהר 13—14 האָט אדמו״ר ר׳ דוד, דער פאָטער זיינער, געטהון מיט איהם אַ שידוך פון גרויסען יחוס, נעמליך מיט אדמו״ר ר׳ שלמה׳ן, דעם זוהן פונם בעוואוסטען צדיק, דער ראַדזימינער רבי, אדמו״ר ר׳ יעקב אריה, ז״ל.

**ב.** אדמו״ר ר׳ יאַנקילי ראַדזימינער, ווי מ׳האָט איהם גערופען, איז

---

א) געהערט פון זיין זוהן, דעם ראַדזימינער רבין, אדמו״ר ר׳ יעקב אריה שליט״א, אויך פון זיינע אַנדערע קינדער.

נאָך געפאָהרען צום „יוד' הקדוש" און צום רבין ר' בונם צוזאַמען מיט אדמו"ר ר' מענדלין פון טאָמאַשאָוו. זיי זענען געווען חברים און געגענזייטיג שטאַרקע גוטע פריינד א). צוליעב דעם האָט ער געטהון שטאַרקע השתדלות'ן, אַז דער שידוך פון זיין אייניקעל מיט'ן אייניקעל פון קאָצקער רבין, זאָל אויסגעפיהרט ווערען. ער האָט נעמליך געגעבען אָט דעם אייניקעל זיינעם אַ גרויסען נדן, האָט צוגעזאָגט רייכע מתנות און קאָסט נאָך דער חתונה. ווארום אדמו"ר ר' שלמה, דער זוהן זיינער, איז דאַמאָלס נאָך נישט געווען זעלבסטשטענדיג, האָט נאָך נישט געפיהרט קיין ראַביסטווע, נאָר ר'איז געווען ביי זיין גרויסען פאָטער, וועלכען מ'האָט געהאַלטען פאַר אַ „בעל מופת" און ביי איהם זענען געווען „תורה וקדושה וגדולה במקום אחד". טויזענדער יודען זענען נעמליך צו איהם געפאָהרען, און איהם געגעבען רייכע „פדיונות".

אין יאָהר תרכ"ז איז פאָרגעקומען די חתונה פון ר' הערשעלין מיט דער בתולה יוטע הענא, די טאָכטער פון אדמו"ר ר' שלמה'ן. און נישט אין ראַדזימין און נישט אין קאָצק איז אָט די חתונה געפראַוועט געוואָרען, נאָר אין קאַלושין, אַ שטעדטעל, וואָס געפינט זיך אין דער נאָהנט פון ראַדזימין. נאָך דער חתונה האָט ר' הערשעלי געוואוינט אין ראַדזימין, וואו זיין שוועהר האָט איהם אויסגעהאַלטען מיט פרנסה.

ג. אין יאָהר תרל"ג, נאָכ'ן הסתלקות פון אדמו"ר ר' דוד'ן, איז אדמו"ר ר' הערשעל געקרוינט געוואָרען פון אַ טייל פון זיין פאָטערס חסידים אַלס זייער רבין, כאָטש ער איז דאַמאָלס ערשט אַלט געווען 21 יאָהר. דער־פאַר וואָס זיין ברודער אדמו"ר ר' ישראל האָט געוואוינט אין קאָצק, האָט אדמו"ר ר' הערשעלי זיך געמוזט זוכען אַן אַנדער וואוינאָרט. דאָס ערשטע יאָהר האָט ער געפיהרט ראַבּיסטווע אין ראַדזימין, וואו זיין גרויסער עלטער־שוועהר, אדמו"ר ר' יאַנקילי, האָט איהם אָבגעגעבען אַ גרויסע דירה. שפּעטער האָט ער זיך בעזעצט אינם שכנות'דיגען שטעדטעל לאַמאַז. אין פיעל שטעדט פון פוילען האָבען זיך געפעפּענט לאַמאַזער שטיבלעך. נאָך פערלויף פון מעהרערע יאָהרען האָט זיך אדמו"ר ר' הערשעלי בעזעצט אין פּראַגאַ (ביי וואַרשא) און שפּעטער — אין וואַרשא, וואו ער האָט געוואוינט ביז זיין לעצטען טאָג. אָבער כל ימיו פלעגט מען איהם רופען „לאָמאַזער רבי", און זיינע חסידים — האָט מען גערופען „לאָמאַזער חסידים".

אדמו"ר ר' הערשעלי האָט געפיהרט ראַביסטווע לויט אַלט־קאָצקער שטייגער און געזאָגט שאַרפע תורות וועלכע זיינע חסידים זאָגען נאָך פון איהם. ס'זענען אָבער צו איהם אויך געקומען פיעל סתם־יודען, וועלכע זענען געווען אין אַן עת־צרה און האָבען געבּרויכט געהאָלפען צו ווערען. מען האָט נעמליך איהם געהאַלטען פאַר אַ „בעל מופת". און איהם געגעבען רייכע פדיונות. אָט דעם שטייגער פיהרען ראַביסטווע האָט ער זיך אָנ'געאייגענט פון זיין שוועהר און עלטער־שוועהר אדמו"ר ר' יאַנקילי ראַדזימינער. ביי

---

א) זיי זענען געווען אין איין עלטער, נאָר דער קאָצקער רבי איז בשעת זיין פטירה אַלס געווען 72 יאָהר און דער ראַדזימינער רבי — 87 יאָהר.

איהם האָט מען געזעהן צווייערליי ראַביסטוועס: פאַר זיינע חסידים איז ער געווען אַ קאָצקער רבי און פאַר אַנדערע — אַ ראַדזימינער רבי.

כ׳האָב די זכיה געהאַט, איהם אַמאָל צו זעהען אין סקערנעוויץ אין יאָהר תרמ״ב. ר׳איז געווען זעהר אַ שעהנער, הויכגעוויקסיגער, ברונעטער מענטש, מיט גרויסע, שוואַרצע דורכדרינגענדע אויגען. ער האָט דאַמאָלס געהאַלטען שבת אין סקערנעוויץ. דער דאַמאָלדיקער סקערנעוויצער רב, דער בעוואוסטער גאון און צדיק אדמו״ר ר׳ יחיאל מאיר הלוי ז״ל, דער שפעטערער אָסטראָווצער רבי, אין וועמענס ישיבה איך האָב דאַמאָלס געלערנט, איז אויך געקומען שבת צו זיין טיש.

ד. די רביצין מרת יוסע הענא, זיין פרוי, האָט אין משך פון 6 יאָהר נאָך איהר התונה קיין קינד נישט געבוירען. דער גרויסער זיידע איהרער, אדמו״ר ר׳ יאַנקעלי, דערצהלט מען, האָט איהר געגעבען אַ „קמיע״. דאַן איז זי געהאָלפען געוואָרען און געהאַט אין פערלויף פון עטליכע יאָהר עטליכע קינדער. אין יאָהר תרמ״ב איז זי אין אַ קינפעט געשטאָרבען.

אדמו״ר ר׳ הערשעלי האָט דאַן גענומען אַ זיווג שני, די בתולה שרה מנוחה, די טאָכטער פונם בעוואוסטען חסיד און נגיד ר׳ ליפא לאַנדענבערג פון וואַרשא. אין משך פון מעהרערע יאָהרען האָט זי איהם געבוירען עטליכע קינדער. דערנאָך איז זי קראַנק געוואָרען און געשטאָרבען. דאַן האָט אדמו״ר ר׳ הערשעלי גענומען אַ זיווג שלישי, די בתולה מרת פייגע לאה, די טאָכטער פונם בעוואוסטען רבין אדמו״ר ר׳ דוד ז״ל גאָלדמאַן, דער פאָטער פונם היינטיגען קיעלצער רבין אדמו״ר ר׳ ישעיה שליט״א. אדמו״ר ר׳ דוד גאָלדמאַן איז געווען אַן איידעם פונם ביאַליברזעגער רבין ר׳ אברהם מאיר, אַ בן יחיד פון הרב ר׳ ישעי׳ פראַגער און אַן איידעם פון אדמו״ר ר׳ יצחק וואָרקער ז״ל. די רביצין שרה מנוחה האָט איהם אויך געבוירען עטליכע קינדער.

ה. אדמו״ר ר׳ הערשעלי איז אין יאָהר תרפ״ו ג׳ אלול נסתלק געוואָרען אין עלטער פון 74 יאָהר. אין זיין לויה האָבען זיך בעטייליגט פיעל טויזענטער מענטשען, וועגען וואָס די יודישע טאָג-פרעסע האָט פיעל גע-שריבען. זיין אייביגער מנוחה האָט ער געפינען אויפ׳ן וואַרשאווער גענשער בית עלמין. אויף זיין קבר איז געשטעלט געוואָרען אַן „אוהל״.

ס׳זענען געבליבען פון איהם זעהר שעהנע דורות:

1) זיין עלטסטער זוהן הרב הגאון החסיד ר׳ יעקב אריה שליט״א. ער איז געווען אַ רב אין עטליכע שטעדט, צולעצט אין ווישקאָוו. נאָך דער פטירת פון זיין פאָטער האָט דער גרעסטער טייל פון זיין פאָטערס חסידים איהם געקרוינט אַלס זייער רבין. מיט עטליכע יאָהר צוריק איז דער לעצטער ראַדזימינער רבי אדמו״ר ר׳ מענדיל ז״ל נפטר געוואָרען קינדערלאָז ל״ע, האָט אַ גרויסער טייל פון זיינע חסידים איהם, דעם ווישקאָווער, געקרוינט אַלס זייער רבין, דערפאַר וואָס ער איז געווען מוטערזייטס אַן אייניקעל פון ראַדזימינער רבין. ער האָט זיך טאַקי בעזעצט אין ראַדזימין. דאָס כסא רבנות פון ווישקאָוו האָט איבערגענומען זיין יונגסטער זוהן הרב ר׳ דוד שלמה שליט״א. זיינע 2 עלטערע זיהן, וואָס זענען אויך אויסגעצייכענטע רבנים, האָט איינער ר׳ ישראל יצחק איבערגענומען דאָס רבנות פון סראָצק און דער אַנדערער, ר׳ מרדכי, דאָס רבנות פון סקאַרזיסק.

2) הרב הגאון החסיד ר׳ אברהם פינחס שליט״א, איז נאָך זיין פאָטערס פטירה געוואָרען אַ רבי אין שעדליץ, אַ טייל פון זיין פאָטערס חסידים זענען צו איהם געפאָהרען, און נאָך דער פטירה פון לעצטען ראַדזימינער רבין, האָבען אַ טייל פון זיינע חסידים איהם געקרוינט אַלס זייער רבין און ער האָט זיך בעזעצט אין וואַרשא.

3) הרבנית מרת גליקא, די פרוי פון הרב המאה״ג המפורסם בנש״ק ר׳ נחמי׳ אַלטער שליט״א, אַ ברודער פון גערער רבין שליט״א, איצט אַ מורה הוראה אין לאָדז.

4) הרבנית מרת עלקא ברכה, די פרוי פון סלאָנימער רבין אדמו״ר ר׳ אברהם וויינבערג שליט״א.

5) הרב הת״ח הנגיד החסיד ר׳ איטשע ז״ל פון לאָדז א). (פון זיווג שני).

6) הרבנית מרת חיה טויבע, די פרוי פון ר׳ חיים וואָלף אַבראַמאָוויטש נ״י.

7) מרת חוה, די פרוי פון הנגיד החסיד ר׳ פינחס שניאור נ״י פון וואַרשא. (זיווג שני).

8) הרב הנגיד החסיד ר׳ יחיאל מאיר שליט״א פון לאָדז. (זיווג שלישי).

9) הרב אדמו״ר ר׳ מנחם מענדיל שליט״א, נאָך זיין פאָטערס פטירה האָבען אַ טייל פון זיינע חסידים איהם געקרוינט אַלס זייער רבי און האָט זיך בעזעצט אין וואַרשא.

10) הרבנית מרת גיטל, די פרוי פון הרב אבד״ק וואָיין ר׳ משה ברוך שליט״א.

11) מרת רבקה, די פרוי פון הנגיד החסיד ר׳ מאָטיל לעווקאָוויטש נ״י פון וואַרשא.

12) מרת צפורה, די פרוי פון הנגיד החסיד ר׳ משה שפירא נ״י פון וואַרשא.

13) מרתביילא, די פרוי פון הנגיד החסיד ר׳ נתן גרייפמאַן נ״י פון קאָסטאַנטין ביי גרויס ביאַלא. (זיווג שלישי). פון זיי זענען אַרויסגעקומען חשובע משפחות.

---

## כה. אדמו״ר ר׳ יעקב יושע ז״ל, אַן אייניקעל פון קאָצקער רבין.

דעם עלטסטען זוהן פון אדמו״ר ר׳ דוד׳ן האָט מען אַ נאָמען געגעבען יעקב יושע נאָך זייער גרויסען עלטער זיידען, דער זאַמאָליגער קראָקעווער רב, דער מחבר פונם ספר „מגיני שלמה״. ר׳ יושע איז אויך געווען זעהר אַ טייערער יוד, אַ גרויסער חסיד, אָבער נישט אין דער מדרגה ווי זיינע 2 יונגערע ברידער ר׳ ישראל און ר׳ הערשעלי זענען געווען. נאָך דער פטירה פון זיין פאָטער אדמו״ר ר׳ דוד זענען זאָגאַר געווען אַ טייל בעל־בתישע חסידים, וואָס האָבען פערלאַנגט, אַז ער זאָל פיהרען ראַביסטווע.

---

א) הרב ר׳ איטשע מאָרגענשטערן ז״ל האָט מיר געוויזען זיינע כ״בים פון חסידישע תורות. ער איז נפטר געוואָרען אין יאָהר תרצ״ו י״ז אלול אין עלטער פון 49 יאָהר.

אָבער דער אמת דאַרף געשריבען ווערען, ווי איך האָב געהערט פון אַ זיכערן מקור א), אַז הרב ר׳ יושע, איינזעהענדיג, אַז קיין גרויסען עולם וועט ער נישט האָבען, האָט ער אַליין נישט געוואָלט פיהרען קיין ראַביסטווע, נאָר האָט זיך אָנגעשלאָסען אַלס חסיד, ווי דערמאָנט, צום יונגערן ברודער אדמו״ר ר׳ ישראל׳ן.

הרב ר׳ יושע האָט, ווי דערמאָנט, איבערנומען דאָס שניט-סחורה געשעפט, וועלכעס זיין מוטער, חיה טויבע, האָט פיעל יאָהרען געפיהרט. אָבער נאָך דער פטירה פון זיין ברודער, אדמו״ר ר׳ ישראל׳ן, האָט ער אָנגעהויבען פיהרען ראַביסטווע. עטליכע הונדערט חסידים האָבען זיך ביי איהם געהאַלטען. ער איז נפטר געוואָרען אין ערשטען טאָג פסח תרס״ז אין עלטער פון 77 יאָהר. קיין דינאַסטיע איז פון איהם נישט געבליבען.

אדמו״ר ר׳ יושע איז געווען אַן איידעם פון ר׳ משה מאזעס פון גרויס ביאַלא. נאָך עטליכע יאָהר איז זיין פרוי געשטאָרבען, האָט ער גענומען אַ זיווג שני, די טאָכטער פון ר׳ לייבוש גינצבערג פון פילץ. ס׳זענען פון איהם געבליבען 9 קינדער: —

1) ר׳ הערשעל מאָרגענשטערן פון לאָדז. 2) מרת אסתר די פרוי פון... (ביידע פון זיווג ראשון). 3) ר׳ לייבוש מענדיל אין שעדליץ. 4) ר׳ משה אין לאָדז. 5) ר׳ איטשע מאיר אין לובלין. 6) מ׳ רחמה, די פרוי פון ר׳ יוסף פעדער אין לובלין. 7) מ׳ שרה, די פרוי פון ר׳ אַלטער בערגמאַן אין ווענגראָוו. 8) מ׳ פעריל די פרוי פון ר׳ יוסל טענענבוים אין וויערזביניק. 9) מ׳ חוה, די פרוי פון ר׳ העניך וועקסלער אין זאַווירצע.

פון זיי אַלע זענען אַרויסגעקומען חשובע משפחות.

---

## כו. אדמו״ר ר׳ שמואל ז״ל דער צווייטער סאָכאַטשאָווער רבי.

א. אדמו״ר ר׳ אברהם׳ן האָט די פרוי זיינע, שרה צינע, די טאָכטער פון קאָצקער רבין, אין ערשטען יאָהר נאָך זייער חתונה געבוירען אַ טאָכטער. מ׳האָט איהר אַ נאָמען געגעבען אסתר, נאָך דער מוטער פון קאָצקער רבין, וועלכע איז געווען, לויט ווי ס׳איז צו זעהען פון דער אויפשריפט פון איהר מצבה אַ אשה גדולה, אַ זעהר אויסגעצייכענטע פרוי ב). אין אַ יאָהר אַרום האָט זי איהם געבוירען אַ זוהן. אדמו״ר ר׳ אברהם האָט זיך געווענדעט צום שוועהר זיינעם מיט אַ פראַגע, וואָס פאַרע נאָמען ער זאָל זיין נייגעבוירענעם זוהן געבען. „וואָס פאַרע נאָמען ס׳וועט דיר איינפאַלן”, האָט דער קאָצקער רבי געענטפערט. איז איהם גראָד איינגעפאַלען דער פסוק

---

א) פון קאָצקער רבין אדמו״ר ר׳ יוסף ז״ל. ב) זעה ווייטער קאַפיטעל ל׳. זי, אסתר, איז אויך געווען בעקאַנט אַלס אַ צדקת. זי איז געווען די פרוי פון הרב הגדול בתורה ובחסידות ר׳ מאיר באָרנשטיין ז״ל, דער זוהן פון גרויסען ביאַלער רב ר׳ וואָלף נחום ז״ל, דער פאָטער פון סאָכאַטשאָווער רבין ז״ל. הרב ר׳ מאיר איז אויך געווען אַן עלוי, צוליעב וואָס זיין גרויסער ברודער האָט זיך גענומען איהם פאַר אַן איידעם. הרב ר׳ מאיר איז נפטר געוואָרען אין לאָדז אין יאָהר תרצ״ב ד׳ אייר אין עלטער פון 80 יאָהר. פון איהם זענען אַרויסגעקומען זעהר חשובע משפחות.

(שמואל א׳ א׳ כ׳) „כי מה׳ שאלתיו״ (ווארום פון ג–ט האָב איך איהם פער־לאַנגט), וועלכען חנה האָט געזאָגט אַלס אַ טעם, פאַרוואָס זי האָט אַ נאָמען געגעבען איהר קינד שמואל, דעם צוקונפטיגען שמואל הנביא. דעריבער האָט אדמו״ר ר׳ אברהם אַ נאָמען געגעבען זיין זוהן: שמואל א).

קוים 4 יאָהר אַלט איז שמואל געווען דאַמאָלס, ווען דער זיידע זיינער, דער קאָצקער רבי, איז נפטר געוואָרען, אָבער כל ימיו האָט ער געוואוסט צו שילדערן זיין געשטאַלט, זיין אויסזעהען, זאָגאַר ווי ער האָט פסח אָבּ־געריכט דעם סדר ב). ביז ר׳איז אַלט געוואָרען 8 יאָהר האָט זיך שמואל גוט דערצויגען אין קאָצק, וואו ס׳האָט איהם גאָרנישט געפעהלט. אָבער נאָכדעם דער פאָטער זיינער איז געוואָרען אַ רב אין פאַרצעווע, וואו ער האָט, ווי אויבּען דערמאָנט, געליטען פון אָרימקייט, האָט שמואל אויך נישט איינמאָל געפיהלט דעם ביטערן טעם פון נויט.

פון יענער צייט ווערט דערצעהלט פאָלגענדער כאַראַקטעריסטישער פאַקט: אַמאָל ווען שמואל איז אַהיימגעקומען פון חדר צו מיטאָג, בעת אין שטוּב איז נישט געווען וואָס איהם צו געבען צו עסען, אפילו אַ טרוקען שטיקעל ברויט אויך נישט, דאַמאָלס האָט איהם דער גרויסער פאָטער זיינער געזאָגט עטליכע גוטע פשטלעך, מיט וועלכע זיין הונגער איז געשטילט געוואָרען און איז צוריקגעגאַנגען אין חדר אַריין אומגעגעסען ג).

דערפון איז צו זעהען, וואָס סאָרט אויסגעצייכענט יונגעל אָט דאָס בן־יחיד׳ל איז געווען.

ב. ווען שמואל האָט אויפגעהערט צו געהען אין חדר, איז ער שוין גע־וואָרען אַ תלמיד מובהק פון זיין גרויסען פאָטער. ביי איהם האָט ער געלערנט צוזאַמען מיט אַלע זיינע ישיבה־בחורים 8 שעה אין טאָג, און בעזונדער האָט ער אויך נאָך ביי איהם געלערנט. און זייענדיג אַן עלוי, בעגאַבּט מיט זעהר אַ געזונדען מענטשענפערשטאַנד, אַ שטאַרקע אויפפאַסונגס־קראַפט (תפיסה), אַ גוטען זכרון און מיט אַ חשק צום לערנען, האָט ער פון זיין פאָטער פיעל מקבל געווען, אַזוי אַז ער איז געוואָרען אַן אמת׳דיגער גדול בתורה. דערצו איז ער געווען קערפערליך אויסגעצייכענט, אַ שעהנע געשטאַלט, הויך געוואַקסען, ברייטביייניג און אַ מאַיעסטעטיש אויסזעהען.

ס׳זענען, אַלזאָ, אַוודאי געווען פיעל חסידישע גבירים בעלנים, איהם צו בעקומען פאַר אַ חתן, אָבער אדמו״ר ר׳ אברהם האָט נישט געוואָלט טהון מיט איהם אַ געלד־שידוך. אין יאָהר תרל״ג האָט אדמו״ר ר׳ שמואל חתונה געהאַט מיט דער בתולה יוטע לאה, די טאָכטער פונם בעוואוסטען תלמיד־חכם און גרויסען חסיד ר׳ ליפּמאַן ז״ל ליטמאַנאָוויטש, אַן איידעם פונם ראַדאָמסקער רבין, אדמו״ר ר׳ שלמה ז״ל ראַבּינאָוויטש, דער מחבר פונם ספר „תפארת שלמה״. הרב ר׳ ליפּמאַן איז געווען איינער פון די שענסטע קאָצקער חסידים. דער קאָצקער רבי האָט איהם ליעב געהאַט ד). די חתונה,

---

א) געהערט פון הרה״ח הישיש ר׳ מענדיל שליט״א אַן אייניקעל פון ביאַלער רב הגאון הצדיק ר׳ וואָלף נחום זצ״ל. ב) געהערט פון זיינע קינדער. ג) אביר הרועים עמוד . ד) הרב ר׳ ליפּמאַן ליטמאַנאָוויטש איז געבּוירען געוואָרען אין וויעדזשאָוו, אין יאָהר תקצ״א. זיין פאָטער ר׳ ברוך יהודה איז דאָרט געווען פון די חשובסטע איינוואוינער. ר׳ ליפּמאַן האָט געהאַט אַ וויין־שענק אין

איז פֿאָרגעקומען אין קרושנעוויץ, וואו אדמו״ר ר׳ אברהם האָט געוואוינט.

אדמו״ר ר׳ שמואל איז אויך נאָך זיין חתונה געבליבען וואוינען לעבען זיין פאָטער און האָט ביי איהם געלערנט אַלע מקצועות פון דער תורה, סיי נגלה סיי נסתר. דער גרויסער פאָטער זיינער האָט פון איהם שטאַרק געהאַלטען. „מיין שמואל איז אַ גדול״, האָט ער אויף איהם געזאָגט. און אויך נאָכדעם ווי אדמו״ר ר׳ שמואל איז עלטער געוואָרען, איז געגאַנגען פאַר זיך, געפיהרט אַליין אַ ישיבה, געהאַט זיין הויזגעזונד און געמאַכט געשעפטען צו זיין פרנסה, איז ער אויך יעדען טאָג אַריינגעגאַנגען צו זיין פאָטער, וועלכער האָט איהם איבערגעזאָגט אַלץ, וואָס ער האָט אין דעם טאָג אויפגעטהון, און געהאָרכט זיין מיינונג. אויך אַלע אַנדערע אַנגעלעגענהייטען, וועלכע זענען ביי איהם פאָרגעקומען, פלעגט ער מיט איהם איבערשמועסען. מען קאָן זאָגען, אַז אדמו״ר ר׳ שמואל איז געווען די רעכטע האַנד פון זיין פאָטער. אויך דערמיט האָט ער איהם געלייסטעט אַ גרויסען דיענסט, וואָס ער האָט אַכטונג געגעבען, אַז זיינע כתבים זאָלען נישט געהן לאבוד. ער האָט זיי נעמליך מגיה און מסדר געווען און אין אַן עסטעטישען פאָרם געלאָזט דרוקען. דער פאָטער זיינער האָט איהם דערפאַר געדאַנקט, שרייבענדיג אין דער הקדמה צו זיין ספר „אגלי טל״ פאָלגענדעס:

„ולטוב יזכר שם בני מהר״ש נ״י, שטרח הרבה בסידור הכתבים על מכונם, המוקדם מוקדם והמאוחר מאוחר, גם מלאתי את ידו להוציא את כל פסקי הלכות מתוך הפלפול, לעשות את פנים הספר בלשונו, כי הוא בעל צחות לשון הקודש, וקמא קמא דתיקן הביא לפני, וראיתי שהוא מתאים עם הביאור, לא החטיא המטרה (רק במקומות מועטים הצרכתי להגיה קצת לפי הלך רוחי) והכל מסודר באופן נאות, כל הלכה על מכונה ועליה יסוב הביאור כחפץ לבבי״.

צו אָט דעם ספר האָט אדמו״ר ר׳ שמואל אויך צוגעגעבען זיינע „הגהות וחדושים״, וועלכע האָבען עס אין אַ געוויסער מאָס פערפולקאָמט.

ג. אין יאָהר תרס״ב י״ג כסלו, איז די פרוי פון אדמו״ר ר׳ שמואל׳ן, די רבנית מרת יוטע לאה, וועלכע האָט איהם געבוירען זיהן און טעכטער, נפטר געוואָרען. אין אַ צייט אַרום האָט אדמו״ר ר׳ שמואל גענומען אַ זיווג שני, אַ בתולה, די טאָכטער פון קשוינזער רב ר׳ נתן נטע שפירא, דער מחבר פון ספר „שמן למאור״. די רבנית תחי׳ האָט איהם אויך געבוירען זיהן און טעכטער שיחי׳.

ד. אין יאָהר תר״ע כ״ד כסלו איז די מוטער פון אדמו״ר ר׳ שמואל׳ן נפטר געוואָרען אין איהר 72-טען לעבענס-יאָהר. אדמו״ר ר׳ שמואל האָט

---

ראַדאָמסק, אָבער בעיקר איז געווען זיין ווייב די סוחרטע, בעת ער איז געזעסען על התורה ועל העבודה ר׳ ליפמאַן איז נפטר געוואָרען ג׳ אלול תרנ״ה, ווען כ׳האָב געוואוינט אין ראַדאָמסק האָט מיר מיין פאָטער ז״ל געשריבען: „לך נא לדרוש בשמי את שלום הרב החסיד המופלג מו״ה ליפמאַן שליט״א. היה נא אצלו בן בית ובחברתו ההענג כי הוא הנהו תלמיד חכם וחסיד, בזמן הזה הוא יקר המציאות מאד, ודע כי סתירתו בנין״. זעה „תפארת אדם״ עמוד צ״ט.

אויסגעדריקט איהר חשיבות אין זיין צער אין פאָלגענדען טעקסט איהר מצבה:

שרתי במדינות בת שרף מעופף א)
רכב אלקים שם סיני בקודש
הדר צדקתה עלי ארץ ינופף
צינה וסוחרה זאת עולת החודש
בת עין תדמע ותזל מים
הרב תאני׳ אל בת השמים
קדוש ה׳ מכובד מפענח נעלמים
מנחם לבית יהודה מקיץ גרדמים

מחברת הקודש גאון עזינו ותפארתנו
קן לחכמה מפתח סגור לבבנו
אשת חיל וחכמה מאד גוברת
צמח צדקתה פורח כגפן אדרת
קדושים יתנו לה יד בין תמימים
זורחת היא בגנזי מרומים
צדקתה תזהיר כאור שבעת הימים
לקום לתחי׳ אחרי שנת שלומים.

# תנצב״ה

ס׳זענען נאָך נישט פערביי געגאַנגען קיין דריי חדשים, אין י״א אדר תר״ע, איז דער גרויסער פאָטער פון אדמו״ר ר׳ שמואל׳ן נפטר געוואָרען. דאַמאָלס האָט זיך אָנגעהויבען פאַר איהם אַ נייע תקופה, ווארום דער גאַנצער עולם פון זיין. פאָטער האָט איהם געקרוינט אַלס זייער רבין. ר׳איז געוואָרען דער צווייטער בעריהמטער סאָכאַטשאָווער רבי. די ראַביסטווע האָט ער געפיהרט מיט אַ שאַרפקייט און אַ פעסטקייט, ר׳האָט קיינעם נישט נושא־פנים געוועז, ווי זיין פאָטער האָט געפיהרט. און אַזוי ווי יענער האָט ער זיך אויך נישט אַוועקגעריהרט פון די מנהגים פון „שולחן ערוך״ אפילו כחוט השערה.

ה. אדמו״ר ר׳ שמואל האָט געוואוסט פיעל תורה־ווערטער פון זיין גרויסען זיידען, דעם קאָצקער רבין, מיט וועלכע ער האָט זיך אָפטמאָלס בעדיענט. טיילמאָל האָט ער דערקלערט זיין טיעפע כוונה. אַמאָל איז, למשל, צו איהם געקומען אַ חסיד פאַר פסח און האָט זיך קרעכצענדיג בעקלאָגט, אַז ער האָט נאָך נישט פסח צו מאַכען, דערויף האָט איהם אדמו״ר ר׳ שמואל געזאָגט: „דער זיידע פון קאָצק האָט געזאָגט, אַז די גאַנצע די וועלט איז נישט ווערט, מען זאָל אויף איהר געבען אפילו איין קרעכץ״. אָבער ער האָט אָט דעם חסיד געבאָרגט, אַ היבשע סומע געלד, מיט וועלכען ער האָט גע־האַנדעלט און פערדינט אויף פסח ב). אַמאָל האָט אדמו״ר ר׳ שמואל געזאָגט: דער זיידע פון קאָצק האָט געזאָגט, „פאַרוואָס רופט מען אָן אַ רבין גוטער יוד, דערפאַר וואָס ער איז מבורר, ר׳איז כולו טוב״. זיין כוונה איז געוועזן דאָס, וואָס יעדער מענטש ווערט געבוירען מיט אַ חלק רע, מיט פסולת, און

א) אדמו״ר ר׳ שמואל האָט בלויז געשריבען „בת השרף מקאָצק״, נאָר ווי ער האָט דעם טעקסט פאָרגעלעגט דעם פאָטער זיינעם, האָט איהם אַלץ געפאָלען נאָר ער האָט געהייסען שרייבען „בת שרף מעופף״. (זעה זוה״ק פ׳ פקודי דה״ס רמ״ז ע״ב ומ״מ אני לך). אביר הרועים אות ע״ג. דער אלכסנדרער רבי, דער אַזויגערופענער „ישמח ישראל״ ז״ל, האָט אַמאָל געזאָגט, ווי כ׳האָב געהערט דערצעהלען, אויפן קאָצקער רבין, אַז ער איז געוועזן אַ שרף. ב) אביר הרועים אות רט״ז.

ער איז אויסגעלייטערט, אַזוי אַז ר׳איז שוין אָהן שום פסולת. און אָט דאָס איז דער זין פונם מאמר חז״ל הרב הדומה למלאך ה׳ צבאות תורה יבקשו מפיו, ד. ה. אַז ער איז אָהן פסולת ווי אַ מלאך. און לויט דעם איז פאַר־ענטפערט די האַרבע קשיא פון מהר״ל מפראָג, וואָס ער פרעגט אין זיין ספר „דרך חיים״ אויפ׳ן מאמר פון פרק אבות (פ״ג): „שלשה כתרים הם כתר תורה כתר כהונה כתר מלכות וכתר שם טוב עולה על גביהן״. דאָס איז געמיינט, זאָגט רש״י, מעשים טובים. וואָרום כתר תורה אָהן מעשים טובים האָט דאָך גאָר קיין ווערט גישט, איז דאָך אַוודאי מיט כתר תורה אויך געמיינט מעשים טובים? אָבער לויט די דערמאָנטע ווערטער פון קאָצקער רבין, אַז מיט׳ן אויסדרוק „טוב״ איז געמיינט מבורר, אָהן שום פסולת, קאָן זיין, אַז מיט מעשים טובים איז אויך געמיינט אַזעלכע מעשים, וואָס זענען דורכאויס גוט, לשמה, אָהן שום פסולת, נאָר צו טהון דעם רצון פון אייבערשטען, אָבער אין כתר תורה קאָן אויך געמיינט זיין אַזעלכע מעשים, וואָס זענען שלא לשמה א).

ו. אין יאָהר תרע״ב האָט אדמו״ר ר׳ שמואל אַרויסגעגעבען דאָס גרויסע ספר פון זיין גרויסען פאָטער „אבני נזר״, צו וועלכען ער האָט געשריבען פאָלגענדע הקדמה:

ישמחו הלומדים ויגילו המעיינים בהגלות נגלות פרי קודש הלולים מתורתו של כ״ק אבי הגאון הקדוש אשר השאיר אחריו ברכה תשובות בכל חלקי השולחן ערוך, שהשיב לשואליו דבר ה׳ זו הלכה. ויען שהכל הי׳ בלתי מסודר ודרוש עוד עבודה ושקידה רבה, נתתי משפט הבכורה לשאלות ותשובות הנחוצים למעשה. וקראתי שם הספר „אבני נזר״, שבו נרמז שמו ושם אביו ב). וזאת לדעת כי במקומות מועטים העירותי על הגליון בלשון המגיה, להפריש בין מה שכתב המחבר לבין מה שהגהתי. עתה אצא וכפי פרושות השמימה, שהדברים יתברכו בלב ויעשו פירות ופירי פירות, ובודאי יהי׳ זה לקורת רוח לנשמתו הקדושה, כמו שבעודנו בחיים חיותו בזה העולם הי׳ כל מגמתו להאיר עיני ישראל, ובטח יהי׳ למליץ יושר בעד אנשים המיימינים (כפירש״י שבת פ״ח) בדבריו הקדושים.

שמואל בהגאון הקדוש המחבר זצללה״ה.

אויפ׳ן נאָמען פון אָט דעם ספר ווערט אָנגערופען אדמו״ר ר׳ אברהם ביי חסידים: „דער אבני נזר״. און אין דעם ספר געפינען זיך אויך תשובות פון אדמו״ר ר׳ שמואל׳ן.

ז. אדמו״ר ר׳ שמואל האָט שטאַרק געהאַלטען דערפון, אַז מען דאַרף זיך בעמיהען, צו פערגרעסערן דעם ישוב אין ארץ ישראל און דאָרט קויפען נחלאות. אַמאָל האָט ער אַריינגערופען צו זיך עטליכע חסידים כלל־טהוערס און זיי געוויזען די ווערטער פון אבן עזרא אויפ׳ן פסוק אין מגלת אסתר (ה. ה.): „ולפי דעתי, שאיחרה אסתר לדבר ביום הראשון במשתה היין, בעבור שלא ראתה שום אות, שחידש השם בעבור תענית ישראל, וכאשר עשה ביום

---

א) ספר שם משמואל פרשת תצוה לשנת תרע״ג. ב) זיין כוונה איז געווען, אַז אין די ווערטער „אבני נזר״ געפינען זיך די נעמען: „אברהם בן רבי זאב נחום״ און דער אויסדרוק איז גענומען פון פסוק (זכריה ט׳ ט״ז) כי אבני נזר מתנוססות על אדמתו.

השני דבר גדולת מרדכי, חזק לבה". (לויט מיין מיינונג האָט אסתר דערפאַר גאָרנישט גערעדט אינם ערשטען טאָג, ווען זי איז געזעסען ביי דער סעודה צוזאַמען מיט אחשורוש'ן און המנ'ען, ווייל זי האָט נישט געזעהען קיין שום צייכען, אַז דער אייבערשטער האָט עפעס געטהון צוליב'ן 3 טעגיגן תענית פון די יודען. אָבער אינם צווייטען טאָג האָט אחשורוש גערעדט וועגען גרויסקייט פון מרדכי'ן, אָט דערמיט האָט זיך איהר האַרץ געשטאַרקט און גענומען טהון אַ טובה פאַר איהר פאָלק ישראל).

און דערויף האָט אדמו"ר ר' שמואל געזאָגט: „מיר זענען אויך אין דערזעלביגער לאַגע, כל זמן מיר האָבען נישט געזעהען אַ בעוויז פון הימעל, אַז דער אייבערשטער וויל און פערלאַנגט אונז, אדרבה, מיר האָבען נאָך בעגעגענט מכשולים אויף יעדען שריט, וואָס מיר האָבען וועגען דעם ענין געטהון, דעריבער האָבען מיר נישט דוחק את השעה געווען, צו מאַכען גרויסע הכנות מיט ממשות'דיגע זאַכען לטובת דעם ישוב אין ארץ ישראל, אָבער איצט ווען ס'איז מקוים געוואָרען דער פסוק (שיר השירים ה' ב'), קול דודי דופק פתחי לי וכו', ווען ס'איז אַריין דער געדאַנק אין די הערצער פון די הערשער, אַז מען דאַרף אונז יודען צוריקגעבען דאָס הייליגע לאַנד, אַזוי ווי מען געפינט ביי אַ טייל ראשונים, וואָס האָבען געזאָגט, אַז אַזוי ווי אין דער צייט פון נאָכ'ן חורבן בית שני איז געקומען די גאולה פאַר יודען דורך כורש'ן דער מלך פון פרס, אַזוי וועט אויך זיין דער אָנהויב פון דער קומענדער גאולה, אַז דער אייבערשטער וועט ארויסרופען ביי די רעגירונגען פון דער וועלט דעם ווילען, אונז צוריקצוגעבען אונזער לאַנד. דעריבער ליגט אויף אונז אַ הייליגער חוב, צו טהון אַלע מעגליכקייטען, סיי מאַטעריעל סיי גייסטיג, צו פערגרעסערן דעם ישוב אין ארץ ישראל, וואו ס'וועט געפיהרט ווערען לויט'ן גייסט פון דער תורה. און ווי איך געדענק נאָך די אייגענשאַפטען פון יעדען שטיקעל ערד, זאָגאַר פון יעדען שטיין, וואָס געפינט זיך אין ארץ ישראל, נאָך פון דער צייט ווען איך בין דאָרט געווען מיט 30 יאָהר צוריק, קאָן איך עצות געבען בנוגע צו קויפען דאָרטען נחלאות".

ח. דאָס יאָהר, אין וועלכען ס'איז אויסגעבראָכען דער וועלט-קריעג, תרע"ד, איז דערגרייכט. דאַמאָלס איז געווען סאָכאַטשאָוו אַ קריעגספלאַץ פאַר די דייטשע און רוסישע אַרמעען, אַזוי אַז די שטאָדט איז חרוב געוואָרען. אין יענעם זומער איז אדמו"ר ר' שמואל געווען אויף אַ קוראָרט אין אויסלאַנד. אַהיימפאָהרען קיין סאָכאַטשאָוו האָט ער שוין נישט געקענט. מיט שוועריגקייטען איז ער אָנגעקומען חול-המועד-סוכות קיין לאָדז, וואו זיין פאַמיליע איז שוין געווען. אין לאָדז איז ער געבליבען וואוינען און דאָ האָט ער געוואוינט 5 יאָהר. דערנאָך האָט ער זיך איבערגעצויגען קיין זגיערזש, וואו ס'איז אויפגעשטעלט געוואָרען פאַר איהם אַ הויז און אַ בית-מדרש. אין זגיערזש האָט ער געוואוינט ביז צו זיין לעצטער צייט, אָבער שטענדיג האָט מען איהם גערופען: „סאָכאַטשאָווער רבי".

באַלד נאָך סוכות פון יאָהר תרפ"ו איז אדמו"ר ר' שמואל קראַנק געוואָרען ל"ע. נאָכדעם ווי ער איז קראַנק געווען עטליכע וואָכען, האָבען איהם דאָקטוירים געראַטען צו פאָהרען קיין אָטוואָצק. נאָך אַ צווייוואָכענדיגען

דאָרטזיין האָט ער כ״ד טבת זיין הייליגע נשמה אויסגעהויכט אין עלטער פון 71 יאָהר. מ׳האָט איהם געפיהרט מיט גרויס כבוד קיין סאָכאַטשאָוו און איז נקבר געוואָרען אינם „אוהל״ פון זיין גרויסען פאָטער ז״ל.

דער גאַנצער סאָכאַטשאָווער עולם האָט .דאַן געקרוינט אַלס זייער רבין דעם עלטסטען זוהן זיינעם (להבבחל״ח) אדמו״ר ר׳ דוד שליט״א, וועלכער האָט פריהער פערנומען דאָס כסא-רבנות פון טאָמאַשאָוו און ווישעגראָד. אדמו״ר ר׳ דוד, וועלכער איז בעקאַנט אַלס איינער פון די גרעסטע גאונים און צדיקים פון אונזער צייט, האָט זיך תחילת בעזעצט אין פאַביאַניץ און איצט וואוינט ער אין לאָדז. ה׳ יאריך ימיו ושנותיו.

ט. אַזוי ווי אדמו״ר ר׳ שמואל האָט זיך געפיהרט בנוגע די כתבים פון זיין פאָטער, האָט זיך געפיהרט זיין דערמאָנטער גרויסער זוהן בנוגע זיינע כתבים. אין יאָהר תרפ״ח האָט נעמליך אדמו״ר ר׳ דוד שליט״א געלאָזט דרוקען די חידושי תורה פון זיין פאָטער אויף אַלע פרשיות פון דער תורה אונטערן נאָמען „שם משמואל״. אָט דאָס ספר האָט געמאַכט דעם מחבר זיינעם, אדמו״ר ר׳ שמואל׳ן, אַ גרויסען נאָמען אין דער הסידישער וועלט. אויך די חסידים וואָס האָבען איהם פריהער נישט אַזוי גוט געקענט, האָבען איצט געזעהען זיין גרויסקייט. אדמו״ר ר׳ דוד שליט״א שרייבט אין זיין הקדמה צו אָט דעם ספר פאָלגענדעס:

„יתענגו החכמים וישמחו הנבונים בהגלות נגלות מאורי אור יקרות וקפאון חידושי תורת כ״ק אבינו אדמו״ר הרב הגה״ק זצוקללה״ה, אשר הניח אחריו ברכה כתוב בכתב ידו הקדושה דברי אלקים חיים אשר דרש מדי שבת בשבתו ומועדי קודש, המבשרות צבא רב קהל חברים מקשיבים לקולו משובצים באבני נזר קודש, מאמרי קודש מכ״ק אביו אדומו״ר הגדול הרב הגה״ק רשכבה״ג זצוקללה״ה, אשר שמע מפיו הקדוש ומהם אשר נכתבו בכתב ידו הקדושה, אך יען נכתבו בקיצור כדרכו בקודש, חשש כ״ק אבינו אדמו״ר זצוקללה״ה להדפיסם פן יחטאו המטרה בכונתו הקדושה, כי אף בחידושיו לתורה הנגלית כתב בעצמו בתשובותיו בשם גדול אחד, שבדבריו צריכים לעיין כמו בדברי הראשונים (עיין באבני נזר חלק אה״ע סי׳ קכ״ב) מה גם בנסתרות, וכ״ק אבינו אדמו״ר זצוקללה״ה ביארם בביאור רחב בצחות לשונו הקדוש. וכעת תהלה לעליון יוצרנו תעלוז נפשנו בכפלים לתושיה, בהוציאנו לאור עולם חדושי תורת אמת מאנשי אמת מאב ובנו אדומו״ר הקדושים זצוקללה״ה שראו את החידוש, ויהי רצון מלפני אבינו שבשמים, שדבריהם הקדושים הנאמרים בקדושה וטהרה ורגש קודש, לעורר לבב אחינו בני ישראל לתורת ה׳ לאהבתו וליראתו הטהורה, ימצאו מסלות בלבב הלומדים והמעיינים בדבריהם הקדושים, להנטותם לתחי׳ לתורה ולמצות אשר יעשה אותם האדם וחי בהם עד העולם״.

מיר וועלען דאָ ברענגען עפּעס פון זיינע תורות:

י. אויפ׳ן פסוק (בראשית י״ט י״ד) „ויהי כמצחק בעיני חתניו״, שטעהט אין „שם משמואל״: מ׳קאָן זיך דערויף וואונדערן, וואָרום זיי האָבען דאָך געזעהען, דאָס גרויסע וואונדער, וואָס די גאַנצע שטאָדט פון גרויס ביז קליין, איז געשלאָגען געוואָרען מיט בלינדקייט, ווי ס׳שטעהט דאָרט פסוק י״א, ואת האנשים אשר פתח הבית הכו בסנורים מקטן ועד גדול? נאָר ס׳זעהט אויס,

אַז דאָס איז אויך געווען פון דער מכּה סנורים, פון שלאָגען מיט בלינדקייט, אַזוי ווי אין גשמיות, האָבען זיי נישט געקאָנט געפינען די טהיר, זיי האָבען נעמליך געזעהען און נישט געזעהען, אַזוי זענען אויך זייערע גייסטיגע אויגען געווען פערבלינדעט, זיי האָבען געזעהען דאָס וואונדער און האָבען נישט געקאָנט לענקען דערויף זייער אויפמערקזאַמקייט.

אָט דאָס איז אַ לעהרע פאַר'ן מענטש, ס'זענען נעמליך פאַראַן פיעל צייטען און פיעל ענינים, אויף וועלכע מען וואָלט נאָר מיט אויפמערקזאַמקייט געקוקט, וואָלט מען געזעהען די וואונדער פונם אייבערשטען, די „השגחה פרטית" זיינע, דעם פערזיכערטען „שכר ועונש", אָבער ווען דער מענטש ווערט בייזוויליג פערגרעבט, ווערט ער געשלאָגען מיט בלינדקייט, אַזוי אַז ער זעהט און זעהט נישט.

אין אונזער צייט קאָן יעדער זעהען די וואונדער פון די גרויסע פערענדערונגען, וואָס זענען אין אָט דער צייט פאָרגעקומען, פעלקער זענען נעמליך דערשיטערט און קעניגרייכען — געשטירצט געוואָרען, און די „השגחה פרטית" שוועבט אויף יעדען פרט בעזונדער, אויף אַ וואונדערבאַרען אופן, און יעדער מענטש דאַרף צו זיין געהיטען פון דער מכּה „סנוורים". —

אויפ'ן פסוק זאת תהיה תורת המצורע (ויקרא יו"ד ב'), שטעהט אין „שם משמואל": דער מדרש זאָגט, דאָס איז וואָס שטעהט אין פסוק (תהלים ל"ד) מי האיש החפץ חיים. אַ מעשה איז אַמאָל געווען מיט אַ רוכל (הויזירער), וואָס איז ארומגעגאַנגען אין די שטעדט, וועלכע זענען נאָהנט צו צפורי, און גערופען: ווער וויל קויפען אַ סם חיים (לעבענסמעדיצין)! פיעל מענטשן האָבען זיך צו איהם געדרענגט. צווישען די נייגיריגע איז אויך געווען דער גרויסער תנא ר' ינאי. דאַן האָט דער הענדלער אַרויסגענומען דעם ספר תהלים און האָט געוויזען זיין אָנגעבאָטענע טייערע מעדיצין, דעם סם החיים. דאָס איז דער פסוק (תהלים ל"ד), מי האיש החפץ חיים נצור לשונך מרע (ווער ס'וויל לעבען, דער זאָל היטען זיין צונג פון שלעכטען). דאַמאָלס האָט ר' ינאי געזאָגט, אַז זיין גאַנץ לעבען האָט ער נישט אַזוי גוט פערשטאַנען דעם דערמאָנטען פסוק ווי איצט. און דאָס האָט אויך משה געזאָגט, זאת תהיה תורת המצורע, די תורה פון מוציא שם רע.

די מפרשים דערקלערען פערשיעדענאַרטיג, סאַרע נייעס דער דערמאָנטער רוכל האָט געזאָגט, וואָס ר' ינאי האָט פריהער נישט געוואוסט, אָבער מיר דאַכט זיך, אַז זיין כּוונה איז געווען פאָלגענדעס: דוד המלך האָט געוואָלט מיט דעם דערמאָנטען פסוק זאָגען, אַז כּדי זיך צו דערווערבען לעבען דורך סור מרע ועשה טוב (אָבקעהרען פון שלעכטען און טהון גוטס), מוז מען פריהער זיין אַ נוצר לשון מרע (אָבהיטען זיין צונג פון שלעכטס), אויב אָבער מען היט נישט די צינג פון לשון הרע, העלפט נישט דער סור מרע ועשה טוב, וואָרום דאָס שלעכטע, די טומאה, וואָס דער מענטש זאַפט אין זיך אַריין דורך רעדען לשון הרע, אָט דאָס פערטרייבט פון זיך דאָס גוטע, די ליכטיגקייט, די קדושה פון אַלע מצות.

אדמו"ר ר' שמואל ווערט אָנגערופען ביי חסידים אויפ'ן נאָמען פון אָט דעם ספר: „דער שם משמואל".

## כז. דער קאָצקער רבי און ר׳ אלעזר הכהן.

א. איינער פון די גרעסטע קאָצקער חסידים איז געווען דער באַוואוסטער גאון און צדיק, ר׳ אלעזר הכהן, דער מחבר פון „חידושי מהרא״ך״, וואָס איז געווען אַ רב אין מאַקאווע, פולטוסק, פּלאָצק און סאָכאַטשאָוו. ר׳ אלעזר כהן איז געווען פון די חשובסטע חסידים שוין ביים רבין ר׳ בונם. נאָך זיין הסתלקות האָט ער זיך בעהאָפטען צום קאָצקער רבין און ר׳איז ביי איהם געווען אַ מקורב. אין קאָצקער בית-מדרש איז ר׳ אלעזר געווען בעל-תוקע.

אַמאָל אין אַ ראש השנה האָט ר׳ אלעזר׳ן שטאַרק וועה געטהון דער האַלדז. האָט ער זיך געוואָנדען צום רבין און איהם געזאָגט, אַז צוליעב זיין האַלדזוועהטאָג וועט ער אַוודאי נישט קענען שופר בלאָזען. דער רבי האָט איהם אָבער מיט זיכערקייט געזאָגט: „ס׳וועט קיין אַנדערער נישט שופר בלאָזען״. און האָט גערופען ר׳ הירש טאָמאַשאָווערן און איהם געזאָגט: „געה אין מיין שלאָפשטוב, ברענג פון דאָרט מיינע פוטער-שטיוועל, וועט זיי ר׳ אלעזר אָנטהון, און ווען ס׳וועלען זיך איהם דערוואַרעמען די פיס, וועט איהם בעסער ווערען אויפ׳ן האַלדזוועהטאָג״. די פוטער-שטיוועל זענען אפילו ר׳ אלעזר׳ן געווען אַ ביסל צו ענג, דאָך האָט ער זיי אָנגעטהון, דערפאַר וואָס דער רבי האָט אַזוי אויף איהם גוזר געווען. שפּעטער איז איהם בעסער געוואָרען אויף זיין האַלדזשמערץ און האָט זעהר גוט שופר געבלאָזען א).

ב. אַ מעשה איז געווען ביים קאָצקער רבין בערך תקצ״ו, אין אַ פרייטאָגצונאַכטס, בעת ער איז געזעסען מיט חסידים ביים טיש און געזאָגט תורה, איז ער אַוועקגעפאַלען אין חלשות, אין אָהנמאַכט. ס׳איז געוואָרען אַ רעש צווישען די חבריא קדישא, די „טיש-זיצערס״, זיי האָבען אַרויסגעלאָזט אַ געוויין. ר׳ אלעזר הכהן איז געווען שטאַנדהאַפט, ער האָט באַלד גערופען דעם משמש ר׳ פייוולען און איהם בעפוילען, ער זאָל תיכף אַהערברענגען דעם קאָצקער דאָקטאָר. דער דאָקטאָר האָט פעסטגעשטעלט אַז מען מוז דעם רבין באַלד אָדער לאָזען ביי דער לינקער האַנד. ער האָט אָבער נישט געקענט אַראָפּציהען דעם אַרבעל, דאַמאָלס האָט ר׳ אלעזר געכאַפּט אַ מעסער פון טיש און האָט אַראָפּגעשניטען דעם אַרבעל פון דער האַנד. דער רבי האָט, דערזעהענדיג דאָס, געזאָגט צו ר׳ אלעזר׳ן: „ס׳איז דאָך שבת, קריעה איז דאָך פון די ל״ט מלאכות״. „כ׳בין אַ מקלקל, און אַ קלקול איז מותר צו טהון״, האָט ר׳ אלעזר געזאָגט, נישטוועלענדיג איהם מצער זיין און זאָגען „פקוח נפש איז דוחה שבת״. אַ גאַנצען שבת איז ער נאָך געלעגען אין בעט, געווען שוואַך, זונטאג איז איהם שוין אינגאַנצען בעסער געווען ב).

---

א) אי קונטרס „עץ אבות״ אן הוספה צום ספר „חידושי מהרא״ך״ פון ר׳ יהושע הכהן ז״ל.

ב) קונטרס „עץ אבות״. דארט. דער סאָקאָלאָווער רבי שליט״א האָט מיר אין אַ בריוו געשריבען אַז דער קאָצקער רבי האָט דאַמאָלס געזאָגט, אַז זיין זיידע פון קאָרעוו (ר׳ לייבוש)ז׳ האָט איהם אויסגעבעטען. הרב ר׳ אלעזר הכהן האָט אַ סך מאָל די מעשה דערצעהלט, און געזאָגט אַז דאָס וואָס ער האָט גורם געווען תחית-המתים ביים קאָצקער רבין, וועט ער זיך מיטנעמען אין עולם הבא (שיח שרפי קודש ח״ג סימן שצ״ד).

ג. ר׳ אלעזר הכהן איז געבוירען געוואָרען אין וואַרשא אין יאָהר תקנ״א ביי זעהר רייכע און מיוחסדיגע עלטערן. זיין פאָטער ר׳ מיכל לייפציגער, ווי מ׳האָט איהם גערופען, האָט אין וואַרשא געהאַט אַ גרויס מאַנופאַקטור-געשעפט. פאַר׳ן זוהן זיינעם, ר׳ אלעזר׳ן, וואָס איז געווען אַן עלוי און איבערגעגעבען צו תורה, האָט ער געזוכט אַ שידוך דווקא מיט אַ בת-תלמיד-חכם און האָט געפינען. ער איז נעמליך געוואָרען אַן איידעם פונם בעוואוסטען גאון ר׳ יעקב ז״ל פון ליסא, דער מחבר פון „חוות דעת״. ר׳ אלעזר האָט גע-לערנט ביי זיין שוועהר אין ליסע. שפעטער האָט ער זיך בעזעצט אין וואַרשא. כל זמן זיין רייכער פאָטער האָט געלעבט, האָט ער איהם געגעבען זיין הצטרכות. נאָכדעם זיין פאָטער איז געשטאָרבען און איהם איבערגעלאָזט אַ בעדייטענדע ירושה, האָט ער גענומען מאַכען געשעפטען מיט אַ שותף, בעת ער איז ווייטער געזעסען על התורה ועל העבודה. איין געשעפט האָט ער געמאַכט, נעמליך אויפצושטעלען דעם ציטאַדעל פאַר דער רוסישער מלוכה, ביי וועלכען ער האָט זיין גאַנץ פערמעגען, פערלוירען דאַמאָלס האָט ער זיך געזעהען געצווינגען, צו פערנעמען אַ כסא-רבנות: דאָס ערשטע רבנות זיינס איז געווען אינם שטעטעל מאַקאָווע. אָבער ער איז געוואָרען בעריהמט אַלס אַ גאון און אַ צדיק א).

אין יאָהר תרט״ו האָט ר׳ אלעזר בעקומען אַ כתב-רבנות פון פלאָצק. צוליעב דעם וואָס אין מאַקאָווע האָט זיין בני-בית געליטען פון פערשיעדענע קראַנקהייטען, האָט ער געוואָלט אָננעמען דאָס אָנגעבאָטענע רבנות, כאָטש אין אַ גרויסע שטאָדט קאָן אַ רב נישט זיין אַזוי איבערגעגעבען צום תורה-לערנען, ווי אין אַ קליינע שטאָדט. זייענדיג אויפ׳ן וועג קיין פלאָצק, האָט ער געהערט, אַז אין פלאָצק גראסירט די כאָלערא-עפידעמיע. צוליב דעם איז ער צוריקגעפאָהרען און האָט בעשלאָסען, צו פאָהרען קיין קאָצק, כדי צו פרעגען דעם רבין אַן עצה.

ווי דער קאָצקער רבי האָט געהערט זיינע ווערטער, איז ער צוגעגאַנגען צו זיין ספרים-שאַנק און איז דאָרט געשטאַנען בערך אַ פערטעל שעה. דאַן איז ער צוגעגאַנגען צו ר׳ אלעזר׳ן און איהם געזאָגט: „אלעזר, מאַקאָווער רבי! אויב דו וועסט דיך פערלאָזען אויף מיין דעה, וועל איך דיר געבען אַ גוטע עצה. מיין דעה איז, זאָלסט אָננעמען דאָס פלאָצקער רבנות״. „כ׳האָב אָבער געהערט זאָגען״, האָט ר׳ אלעזר געענטפערט, „אַז אין פלאָצק הערשט די שלאַפעקייט״. „כ׳זאָג דיר נאָך אַמאָל בפירוש״, האָט דער רבי געזאָגט, „זאָלסט הערען מיין עצה און זאָלסט פאָהרען קיין פלאָצק, און פאַר דער מגפה זאָלסטו קיין מורא נישט האָבען. נאָר ווען דו וועסט זאָגען אין דער פלאָצקער שוהל די ערשטע דרשה, ווי דער מנהג איז, זאָלסטו זאָגען דער פלאָצקער קהלה תוכחה, זאָלסט זיי גוט אָבזידלען, פאַרוואָס זיי פיהרען זיך נישט, ווי מען דאַרף לויט דער הייליגער תורה, און זיי זענען מזלזל אין מצוות קלות, זיי געהען אין די סאָנדעס אין הייליגען שבת, ס׳געהען שפאַצירען אין די גערטנער בחורים מיט בתולות, זיי טראָגען פון רשות היחיד אין רשות הרבים און פון רשות הרבים אין רשות היחיד, ס׳געהען

א) זעה ספר „עיר לאסק וחכמיה״ עמוד כ״ז.

אין די טהעאַטערס אויסגעמישט זכרים מיט נקבות, וועלכעס ס'קאָן ברענגען צו עבירות. און זאָגען זאָלסטו זיי בקול רם, איהר זאָלט וויסען, אויב איך וועל אָננעמען דאָס פלאָצקער רבנות, וועל איך עס פיהרען מיט אַ שטאַרקער האַנד, און וועל בשום אופן נישט צולאָזען, מ'זאָל דאָ עובר זיין אזעלכע עבירות. אויב זיי וועלען אָננעמען דיין תוכחה, און וועלען דערויף בעשטעהען, איז גוט, אויב נישט, זאָלען זיי דיר אומקעהרען די הוצאות, וואָס דו האָסט צוליעב זיי געמאַכט, און זאָלסט דיר צוריקפאָהרען קיין מאַקאָווע. אויף דעם בעדינג זאָלסטו פאָהרען, און דער אייבערשטער זאָל דיר געבען ברכה און הצלחה, זאָלסט נישט האָבען קיין מכשול, און זאָלסט דיך נישט ברויכען צו שעהמען פאַר גאונים און גדולים".

ד. ר' אלעזר הכהן האָט איהם געפאָלגט, איז געפאָהרען קיין פלאָצק, וואו ער איז אויפגענומען געוואָרען בכבוד גדול, און אין זיין ערשטער דרשה האָט ער טאַקי גערעדט שאַרפע דיבורים, ווי דער קאָצקער רבי האָט איהם פאָרגעשריבען. ער האָט אויך דאָס אָפּוירגעהויבען, אַז ער איז אַ קאָצקער חסיד און ער ,ועט אַזוי פיהרען, ווי עס פאַסט פאַר אַ קאָצקער חסיד. זיין דרשה האָט געמאַכט אין פלאָצק אַ גרויסען רושם. ס'זענען טאַקי געווען בעלי-בתים, וואָס האָבען פערלאַנגט ער זאָל צוריקפאָהרען, אָבער די פרומע יודען האָבען אויסגעפיהרט, ר' אלעזר הכהן איז געוואָרען פלאָצקער רב.

ה. אָבער נישט לאַנג דערנאָך האָט זיך אין פלאָצק דערוועקט מחלוקות קעגען ר' אלעזר הכהן, וועלכעס ס'האָט פערביטערט זיין לעבען. פונקט אַזוי ווי מיט אַ צייט צוריק זענען געווען אין פלאָצק שלעכטע מענשען, וואָס האָבען געפיהרט מחלוקות קעגען דאָרטיגען רב, דעם בעוואוסטען גרויסען וואָרקער חסיד ר' אַלכסנדר זושא הכהן, צוליעב זיין חסידות, אַזוי איצט איז געפיהרט געוואָרען אַ מחלוקה קעגען דעם גרויסען קאָצקער חסיד.

וועגען די מחלוקה קעגען ר' אַלכסנדר זושא הכהן האָט דער „חידושי הרי"ם" זיך געווענדעט צום בעוואוסטען גרויסען וואַרשעווער רב ר' שלמה זלמן ליפשיץ ז"ל מיט פאָלגענדען בריף אין יאָהר תקצ"ו, ווען זיין ספר חמדת שלמה איז געדרוקט געוואָרען א).

החיים והשלום וכל טוב לכבוד ידיד עליון הרב הגאון
המאה"ג פאר הדור תפארת ישראל הנשר הגדול נ"י פ"ה
ע"ה מו"ה שלמה זלמן נ"י אב"ד פ"ק.

„תשואות חן ליקרת כבודו על התשורה אשר שלח לי ספרו הנחמד, יזכהו ה' להרבות תורה בעולם כחפצו ויתחדשו כנשר נעוריו, ולהראות כי ערבים וחביבים עלי דברי מר, אמרתי לא אמנע להודיע את אשר פלפלתי בתשובתו סי' א'. אגב אבקש מכבודו דבר קטן עבור ידידי הרב הגדול אבד"ק פלאצק, שיש לו מחלוקות מאנשי בליעל בעירו, והלשינו אותו שיש כתות חלוקות בעמנו, ואין ראוי לו להיות אב"ד, ונצרך לו מאד, שכבודו יחי'

א) זעה אין ספר מאיר עיני הגולה עמוד י"ג.

יכתוב מכתב לשם, שח״ו אין שום חילוק בבני עמנו, שכולנו שוים, ומהראוי לעשות כן, שיכול ח״ו לבוא מזה הרבה גלגולים״ א).

און וועגען די מחלוקה קעגען ר׳ אלעזר הכהן האָט דער „חידושי הרי״ם״ צו איהם געשריבען פאָלגענדען בריף ב).

ב״ה ה׳ ניסן תר״כ לפ״ק גור.

החיים והשלום וכל טוב לאהובי ידידי כנפשי וחביבי ה״ה הרב המאה״ג חו״ב החסיד המפורסם כו׳ מו״ה **אלעזר הכהן** נ״י אבד״ק פלאָצק.

זה זמן שמעתי, שיש שם מחלוקות, והי׳ לי ע״נ, כי חשבתי, אשר תחי׳ שמה במנוחה והשקט, כי אין הכחות עתה לעבוד ה׳ מתוך יסורים. הלואי ונזכה בשובה ונחת, כראוי לעבודתו ית׳. ואקוה שתקיים מאמר חז״ל פ״ק דגיטין, ולא תשית לבך, וממילא תבטל, וה׳ יתן לך הרחבת הדעת וברכה ושלום וכל טוב ותקבל את יו״ט הקדוש הבע״ל מתוך הרחבה כחפץ ידידך דו״ש.

הק׳ יצחק מאיר בהרב מר״י זצ״ל.

6 יאָהר האָט ר׳ אלעזר הכהן פערנומען דאָס פלאָצקער כסא רבנות און האָט מקיים געווען דאָס, וואָס ער האָט געזאָגט אין זיין ערשטער דרשה צו דער פלאָצקער קהלה, לויט דער עצה פון קאָצקער רבין, אָבער צוליעב די קעגען איהם געפיהרטע מחלוקות׳ן האָט ער זיך געפיהלט געצווינגען, דאָס פלאָצקער רבנות צו פערלאָזען. ער איז דאַן נתקבל געוואָרען אַלס אַ רב אין פאַלטוסק. נאָכדעם ער איז געווען 12 יאָהר פאַלטוסקער רב, איז ער נתקבל געוואָרען מיט גרויס כבוד אַלס אַ רב אין סאָכאַטשאָוו.

ו. נאָך דער פטירה פון קאָצקער רבין איז ר׳ אלעזר הכהן געפאָהרען צום „חידושי הרי״ם״, וועלכער איז געווען זיין חבר נאָך אין זייער יוגענד. און נאָך דער פטירה פונם „חידושי הרי״ם״, אין תרכ״ו, זענען געוועזן חסידים, וואָס האָבען געוואָלט, אַז ר׳ אלעזר זאָל פיהרען ראַביסטווע, אָבער ער, ר׳ אלעזר, האָט נישט געוואָלט הערען דערפון, נאָר איז געפאָהרען צום בעוואוסטען צדיק אדמו״ר ר׳ אברהם ז״ל פון טשעכאַנאָוו. ער האָט דאָס דערמיט מאָטיווירט, אַז אַמאָל מיט 20 יאָהר. צוריק, ווען ער האָט זיך געזעגענט מיט׳ן קאָצקער רבין, ווען ער האָט געהאַלטען מיין האַנט אין זיינע, האָט ער מיר געזאָגט, שמועסענדיג, פון טשעכאַנאָווער רבין: „ווי נעמט מען אין אונזער דור אַזעלכע צוויי צדיקים ווי ר׳ יאַנקילי ראַדזימינער און ר׳ אברהם פון טשעכאַנאָוו״. און דאָס איז נאָך געווען איידער אָט דער צדיק איז געווען אַזוי מפורסם אויף דער וועלט. ווער ס׳האָט געקענט דעם קדוש פון קאָצק, ווי וויים זיינע ווערטער זענען געווען געוואויגען און געמאָסטען, אַז ער האָט קיינמאָל נישט גערעדט קיין וואָרט בדרך גוזמא, דער קאָן פער־שטעהען, ווי אַ גרויסער צדיק דער טשעכאַנאָווער רבי איז געווען ג).

---

א) ר׳ אלכסנדר זישע הכהן איז נפטר געוואָרען ו׳ אדר תקצ״ז אין עלטער פון קייגען 50 יאָהר. ב) זעה „קונטרס עץ אבות״ אינם ספר „חידושי מהרא״ך״. ג) זעה אין ספר ר׳ זאב ליפשיץ עמוד י״א.

אין יאָהר תרמ״ב כ״א מרחשון איז ר׳ אלעזר הכהן נסתר געוואָרען אין סאָכאַטשאָוו אין עלטער פון 91 יאָהר. אויף זיין קבר איז געשטעלט געוואָרען אַן „אוהל".

---

## כח. געשטאַלט, כאַראַקטער און דאָס מתפלל זיין פון קאָצקער רבין.

א. דער קאָצקער רבי איז געווען ברונעט, געהאַט אַ טונקעל אויסזעהען, שווארץ-חנייוודיג. אַ מעשה דערצעהלט מען, דער קאָצקער רבי איז אין זיין יוגענד אַמאָל געווען ביים קאָזעניצער מגיד שבת. אין בית-המדרש האָט מען שוין געגעסען, און אדמו״ר ר׳ מענדיל איז געשטאַנען אויפן בוידעם און נאָך געדאַוונט. האָט דער מגיד געזאָגט צום משמש: לאָז איבער עסען פאַר׳ן שוואַרצען מענדיל, וואָרום ער דאַוונט לעבעדיג א). זיין וואוקס איז געווען עפעס נידריגער ווי מיטעל, געווען שטאַרק געבויעט, ברייטפלייצעדיג, געהאַט לאַנגע ברעמען, אַ שאַרפען דורכדרינגענדען בליק, וואָס האָט געוואָרפען אַ מורא, אויף די מענטשען, וועלכע ער האָט אָנגעקוקט. ער האָט געהאַט אַ שטאַרקען, אומבייגזאַמען, אָבער זעהר אַ גוטען כאַראַקטער, געווען אַן אמת׳ר לב טוב, געהאַט אהבת ישראל אין אַ געוואַלטיג גרויסער מאָס. אדמו״ר ר׳ יצחק פון וואָרקע, וואָס איז געווען בעקאַנט אַלס אַ גרויסער אוהב ישראל, האָט אַמאָל געזאָגט, ווי מ׳דערצעהלט: „וואָס, איך בין אַ גוטערז אין קאָצק זיצט אַ גוטער". דער קאָצקער רבי האָט זיך אָבער אַ סך מאָל געבייזערט, צוליעב וואָס ער האָט מרחק געווען מענטשען פון זיך.

וועגען אָט דעם האָבען חסידים געזאָגט: יעדערער צדיק, וואָס איז בטבע אַ מקפיד, דער טאָר זיך נישט בייזערן און האָבען הקפדה, דערפאַר וואָס זיין הקפדה קאָן שאַטען, דער צדיק אָבער, וואָס איז בטבע אַ גוטער, דער בייזערט זיך און שעלט, נאָר זיינע קללות זענען לויטער ברכות. דער מדת חסד זיינער איז בעהאַלטען אין גבורה. אַזוי האָט מען אויך געזעהען ביים אַמאָליגען ראַדאָמסקער רבי, ר׳ שלמה הכהן, דער מחבר פון „תפארת שלמה", וואָס איז באמת געווען זעהר אַן איידלער מענטש, מען זאָגט אין זיין נאָמען זעהר טייערע ווערטער בנוגע דער מדה פון טוב-עין, פונדעסט-וועגען פלעגט ער זיך אָפט בייזערן אויף מענטשען. „אַ כהן איז מדת חסד און צוליעב דעם איז ער בייז", ווערט געזאָגט אין דער חסידות-ליטעראַטור, „דעם כהן׳ס בייזקייט איז אַ גדר, אַ מחיצה של ברזל פאַר זיין חסד, די גרויסע השפעה זאָל זיך נישט צופיעל פערשפרייטען אין אַן אָרט, וואָס איז נישט ראוי דערצו" ב).

דער דערמאָנטער גרויסער וואָרקער רבי, וואָס פלעגט עוסק זיין אין ענינים לטובת פון כלל ישראל, פלעגט זיך אַ סך מאָל בנוגע אַזעלכע ענינים בעראַטען מיט׳ן קאָצקער רבין און האָט זיין עצה געפאָלגט ג).

---

א) שש״ק. ב) רבי שלמה וויינריב אין זיין „קאָצקער חסידות". ג) מאיר עיני הגולה ח״א אות ר״ח.

ב. דער „חידושי הרי״ם״ האָט אַמאָל געזאָגט: „טיילמאָל האָבען מענטשען געמיינט, אַז די ווערטער פון קאָצקער רבין זענען געזאָגט געוואָרען אין אַ לשון פון הקפדה, בייזקייט. אָבער ווער קאָן צו דעם קומען. יעקב אָבינו האָט זיך געקאָנט בייזערן. ביי קיינעם פון די הייליגע אָבות געפינט מען נישט דאָס אין דער תורה, נאָר ביי יעקב אבינו ע״ה, דער אויסדער־ווע...לטער פון די אָבות שטעהט (בראשית כ״ט ב׳) „ויחר אף יעקב ברחל״, און נאָך אַמאָל (בראשית ל״א ל״ח) „ויחר ליעקב וירב בלבן״, אַז יעקב׳ן האָט עס פערדראָסען און זיך געבייזערט. דאָס בייזערן פון קאָצקער רבין איז אַלץ געווען לשם שמים״. (ס׳ „מאיר עיני הגולה״ ח״ב עמוד 29).

אינם בריף פונם צדיק ר׳ שלמה לייב לענטשנער, וואָס איז אויבען (קפיטל י״ב) געדרוקט, שטעהט: „כ׳וויס, אַז איהר זוכט די טובות פון יודען אין אַלגעמיין און איינצעלן, דעריבער בעט איך אייך, אַ טובה צו טהון אָט דעם יודען״.

אַ מעשה איז געווען, אַמאָל ווען ס׳איז צו איהם געקומען עפּעס אַ רבי, האָט ער איהם שטאַרק מכבד געווען און געמאַכט פאַר איהם אַ סעודה. ביי זיינע חסידים האָט דאָס אַרויסגערופען אַ פערוואונדערונג, וויסענדיג, אַז אָט דער רבי איז ביים קאָצקער רבי גאָרנישט אַזאַ חשוב. אַ חסיד האָט דאָס איהם געפרעגט. האָט ער איהם געענטפערט: „די גמרא זאָגט (כתובות ס״ו ע״ב): „אַ געפאַלענעם מענטש מוז מען געבען אַלץ לויט זיין געוואוינהייט, אפילו אַ פערד צו רייטען דאַרויף, אפילו אַ קנעכט, וואָס זאָל לויפען פאַר איהם״. איז דאָך קשה, בשלמא אַ פערד צום רייטען — קאָן זיין אַז ער איז שוואַך און קאָן נישט געהן, אָבער אַ קנעכט צום לויפען פאַר איהם, דאָס איז דאָך אַ שטות? זעהט אויס, אַז נאָכגעבען אימיצען אַ שטות איז אויך אַ גמילות חסד״ א).

דער בעוואוסטער צדיק ר׳ יחיאל מאיר פון גאָסטינין, וואָס איז געווען איינער פון די שענסטע קאָצקער חסידים, האָט דערצעהלט: „דער קאָצקער רבי האָט זיך בעמיהט, מיט מיר צו לערנען, אַז די אהבת ישראל זאָל זיין אַזוי שטאַרק אַריינגעטהון אין מיין האַרץ, אַז כ׳זאָל ליעב האָבען דעם גרעסטען שונא מיינעם, אַזוי ווי כ׳האָב ליעב מיין בעסטען חבר״ ב).

אַמאָל האָט דער קאָצקער רבי געזאָגט, ווי מען דערצעהלט: „מען וויל פון מיר אין הימל, כ׳זאָל ליעב האָבען הערץ פעלדשער, אַזוי ווי כ׳האָב ליעב הערש טאָמאַשאָווערן״. מסתמא איז אין קאָצק געווען אַ פעלדשער מיט׳ן נאָמען הערץ, וואָס איז נישט געווען, ווי דער שטייגער איז, קיין קליינער עם־הארץ, פונדעסטוועגען, האָט ער געזאָגט, אַז מען מוז אַזאַ יוד אויך ליעב האָבען ווי אַ געטרייען גוטען פריינד, אַ תלמיד־חכם ג).

ד. דער קאָצקער רבי פלעגט דאַוונען מיט אַ בעזונדערער פערטיפונג און אינערליכען ברען, ווי ער אַליין האָט געזאָגט, אַז ביים דאַוונען פיהרט ער זיך ווי דער שיפסקאַפּיטאַן, וואָס לויפט אויף די שטריק־לייטערלעך פון הינטען אַרויף אויבען און פון אויבען אַראָב הינטען, כדי צו וויסען צו

---

א) שיח שרפי קודש ח״א אות קל״ה. ב) ספר בכי הרי״ם (וואַרשא תרמ״ח). ג) נישט אַזוי ווי ס׳שרייבט דער תל־אביב׳ער שרייבערל אין זיין „קוצק״ עמוד 97 „הנחה מקובלה היא שהיה קפדן ורע לב מטבעו״. ביי וועמען איז דאָס אָט די הנחה?

פיהרען די שיף. אָהן שום אָנשטרענגונג פלעגען זיינע תפלות פליסען פון זיין הארץ. ס׳האָט אויסגעזעהען, ווי ער וואָלט זיך צוזאַמען געקומען מיט׳ן כביכול און מיט איהם זיך דורכגערעדט. און ווען ער האָט געענדיגט דאָס דאַווענען, איז ער געוואָרען אַן אַנדערער מענטש, ער האָט דאַן אויסגעזעהען ווי ער וואָלט געקומען פון אַן אַנדערער וועלט און וואָלט זיינע אַרומיגע מענטשען, זיינע משמשים, גאָרנישט געקענט, ביז ער האָט זיך אָבגערוהט פונם דאַווענען און איז צו זיך געקומען. לויט ווי די גמרא זאָגט (ברכות ל׳ ע״ב): חסידים הראשונים היו שוהים שעה אחת קודם התפלה ושעה אחר התפלה א).

און נישט מיט אַ הויך קול און נישט מיט אַ נידריג קול פלעגט ער דאַווענען. און הויך פלעגט ער זאָגען די ברכות. און נישט מאריך געווען האָט ער ביים דאַווענען לענגער ווי אַ האַלבע שעה אין וואָכענטעג, אין שבת און יום-טוב אַ ביסל לענגער ב).

וועגען דעם, ווי מען דאַרף זיך פערטיעפען אין דער תפלה, האָט ער זיך אויסגעדריקט אויף פאָלגענדען אופן:

אין דער לעצטער משנה פון מס׳ יומא שטעהט: אמר ר׳ עקיבא וכו׳ מה מקוה ישראל ה׳, מה מקוה מטהר את הטמאים אף הקב״ה מטהר את ישראל (אַזוי ווי די מקוה איז מטהר די טמאים, אַזוי איז דער כביכול מטהר די יודען). און פונקט ווי ביים אונטערטינקען זיך אין אַ מקוה, טאָר נישט בלייבען אפילו איין האָר אין דרויסען, אויב ס׳בלייבט אפילו איין האָר אויסערן וואַסער, דאַן בלייבט אַלץ די טומאה, אַזוי זאָל מען זיך אינגאַנצען פערטיעפען אינם מתפלל זיין, אַז ס׳זאָל זיך אפילו קיין האָר נישט אַרויסזעהען ג).

אדמו״ר ר׳ אברהם ז״ל האָט טאַקי געזאָגט וועגען זיין גרויסען שוועהר, אַז זיינע תפלות זענען געווען פונקט אַזוי ווי די תפלות פון משה רבינו ע״ה ד).

---

## כט. דער קאָצקער רבי און ר׳ הירש טאָמאַשאָווער.

**א.** הרב ר׳ הירש ליבל, דער נאמן-בית פון קאָצקער רבין, איז געבוירען געוואָרען אינם שטעדטעל בילגוריי, לובל. וואָיעוו. אין יאָהר בערך תק״ס. זיין פאָטער, ר׳ ישראל, איז דאָרט געווען אַ שוחט. אין זיינע קינדער-יאָהרען האָט ער גע׳שמט אַלס אַן עלוי. דאַמאָלס איז ער געפאָהרען לערנען קיין טאַרניגראָד, לובל. וואָיעוו., וואָס איז געווען אַ מקום-תורה, די געבורטס-שטאָדט פונם בעוואוסטען גאון און צדיק אדמו״ר ר׳ חיים פון צאַנז. ר׳ חיים איז געווען אין איין עלטער מיט ר׳ הירש׳ן. דאַמאָלס ווען ר׳ הירש האָט געלערנט אין טאַרניגראָד, האָט ער זיך גע׳חבר׳ט מיט ר׳ חיים׳ן. אדמו״ר ר׳ חיים, דערצעהלט מען, האָט נאָך אויף זיין עלטער געדענקט זיין יוגענד-חבר

---

א) ספר רמתים צופים ח״ב דף י״ב ע״ב. ב) רמתים צופים, דארט. ג) ספר שיח שרפי קודש ח״א אות ש״ל. ד) אביר הרועים אות ר״ט.

ר׳ הירש׳ן און זיינע פעהיגקייטען און שמועסענדיג אַמאָל וועגען קאָצקער חסידות האָט ער איהם דערמאָנט צום גוטען.

ר׳ הירש האָט חתונה געהאַט פון טאָמאַשאָוו, לובל. וואָיעוו., זיין שווער איז געווען אַ דאָרטיגער חשוב׳ער בעל-בית, וואָס האָט איהם געגעבען קעסט, בעת ער איז געזעסען על התורה ועל העבודה. אין טאָמאַשאָוו האָט דאַמאָלס געוואוינט דער גרויסער חסיד ר׳ מנחם מענדיל מאָרגענשטערן, וואָס איז אין אַ צייט אַרום געוואָרען דער גרויסער קאָצקער רבי. אדמו״ר ר׳ מנחם מענדיל, וואָס איז עלטער געווען פון איהם מיט אַן ערך 12 יאָהר, דער־קענענדיג זיינע מעלות, האָט ער אים מקרב געווען צו זיך און אויף איהם משפיע געווען, אַזוי אַז ער איז געוואָרען אַ שאַרפער חסיד, טראָצדעם וואָס זיין פאָטער און זיין שוועהר זענען געווען מתנגדים. און מיט אדמו״ר ר׳ מענדלין פלעגט ער פאָהרען קיין פשיסחע צום רבין ר׳ בונם.

ב. ר׳ הירש פלעגט זיצען אין פשיסחע וואָכען און חדשים, ווי דער שטייגער איז געווען אין יענער צייט ביי די, וועלכע האָבען זיך איבער־געגעבען צו חסידות. און ווען דער רבי ר׳ בונם האָט געלערנט יעדערן טאָג אַ שיעור גמרא מיט תוספות מיט זיינע גרויסע תלמידים, וועלכע מ׳האָט אָנ־גערופען „חבריא קדישא״, פלעגט זיך צווישען זיי אויך געפינען ר׳ הירש.

מען דערצעהלט, אַז אין משך פון אַ היבשע צייט האָט ר׳ הירש דאָרט געלערנט, אָהן צו פרעגען און אָהן צו ענטפערן עפּעס, און דעריבער איז ער געוואָרען אַזוי גרינגגעשעצט ביי זיינע חברים, אַז זיי האָבען געוואָלט איהם דערוויטערן פונם שיעור. ס׳איז איהם אָבער געלונגען, צו זאָגען אַ קלוג וואָרט, וועלכעס ס׳האָט איהם מציל געווען פון אָט די חרפּה. זיי האָבען נעמליך דאַמאָלס געלערנט די גמרא קידושין דף י״ג עמוד ב׳. אויפ׳ן מאמר פון דער משנה: „האשה קונה את עצמה בגט ובמיתת הבעל״ (די פרוי איז זיך אַליין קונה צו מעגען חתונה האָבען דורכ׳ן טויט פונם מאַן אָדער דורך אַ גט), פרעגט די גמרא, בשלמא דורך אַ גט, איז געדרינגען דערפון וואָס שטעהט אין דער תורה, „וכתב לה ספר כריתות״, אָבער דורכ׳ן טויט פונם מאַן, פון וואו איז דאָס געדרינגען? דערויף האָט אדמו״ר ר׳ מענדיל געפרעגט, דאָס איז דאָך אַ בעוויז פונם פאַקט, וועלכער שטעהט געשריבען אין ספר שמואל (א׳ כ״ה), אַז דוד המלך האָט גענומען אביגיל׳ן נאָכ׳ן טויט פון איהר מאַן נבל? דאַן האָט ר׳ הירש זיך אָנגערופען: „פון דאָרט איז קיין ראיה נישט, וואָרום נבל איז געווען אַ מורד במלכות, און דער דין איז, אַז די נכסים פון אַ מורד במלכות געהערען צום מלך, אויב ס׳איז אַזוי, כאָטש מיר וועלען אָננעמען, אַז דורכ׳ן טויט פונם מאַן איז די פרוי זיך נישט קונה, כדי חתונה צו האָבען מיט אַן אַנדערן מאַן, האָט דאָך געמעגט דוד המלך נעמען אביגיל׳ן נאָכ׳ן טויט פון איהר מאַן נבל, דערפאַר וואָס אַלע נכסים פון נבל׳ן געהערען צו איהם, און מען האָט געקאָנט אָננעמען, אַז זיין פרוי קאָן גערעכענט ווערען אַלס זיין פערמעגען, וואָס געהערט צום מלך״.

אָט דאָס קלוגע וואָרט האָט זעהר געפאָלען דער חבריא קדישא און ר׳ הירש איז ווייטער געבליבען אויף זיין פּלאַץ.

דער אמאָליגער גרויסער אַלכסנדרער רבי ר׳ העניך הכהן ז״ל האָט געזאָגט, אַז יעדער תּלמיד פון רבין ר׳ בונם איז ראוי געווען צו פיהרען אַ גרויסע עדה פון חסידים א). אויב אַזוי איז אַוודאי ר׳ הירש טאָמאַשאָווער אויך געווען אין אַזאַ מדרגה.

ג. אין אלול פון יאָהר תקפ״ז, ווען ר׳ מענדיל איז געקרוינט געוואָרען אַלס אַ רבי, און האָט געפיהרט ראַביסטווע אין טאָמאַשאָוו, האָט זיך ר׳ הירש אויך אָנגעקניפּט אין איהם, נישט בלויז אַלס זיינס אַ חסיד, נור אויך אַלס זיין נאמן־בית, אַלס אַפּוטרופּוס פון זיין הויז. און אין תקפ״ט ווען אדמו״ר ר׳ מענדיל האָט זיך איבערגעצויגען קיין קאָצק, האָט זיך ר׳ הירש אויך בעזעצט אין קאָצק, און איז געווען דער נאמן־בית ביי אדמו״ר ר׳ מענדלין ביז זיין לעצטען טאָג.

אדמו״ר ר׳ מענדיל איז געווען, ווי בעקאַנט, אַ מתבודד, אַן אָב־געזונדערטער פון מענטשען, שטענדיג געווען פערטיעפט אין תּורה, און חסידות־געדאַנקען, האָט ער געברויכט ביי זיך אַ מענטש, וואָס זאָל קענען מיט איהם אַמאָל רעדען אין אַזעלכע הויכע ענינים, וואָס זאָל קענען איהם פערטרעטען אין אַנדערע וויכטיגע אַנגעלעגענהייטען, וואָס זאָל אַכטונג געבען אויף די עקאָנאָמיע פון זיין הויז — צו אָט דעם אַמט איז דער תּלמיד־חכם ר׳ הירש געווען פעהיג און האָט איהם טאַקי צופרידען געשטעלט. זיין פאַמיליענגאָמען איז געווען ליבעל, נאָר צוליעב זיין אַמאָליגען וואוינאָרט האָט מען איהם גערופען טאָמאַשאָווער. אין דער הסכמה, וואָס ער האָט געגע־בען בימי חייו דעם לאָדזער חזן ר׳ אלעזר פערלמוטער אויף זיין ספר „אבן משה״ ב), אין נאָמען פון קאָצקער רבין, ווי אויבען זייט 65 דערמאָנט, האָט ער זיך אונטערגעשריבען:

**הק׳ צבי הירש טאָמאַשאָווער מבית הרב מקאָצק שליט״א.**

ד. ר׳ הירש האָט פון דעם חשוב׳ן אַמט זייבעם געהאַט פרנסה, וואָרום די פערמעגליכע קאָצקער חסידים האָבען איהם בעלוינט אַזוי, אַז ער זאָל קענען לעבען בכבוד, זעהענדיג, אַז ערווידמעט זיין גאַנצע צייט דעם גרויסען רבין זייערען. און ר׳ הירש, וואָס האָט נאָך זיי איבערגעגעבען אַ סך פון זייער רבינס תּורות, איז ביי זיי געווען אַ גרויסער חשוב, און ווען די גרויסע חשובע חסידים זענען געקומען קיין קאָצק, פלעגען אַ סך פון זיי ביי איהם האָבען זייער אַכסניא. ר׳ הירש האָט אַוודאי זיך געקענט שאַפען אַן אַנדערע פרנסה, געקענט בעקומען אַ כסא־רבנות, אָדער אַן אַנדערע בעשעפטיגונג, אָבער איהם איז ליבער געווען צו זיין דער אַפּוטרופּוס פונם גרויסען קאָצקער רבינס הויז, איידער צו זיין פערנומען מיט עפּעס אַן אַנדער געשעפט.

דאָך אינגאנצען בעפרידיגען דעם קאָצקער רבין האָט ר׳ הירש אויך

---

א) ספר „שמחת ישראל״ פון בוקאַרעסטער רב ר׳ ישראל בערגער. ב) מ׳דערצעהלט: דער רבי האָט געפרעגט אָט דעם חזן, וואָס ער האָט אין זינען ביים דאַווענען „כ׳האָב אין זינען, האָט ער געענטפערט, כ׳זאָל געפעלען דעם עולם״. דער ענטפער האָט דעם רבין געפאַלען, זאָגענדיג: „דאָס הייסט אַן עהרליכער מאַן״. דאָס האָט איהם גענויגט אַריינצוקוקען אין זיין ספר.

נישט געקענט. אַמאָל, דערצעהלט מען נעמליך, האָט דער קאָצקער רבי זיך בעקלאָגט פאַר זיינס אַ גרויסען חסיד, אַז ער האָט נישט מיט וועמען צו רעדען. „איהר האָט דאָך ר׳ הירש טאָמאַשאָווערן?“ האָט איהם דער חסיד געפרעגט. „ס׳געדויערט אַ שעה ביז כ׳טהו איהם אויסגעניצען“, האָט דער רבי געענטפערט. פונדעסטוועגען האָט דער רבי איהם זעהר ליעב געהאַט און זעהר חשוב געהאַלטען. ווען דער רבי האָט אַמאָל געוואָלט אויסדריקען, ווי ווייט מען ברויכט ליעב צו האָבען זאָגאַר אַ פּראָסטען יוד אויך, האָט ער געזאָגט: „מ׳וויל אין הימעל, כ׳זאָל ליעב האָבען הערץ פעלדשער, אַזוי ווי כ׳האָב ליעב הערש טאָמאַשאָווערן“.

אויף דער עלטער פון ר׳ הירש׳ן, ווען זיינע ציינער זענען שוין געווען אַרויסגעפאַלען, אַזוי אַז ער האָט נישט געקאָנט קייען די האַרטע מצות, האָט ער געקלערט, זיך מתיר צו זיין צו עסען מצה שרויה (געווייקטע מצה). ער האָט וועגען דעם געפרעגט דעם קאָצקער רבין. האָט איהם דער רבי געענטפערט: „אויב וועסט עסען מצה שרויה, וועסטו אפילו מיין לילקע נישט טאָרען אָנריהרען“. ס׳איז בעקאַנט אַז דער קאָצקער רבי האָט זעהר מחמיר געווען אין מצה שרויה א).

ה. ר׳ הירש ליבעל איז געווען אַ תלמיד־חכם און אַ צדיק. אומעטום, וואו זיין נאָמען ווערט דערמאָנט אין דער חסידישער ליטעראַטור, ווערט ער טיטולירט „הרה״צ“. אַלס אַזאַ מענטש האָבען איהם אויך געהאַלטען די בעוואוסטע גאונים און צדיקים אדמו״ר ר׳ אברהם ז״ל פון טשעכאַנאָוו און הרב ר׳ יהושע׳לי ז״ל פון קוטנא. אָט דער קוטנער רב האָט איהם זעהר געלויבט און דערצעהלט, אַז ער האָט אין זיין יוגענד געקאָנט די גמרא כתובות מיט׳ן „הפלאה“ פון אויסענווייניג. אַמאָל איז ר׳ הירש געווען אין קוטנע אין די „ניין טעג“, האָט איהם הרב ר׳ יהושע׳לי ז״ל פערבעטען צו אַ פליישיגע סעודה, פעסטשטעלענדיג, אַז צוליעב אַזאַ אורח ווי ר׳ הירש, הייסט די סעודה אַ סעודת מצוה, און מען מעג אין דער צייט פון „בין המצרים“ עסען פלייש. און אַזוי האָט זיך אויך געפיהרט דער טשעכאַנאָווער רבי ז״ל דאַמאָלס, ווען ר׳ הירש איז אַמאָל געווען אין טשעכאַנאָוו גראָד אין די „9 טעג“ ב). דאָס חשיבות פון ר׳ הירש טאָמאַשאָווערן איז איהם בייגעשטאַנען, זיך משדך צו זיין מיט ר׳ יחיאל פישל׳ן ג), דעם איינציגען זוהן פון גרויסען אַלכסנדרער רבין, ר׳ חנוך העניך הכהן ז״ל. ווען ר׳ יחיאל פישל, וואָס איז געווען אַ גביר און אַ קאָצקער חסיד, איז געקומען קיין קאָצק, פלעגט ער נעמליך איינשטעהן ביי ר׳ הירש טאָמאַשאָווערן. דאָרט האָט ער געזעהן זיין איינציגע טאָכטער, אַ בע׳חנט חסידיש מיידעל, טעלצי, האָט זי איהם געפאָלען, אַזוי אַז ער האָט זי געוואָלט נעמען אַלס אַ כלה פאַר זיין חשוב׳ן זוהן ר׳ פינחס יעקב׳ן. כאָטש ר׳ יחיאל פישל האָט געוואוסט, אַז ר׳ הירש טאָמאַשאָווער וועט דער טאָכטער זיינער נישט געבען קיין

---

א) אַזוי שרייבט מיר דער קוטנער רב הרה״ג ר׳ יצחק יהודה טרונק ז״ל. ב) זעה מיין ספר „תולדות ר׳ הירש טאָמאַשאָווער“. ג) ר׳ יחיאל פישל האָט געהאַט אַן אייזענגיסעריי אין שטעדטעל מאַליניץ, און איז געווען אַ חסיד מפורסם און אַ נדבן. ער איז נפטר געוואָרען י״ב מנ״א תרנ״ד.

גרויסען נדן, דאָך האָט ער זיך געוואָלט מיט איהם משדך זיין, און ער אַליין האָט אָנגעשלאָגען ר׳ הירש׳ן דעם שידוך.

ר׳ יחיאל פישל איז אַריינגעגאַנגען צום קאָצקער רבין און איהם געזאָגט: „אַזוי ווי איך האָב אַן איינציגען זוהן און ר׳ הירש טאָמאַשאָווער — אַן איינציגע טאָכטער וויל איך מיך מיט איהם משדך זיין". דער רבי האָט געגעבען זיין הסכמה. אָבער, ווי מען דערצעהלט, האָט ער אויסגעדריקט זיין פערוואונדערונג זאָגענדיג: „הירש האָט טאַקי אַן איינציגע טאָכטער אָבער דו האָסט אַן איינציגען זוהן"?! ר׳ הירש טאָמאַשאָווער איז דאַמאָלס נעמליך שוין געווען אויף דער עלטער און טעלצי איז געווען זיין יונגסטע טאָכטער, אָבער ר׳ יחיאל פישל איז נאָך געווען אין די מיטעליאָהרען. אין אַ קורצער צייט ארום האָט איהם טאַקי זיין פרוי געבוירען אַ זוהן, וואָס האָט מאריך ימים געווען.

דער שידוך איז געוואָרען פערווירקליכט און פון אָט דעם זיווג, פינחס יעקב און טעלצי, זענען אַרויסגעקומען זעהר חשובע משפחות. איינער פון זייערע זיהן איז געווען דער בעוואוסטער בענדינער רב ר׳ הערש העניך ז״ל, וועלכער האָט געהייסען נאָך זיינע דערמאָנטע 2 זיידעס, און איז געווען אַן איידעם פון אדמו״ר הגדול דער „שפת אמת" פון גער זצ״ל. דער צווייטער זוהן זייערער איז דער בעוואוסטער לאָדזער איינוואוינער, נגיד, חסיד, נדבן, מקורב פון גערער רבין שליט״א, ר׳ בונם לעווין נ״י.

נאָך 3 זיהן האָט ר׳ הירש געהאָט, חסידים און למדנים, פון וועלכע ס׳זענען ארויסגעקומען חשובע משפחות.

ו. נאָך דער פטירה פון קאָצקער רבין — איז ר׳ הירש געפאָהרען צום „חידושי הרי״ם", וואָס ס׳האָט געמאַכט אַן אויפזעהען צווישען עולם, פיעל חסידים האָבען איהם נאָכגעטהון. אָבער זיין גרויסען רבינס הויז האָט ער נישט פערלאָזט, ער האָט נעמליך דערפאַר געזאָרגט, אַז דעם קאָצקער רבינס אַלמנה, וואָס האָט נאָך לאַנג געלעבט נאָך איהר מאַנס פטירה, זאָל נישט פעהלען קיין פרנסה. זי האָט דאָך ווייטער געפיהרט אַ הויז, איידעמס מיט קינדער געגעבען קעסט. ס׳איז נעמליך געמאַכט געוואָרען אַ סיפוק פאַר איהר, די פריהערדיגע קאָצקער חסידים האָבען זיך דערצו בעשטייערט, יעדער אַ געוויסע סומע יעהרליך, און ר׳ הירש איז אַרומגעפאָהרען איינקאַסירען דאָס געלד, וואָס איז געווען בעקאַנט מיט׳ן נאָמען „קאָצקער געלד".

נאָך פערלויף פון 7 יאָהר, אין יאָהר תרכ״ו, ווען דער „חידושי הרי״ם" איז נפטר געוואָרען, אָהן איבערצולאָזען אַ זוהן, וואָס זאָל ירשנ׳ען זיין שטוהל, און ס׳זענען פאָרגעקומען צווישען עולם חלוקי דעות בנוגע אַ נייעם רבין, אַ טייל איז געפאָהרען קיין טשעכאַנאָוו, אַ טייל — קיין גאָסטינין, אַ טייל — קיין סטריקוב, און דער גרעסטער טייל — קיין אלכסנדר, צו אדמו״ר ר׳ העניך הכהן לעווין, דאַמאָלס האָט זיך ר׳ הירש אָנגעשלאָסען צום לעצטען, וואָס איז געווען זיין מחותן, ביי וועמען ער איז געווען אַ גרויסער מקורב. דאָס מאָל האָט אויך ר׳ הירש געדיענט אַלס אַ וועגווייזער פאַר אַ סך חסידים.

אין 4 יאָהר אַרום, אין י״ח אדר תר״ל, איז אדמו״ר ר׳ העניך נסתלק געוואָרען, ס׳זענען ווידער פאָרגעקומען חלוקי-דעות בנוגע דער וואָהל פון

אַ נייעם רבין. אַ טייל איז געפאָהרען קיין קרושנעוויץ, צו אדמו״ר ר׳ אברהם׳ן, אַ טייל — קיין סטריקוב, אָבער דער גרעסטער טייל האָט זיך געוועהלט אַלס אַ רבין, דעם 22 יעהריגען יונגעמאַן, וואָס האָט גע׳שמט אַלס אַ גאון און אַ צדיק, ר׳ אריה לייב׳ן, דער זוהן פון ר׳ אברהם מרדכי׳ן, וואָס איז געווען אַ זוהן פונם גרויסען „חידושי הרי״ם״, (וואָס איז שפעטער בעקאַנט געוואָרען מיט׳ן נאָמען „שפת אמת״). דאַמאָלס האָט זיך דער זקן ר׳ הירש אויך צו איהם אָנגעשלאָסען אַלס זיין חסיד, וואָס דערמיט האָט ער אויסגעאיבט אַ השפעה אויף פיעל חסידים. ביי איהם איז ער אויך געווען פון די גרויסע מקורבים.

ז. ס׳זענען דאַמאָלס געווען חסידים, וואָס האָבען געוואָלט אַז דעם גרויסען אַלטען חסיד מאַכען פאַר זייער רבין. זיי האָבען איהם שוין דער־לאַנגט „קוויטלעך״, אָבער ר׳ הירש האָט נישט געוואָלט אָננעמען די „קוויטלעך״, זאָגענדיג, „גרייט אייך אָן תהלים לעך״. זיין כוונה איז געווען, אַז בקרוב וועלען זיי מוזען פאַר איהם תהלים זאָגען, ווען ער וועט צוליעב זיין אַלטקייט קראַנק ווערען. און באמת האָט ער שוין נישט מאריך ימים געווען.

כ׳האָב אויך געהערט זאָגען אין נאָמען פון אַ בעוואוסטען גרויסען קאָצקער חסיד, אַז זיין דעה איז אַזוי געווען דערפאַר, וואָס ער האָט איינגעזעהען, אַז נאָר אַ גאַנץ קליינער עולם חסידים ווילען איהם מאַכען פאַר אַ רבין, און צו זיין אַ רבי בלויז פאַר אַזאַ קליינעם עולם, אַט דאָס האָט ער נישט געוואָלט.

אַ לייכטענדער שטערן איז, אַלזאָ, ר׳ הירש טאָמאַשאָווער געווען צו חסידים אין פוילען בכלל און פאַר די חסידים פון קאָצק, גור, אַלעקסנדר און גור בפרט. צו אַ סך פון זיי האָט ער געדיענט אַלס אַ וועג־ווייזער. נאָך היינט ווערט ער דערמאָנט ביי זייערע נאָכקומענשאַפטען מיט פיעל כבוד און זיין נאָמען וועט קיינמאָל נישט פערגעסען ווערען.

אין ספר „דור דור ודורשיו״ פונם בעוואוסטען גאון און היסטאָריקער ר׳ יוסף לעווענשטיין, שטעהט: ר׳ הירש טאָמאַשאָווער מבית הרב הזקן מקאָצק, נפטר ה׳ חשון תרל״א. פון זיינע אייניקלעך האָב איך געהערט זאָגען, אַז ער איז נפטר געוואָרען ז׳ חשון און האָט געפינען זיין אייביגער מנוחה לעבען „אוהל״ פון קאָצקער רבין ז״ל.

---

## ל. די מצבות אויפשריפטען פון קאָצקער רבינס פאָטער, מוטער, זיידע און עלטער־באָבע.

אַזוי שרייבט מיר דער פרעזעס פון דער יודישער קהלה אין גאָריי, די געבורטס־שטאָדט פון קאָצקער רבין:

ב״ה, ג׳ לסדר כי יפלא ממך דבר תחר״ץ גוריי.

לכבוד האי גברא יקירא איש מדעים ה״ה הרבני המפואר וכו׳

כש״ת מו״ה פינחס זעליג נ״י גליקסמאַן.

אחדשה״ט כמשפט הנני לדרישתו אחר טרחא ויגיעה רבה, כי מצבת

אבי אדמו״ר מקאצק זצ״ל נשברה ונהיתה לד׳ ראשין, והוכרחתי לקבל אתי עוד איש אחד לסייע אותי להשוות הראשין, שיהיו נקראין בטוב.

**הא לכם נוסח מצבת אבי אדמו״ר זצ״ל.**

ויאמר ד׳ יהודא יעלה
נפטר ב׳ אייר לשנת תקע״ג לפ״ק
עלה לעיר גבורים ואיש תם
רב פעלים תם וישר הולך
במשרים גבור בתורה ארי
שבחבורה מרבבות קודש
אתה יושב בשבת תחכמוני
ה״ה הרבני המופ׳ איש (חסר)
תמים מישר מעגל ומתהלך
בכושרות צמהים הרבה לשם
ולתפארת כבוד שמו גדול
בישראל גודע ביהודא בן
הרב החריף המפורסם
שלשלת יחוסו (חסר ב׳ תבות) א)
קדושים מוה׳ מנחם מענדיל
זלה״ה תנצב״ה.

**נוסח מצבת אמו של אדמו״ר מקאצק.**

נפטרה י״ג מנחם אב תק״ע לפ״ק

**פ״נ**

אשה משכלת וצנועה
במעשי׳ וביראת ד׳
היא תתהלכ׳ (חסר)
אשר בין אריות רבתה
גוריה יולדה שבעה
בנים לתורה ולתעודה
ושם האשה הגדולה
אסתר בת ישכר בער

. . . . . . . . .

---

אות באות הועתק מה שאפשר לקראות והשאר טמונה בעפר וא״א לקרות ב).

**נוסח מצבת אבי אמו של אדמו״ר מקאצק**

**פ״נ**

איש
תם כשר וישר
מהור״ר ישכר בער
במוהר״ר דוד סג״ל
נפטר יום ה׳ י״ד טבת
תק״ם לפ״ק

עוד זאת מצינו, היינו, נוסח מצבת זקנתו של ר׳ ישכר בער סג״ל הנ״ל, וזהו:

**פה**

טמונה
אשה ניסל בת
הקדוש הטהור
מו״ה יו״ט ליפמאן
מצוזמיר אשת הנגיד מו״ה יעקב
בהישיש מוה׳ אהרן זעליג נפטרה ב״
ליל ג׳ ב׳ טבת שנת
ותהם הזאת נעמי לפ״ק תנצב״ה.

---

א) שתי התבות היו במדומגי: בנן של (פ. ז. ג.). ב) שתי השורות היו כתובות תחת המצבה של מ׳ אסתר.

נעתק אות באות שורה בשורה כסדר, ובשני מקומות נמחק מאבן ולא ניכר כלל שום אות.

הנה כתבתי לו יותר ממה שדרש ממני.

וגם זאת נחקר היטב כפי שנמצא בפנקס הישן.

ור׳ יעקב הנ״ל הי׳ אבי אביו של ר׳ ישכר בער סג״ל הנ״ל. ומשפחה גדולה ומיוחסת היתה וכולם נמצאים אצלנו ונקברים אצלנו. וכפי ראות עיני זקנו של אדמו״ר מאביו לא הי׳ מיושבי עירנו גוריי, כי פה לא נמצא מאתו כלום.

הנני דו״ש ומברך אותו בכוח״ט וחותם עם ד״א
**משה חוים.**

---

## העתקה מנוסחי המצבות הנמצאות באוהל של אדמו״ר מקאצק [א].

### ציון רבינו הגדול והקדוש נ״ע.

עיר גאריי חרה וילדה, עיר טאמשוב גידלה שעשועיה, אוי נא לה אמרה קאצק כי אבדה כלי חמדתה [ב]).

פה השליך איש האלהים אדרתו ה״ה אדונינו מורינו ורבינו רוח אפנו משיח ה׳ שר התורה מקור הבינה ועמק הדעת אלוף הגאונים וקודש הקדשים, עמוד העולם ופלאו, רכבו ופרשיו רבינו הגדול ראש גולת אריאל, מאורן של ישראל ורבן של כל חכמי וצדיקי דורו, כמלאך אלהים צבאות הוא, קדוש ונורא שמו מרנא ורבנא מנחם מענדיל נבג״מ, ברבי יהודה זלה״ה, והן בעון הדור נכסף אל קדושיו ושבה אל אלהים נפשו בשנת שבעים ושתים לימי חייו ביום חמישי לסדר ואל משה אמר עלה אל ה׳ ב״ך שבט לפרט או נא כי נלקח ארון אלהים (תרי״ט) לפ״ק זכותו יעמוד לדור אחרון, ובכל עת יגן עליהם לכל ישראל אחיהם. —

### נוסח מצבת הרה״צ ר׳ בנימין ז״ל.

ווי על האי שופרא דבלי בארעא.

נפשא יקירא גברא רבה חסידא ופרישא ברא דאילנא רברבא תקיפא וקדישא ה״ה הרב החסיד המופלג בתורה וביראת ה׳ טהורה פרי צדיק ויסוד העולם מו״ה בנימין זלה״ה בן רבינו הגדול והקדוש רבי מנחם מענדיל נ״ע נח נפשי׳ דמר במבחר שנותיו ימי עלומיו ג׳ אדר תרכ״ו לפ״ק. בצל שדי יתלוגן.

### נוסח המצבה הכתוב בס׳ „נחלת עולמים״ מבית העלמין אשר בוורשה של הרה״צ ר׳ משה ירוחם ז״ל.

אוי ואבוי על האי שופרא דבלי בעפרא הרב החסיד המופלג בתורה וביראה פרי צדיק מ״ו משה ירוחם זצלה״ה בן אדמו״ר הרב הקדוש הצדיק מפורסם נשיא אלקים שר התורה הגאון האמיתי בוצינא קדישא חו״פ מו״ה מנחם מענדיל זצלה״ה מקאצק ונתבקש בישיבה של מעלה בימי עלומיו ונאסף אל עמיו בכבוד גדול. נפטר כ״ב סיון ונקבר כ״ג תרכ״ח. תנצב״ה.

---

א) העתקה זו נעשתה ע״י השמשים דק״ק קאצק ר׳ העניך שעף ור׳ דוד לעוויט נ״י.
ב) מגילה ו׳ ע״א (פ. ז. ג.).

## נוסח מצבת אדמו"ר ר' דוד ז"ל.

**פה נגנז ארון הקודש.**

אדונינו מורינו ורבינו אלופנו ומאורנו אדון החכמים נזר הנבונים ופאר הקדושים הרב הגדול איש אלהים קדוש וטהור רבן של ישראל נזרם ותפארתם אור טמיר ונעלם מרנא ורבנא **דוד** נבג"מ במרנא ורבנא **מנחם מענדיל** נר עולם. הן בעון הדור העליונים בקשו את רבי ונתבקש בישיבה של מעלה בשנת ששים ושלש לימי חייו ביום חמישי לסדר ויכפר על בני ישראל ב"ך תמוז לפרט ודוד עבדי נשא לעולם, זכותו יגן עלינו, ואור תורתו יאיר בתוכנו וקדושתו יחופף על ראשנו וצדקתו נזכה לחזות באור פני מלך חיים א).

## נוסח מצבת הרב ר' בעריל וואלף אבד"ק קאצק ז"ל.

ווי על האי שופרא דבלי בארעא, נפשא יקירא גברא רבא חסידא ופרישא ה"ה הרב הצדיק מו"ה **דוב זאב** בהרב הגאון מו"ה **ישראל הכהן** ז"ל אב"ד **מפינטשוב** ולמעלה בקודש דור אחר דור רבנים גאונים עד הכהן הגדול הש"ך ז"ל חתנא דבי נשיאה רבינו הגדול ר' **מנחם מענדיל** זצ"ל אב"ד מפה **קאצק**. נפטר שמיני עצרת תרס"ב **תנצב"ה.**

## נוסח מצבת הרב ר' יושע ז"ל.

מצבת רבינו החסיד הצדיק והקדוש המופלג בתורה וביראת ה' מו"ה **יעקב יושע** זצ"ל ה"ה בן רבינו החכם הגדול והקדוש רבי **דוד** זצ"ל ונכד הגאון הצדיק רבי **מנחם מענדיל** זצ"ל נבג"מ זי"ע. נח נפשו יום א' דפסח שנת תרס"ז.

---

## נוסח מצבתה של הרבנית זוגתו הראשונה של אדמו"ר מקאצק ע"ה ב).

### ציון לנפש חיה

**ג**בירה וחשובה מאנשים מאושרה
**ל**וית קודש צפירת תפארה
**י**קרה ותמימה זכה וברורה
**ק**דושה וטהורה צדיקת מפוארת
**ל**א מלאה ימי' ותרד לקבורה.

**ה"ה הצדיקת הרבנית מקאצק מרת גליקל בת המנוח הרבני מו"ה יצחק אייזיק זללה"ה מטאמשאב, מתה בארץ לא לה פה ווארקי ה' מנחם אב תקצ"ז לפ"ק תנצב"ה.**

## נוסח מצבת הרבנית מרת חי' ע"ה.

### פ"נ

הרבנית הצדיקת אשת חיל מרת **חיה** זצ"ל בת מו"ה **משה** אשת אדמו"ר איש אלקים קדוש מו"ה **מנחם מענדיל** צללה"ה. נפטרה לעולמה ביום ב' לסדר לך לך מארצך י"ג לירח מרחשון שנת ה' אלפים תרנ"ד לפ"ק. **תנצב"ה.**

---

א) זו' הרבנית הצדיקת מרת **חי' טויבע** ע"ה נפטרה בעיר **ווארשה** בשנת תרמ"ו ואין לי נוסח מצבתה. (פ. ז. ג.).

ב) נוסח זה העתיק השמש דמתא ווארקי עפ"י דבורו של הרה"צ ר' מרדכי מנחם מענדיל שליט"א משם, אשר מלא בקשת הרב הת"ח החסיד מפורסם ר' שמחה אובערבוים שליט"א מלודז, שפנה אליו במכתב בקשה על אודות הדבר הזה למעני. להם יאתה תודה בעד טרחתם וה' ישלם שכרם. כפי הנראה, נכתב נוסח המצבה ע"י בנה אדמו"ר ר' דוד ז"ל, שהיה ספרא רבא, ומר אביו אדמו"ר מקאצק ז"ל הסכים עמו.

נוסח מצבת הרבנית מרת ברכה ע״ה.

פ״נ

הרבנית הצדיקת אשת חיל מרת ברכה זצ״ל בת אדמו״ר איש אלקים קדוש מו״ה מנחם מענדיל זצלה״ה אשת הרב וצדיק וקדוש מו״ה דוב זאב הכהן זצ״ל אב״ד דפה נפטרה י״א תמוז תרע״ב. תנצב״ה.

---

מכתב הרב הגדול המפורסם ר׳ יעקב דר. אביגדור הי״ו אבד״ק דראָהאָביטש ובאָריסלאָוו יצ״ו מחבר הספר חלק יעקב בהלכה ואגדה ועוד ספרים.

ב״ה

כבוד ידידי הנעלה והנכבד חכם וסופר וכו׳ כש״ת י. מ. גליקסמאַן נ״י.

הגיעתני החוברת אודות אדמו״ר הגה״צ מקאצק זצ״ל ומאוד שמחתי בזו, כי נודעתי הרבה דברים שלא הייתי יודע מהם, ובכלל עושה הספר רושם טוב מאוד, הן בתוכנו והן בצורתו, ואחיו המחבר שליט״א, אינו נצרך להסכמות, כי כבר איתמחי גברא. אני מביע לו תודתי העמוקה בעד התענוג הרוחני שהסב לי בספר זה.

אני אומר שלו׳ רב גם לאחיו הרב הגדול שליט״א.

אצלנו פה אין חדשות, אתנו ת״ל החיים והשלו׳, אבל השמועות הנוראות הבאות אלינו יום יום הן מכאיבות אותנו ביותר ואיך יערב לנו אכול ושתות בעת יסחבו הכפירים שארית הפליטה, השם ירחם וירא בעני עמו.

ידידו עוז הק׳ יעקב אביגדור.

---

## לא. הערות ותקוני טעות.

א. צו עמוד 9 אות ה׳. דער קאָזשעניצער מגיד אדמו״ר ר׳ ישראל ז״ל איז געבוירען געוואָרען אין אַפּט. דעם פאָטער זיינעם האָט מען גערופען שבתי איינבינדער. ער איז געווען אַן איינפאַכער כשר׳ער יוד. אויף זיין מצבה שטעהט: פ״נ איש תם וישר הישיש הר׳ שבתי בהר״ר זאב וואלף ז״ל. ווען דער קאָזשעניצער מגיד האָט אנגעהויבען ווערען אַ מפורסם, האָט איהם אַמאָל אַ רב דערמיט געשטעפעט, וואָס ער איז נישט קיין יחסן. דערויף האָט איהם דער צדיק געזאָגט: „ביי מיר הויבט זיך דער יחוס אָן, ביי אייך לאָזט זיך דער יחוס אויס״.

ב. צו דעמזעלביגען עמוד. ר׳ ישראל פון טורבין, דער ברודער פון קאָצקער רבין, האָט געהאַט נאָך אַ זוהן ר׳ בעריש, אָבער זיין פאַמיליען-נאָמען איז נישט געווען מאָרגענשטערן נאָר בלאַכשטיין. ר׳ בעריש בלאַכשטיין, וואָס איז געווען זעהר אַ חשובער יוד און אַ נגיד, האָט געוואוינט אין זדונסקאַוואָלא און אין לאָדז. ער האָט איבערגעלאָזט חשובע משפחות.

ג. צו עמוד יב אות א׳. אויף דעם שרייבט מיר ר׳ יצחק מאיר

לובארט פון ווארשא: אני הנני מילידי עיר טאמשאב, נכד גיסו של אדמו״ר מקאצק ויודע אני, כי שם משפחת חותנו של אדמו״ר מקאצק לא היה ניי, כאשר כבודו כתב, רק רייז. ור׳ אייזיק רייז היה בעל־הבית פשוט, ולו היו רק שתי בנות, ולקח להם חתנים בני תורה. אחד אדמו״ר מקאצק והשני היה זקני ר׳ נחום נאי, שהיה עמיתו של הגאון בעל ישועות יעקב ז״ל.

ד. צו עמוד 54. דארט שטעהט אז איזביצע ליגט נאהנט פון קאצק. דאס איז א טעות. איזביצע איז ווייט פון קאצק קעגען 13 מייל. די שטאדט ליגט נאהנט פון זאמאשטש.

ה. צו עמוד 60 אות ב׳. לויטן אויפטראג פון מ. אדעלבוים פון לאנדאן, האט זיך די מעזריטשער קהלה געווענדעט צום קאצקער מאגיסטראט מיט א אנפראגע. דער בורמישטש האט געענטפערט: קאצק 1924. 11. 17. „כ׳טייל מיט, אז אין די פערצייכנישען פון די בעשטענדיגע איינוואוינער איז נישט פאר־האן א איינוואוינער מיט׳ן נאמען קאך. אויך זקנים פון די יאהרען געדענקען נישט א דאנטיסט מיט אזא נאמען״. (זעה ס׳ „קוצק״ עמוד 82).

צו עמוד 119. דארט שטעהט: אויך זיין ברודער ר׳ יצחק יוסף שליט״א פיהרט ראפיסטווע. דארף שטעהן: ר׳ יוסף אהרן.

צום בריף פון עמוד 71: כ׳האב אט דעם בריף איבערגעגעבען דער עפענטליכקייט, אהן אנצופרעגען דעם שרייבער זיינעם, אויב ער דערלויבט דאס, ווארום ווי זאגט מען עפעס: „א שאלה איז טרפה״. אבער כ׳האב מיר אליין גענומען די דרייסטקייט דערצו. איי, וואו איז די אנשטענדיגקייט, ווי איז די יודישע עטיק, ווי מעג מען עפעס א פריוואט־בריף פערעפענטליכען אהן רשות פונם מחבר! דערויף וויל איך ענטפערן, אז כ׳האב מיר דאס דער־לויבט צוליב׳ן כבוד פונם גרויסען קאצקער רבין, וואס איז פריהער אויף א שענדליכען אופן אנגעריהרט געווארען, בעת אין דעם בריף ווערט געזאגט, אז מ׳האט איהם, דעם קאצקער רבין, גארנישט געמיינט, און די יודישע מאראל זאגט: „גדול כבוד הבריות שדוחה לא תעשה שבתורה״ (ברכות י״א ע״ב), אז דאמאלס ווען ס׳האנדעלט זיך וועגען כבוד פון מענשען, מעג מען אפילו אמאל עובר זיין אויף א זאך, וואס איז פערבאטען פון דער תורה, מכל שכן ווען ס׳האנדעלט זיך וועגען כבוד פון א גרויסע פערזענליכקייט, א איש אלקים קדוש, וואס האט טויזענדער אנהענגער, אין אזא פאל איז דאך זיין כבוד אויך זייער כבוד, דער כבוד פון טויזענדער יודען, דארף מען אודאי נישט ערשט נעמען די דערלויבניש פונם בריפשרייבער אט דעם בריף צו פער־עפענטליכען. אבער אויך אויף דעם, וואס דער חשובער בריפשרייבער שטעלט פעסט, אז ער האט נאר געוואלט בעשאפען מענטשען, דערלויב איך מיר צו זאגען, אז אזעלכע מענטשען וואלט גלייכער געווען, ווען זיי וואלטען נישט בעשאפען געווארען, טוב שלא נבראו משנבראו, ווארום דאס זענען נישט קיין נארמאלע בעשעפענישען נאר קאריקאטורען.

צו עמוד 64. דארט שטעהט: „און אויף זיין הויף איז געווען א מקוה, וואו ער איז אודאי געגאנגען טבילה״. כ׳האב געהערט זאגען פון מענכע חסידים, אז דער קאצקער רבי איז געגאנגען טבילה אין א מקוה פון „מי הדעת״. אבער זיי וויסען נישט, אז אט דער אויסדרוק געפינט זיך אין רמב״ם סוף הלכות מקואות און דאס בעציהט זיך אויף יעדערע מקוה. אט דאס איז זיין הייליג לשון:

דבר ברור וגלוי שהטומאות והטהרות גזירות הכתוב הן ואינן מדברים שדעתו של אדם מכרעתו, והרי הן מכלל החוקים, וכן הטבילה מן הטומאות היא מכלל החוקים, שאין הטומאה טיט או צואה שתעבור במים, אלא גזירת הכתוב היא, והדבר תלוי בכוונת הלב, ולפיכך אמרו חכמים טבל ולא החזיק כאלו לא טבל. ואעפ״כ רמז יש בדבר, כשם שהמכוון לטהר, כיון שטבל טהור, אע״פ שלא נתחדש בגופו דבר, כך המכוון לבו לטהר נפשו מטומאות הנפשות, שהן מחשבות האון ודעות הרעות, כיון שהסכים בלבו לפרוש מאותן העצות והביא נפשו במי הדעת טהור. הרי הוא אומר וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם מכל טומאותיכם ומכל גלוליכם אטהר אתכם. ה׳ ברחמיו מכל חטא ואשמה יטהרנו. אמן.

(ס׳איז אַ קלאָרע און אַ בעוואוסטע זאַך, אַז די טומאות (אומריינקייטען) און די טהרות (ריינקייטען) זענען אַ גזירת הכתוב, אַ בעפעהל פון דער תורה, ס׳זענען נישט פון די זאַכען, וואָס דער שכל גיט אויף זיי אַן איבערצייגונג, זיי זענען אין כלל פון חוקים (געזעצען אָהן אַ טעם). אַזוי אויך איז די טבילה, דאָס אינטערטינקען זיך אין אַ קוואַל אַלס אַ ריינינגונג פון טומאות, אין כלל פון חוקים, וואָרום די טומאה איז נישט קיין בלאָטע אָדער טנוף, וואָס זאָל אָבגעוואַשען ווערען אין וואַסער, נאָר דאָס איז אַ גזירת הכתוב, אַ תורה-געזעץ, און דאָס איז אָבהענגיג פון דער כוונה פונם האַרץ. און דאַריבער האָבען די חכמים געזאָגט: (חגיגה י״ח) אויב ער האָט זיך טובל געווען און נישט מכוון געווען, איז פונקט אַזוי ווי ער וואָלט זיך נישט טובל געווען. פונדעסטוועגען איז פאַרהאַן אין אָט דער זאַך אַ רמז, אַ וואונק, דהיינו, פונקט אַזוי ווי איינער, וואָס וויל זיך מטהר זיין, ווען ער איז זיך טובל אין אַ מקוה, ווערט ער טהור, כאָטש אין זיין גוף איז נישט פאָרגעקומען קיין שום נייעס, קיין פערענדערונג, אַזוי אויך ווען איינער וויל זיין נפש, זיין נשמה מטהר זיין פון די גייסטיגע אומריינקייטען, דאָס זענען די שלעכטע געדאַנקען, די פאַלשע דעות זיינע, דאַמאָלס ווען ער האָט אין זיין האַרץ בעשלאָסען זיך אָבצושיידען פון אָט די מחשבות און האָט זיין נפש געבראַכט אין „מי הדעת״, אינם וואַסער פון דערקענטעניש, ווערט זיין נפש טהור, ריין, אַזוי ווי ס׳שטעהט אין פסוק (יחזקאל ל״ו כ״ה) וזרקתי עליכם מים טהורים וטהרתם מכל טומאותיכם ומכל גלוליכם אטהר אתכם, (כ׳וועל שפּריצען אויף אייך ריין וואַסער און איהר וועט ריין ווערען פון אַלע אייערע אומריינקייטען און פון אַלע אייערע געצענדיענסטען וועל איך אייך ריין מאַכען). דער אייבערשטער מיט זיין רחמים זאָל אונז פון יעדע זינד און שולד ריינמאַכען. אָמן).

הרב הגאון בעל המחבר ספר „חשק שלמה״ התאונן לפני אדמו״ר מקאצק על החסידים הנוהגים לטבול במקוה בתדירות, כי ע״ז תתבטל תקנת עזרא ע״ד טבילת ב״ק, כדי שלא יהיו תלמידי חכמים מצויים אצל נשותיהם כתרנגולים. ויען ויאמר לו, כי טהרת הטבילה מסוגלה לזה, שלא יהיו ת״ח מצויים. (ספר אוהל תורה אות ר״ע בשם הרב הגאון ר׳ מאיר דן ז״ל אבד״ק דוואהרט).

צום עמוד לא. אינם ספר „תנא דבי אליהו זוטא פרק י״ד שטעהט:

„כ׳בין אַמאָל געגאַנגען אינטערוועגס, האָט מיך געטראָפען אַ מענש, וואָס איז געווען אָהן מקרא און אָהן משנה, ר׳איז געגאַנגען און האָט אָבגעשפּעט. האָב איך איהם געזאָגט: מיין קינד, וואָס וועסטו ענטפערן אונזער פאָטער אין הימעל ביים יום הדין. האָט ער מיר געזאָגט: „כ׳האָב ווערטער איהם צו ענטפערן, אַז מ׳האָט מיר פון הימעל נישט געגעבען קיין פערשטאַנד צו לערנען מקרא און משנה״. האָב איך איהם געזאָגט: „מיין קינד, וואָס איז דיין מלאכה״. „אַ פישכאַפּער בין איך״, האָט ער געענטפערט. האָב איך איהם געזאָגט: „מיין קינד, ווער האָט דיך אויסגעלערנט, נעמען פלאַקס, מאַכען דערפון אַ נעץ, וואַרפען אינם ים אַריין און אַרויסנעמען פיש״. האָט ער מיר געזאָגט: „רבי, צו דעם האָט מען מיר געגעבען פערשטאַנד פון הימעל״. האָב איך איהם געזאָגט: „מה־דאָך צו נעמען פלאַקס, מאַכען נעצען, וואַרפען אין ים אַריין און אַרויסברענגען פיש, האָט מען דיר געגעבען פערשטאַנד פון הימעל און צו דברי תורה, וואָס ביי זיי שטעהט (דברים ל׳ י״ד) כי קרוב אליך הדבר מאד בפיך ובלבבך לעשותו, האָט מען דיר נישט געגעבען קיין פערשטאַנד פון הימעל?״ באַלד האָט ער אנגעהויבען וויינען און קרעכצען״.

דער קאָצקער רבי ז״ל האָט דערקלערט אָט דעם געדאַנק פון אליהו׳ן אַזוי: דו ביזט דאָך נישט געבוירען געוואָרען אַ פישכאַפּער, פון וואַנען דען איז דיר געקומען אַזאַ פערשטאַנד צו אָט די מלאכה, אַוודאי נאָר דער צוואַנג וועגען פרנסה האָט דיך געברענגט דערצו, אַזוי אויך ווען דו וואָלסט געפיהלט אַזאַ גרויסע נויטיגקייט אין דעם, וואָס דיר פעהלט פון דער תורה און ביזט דערוויטערט פון אייבערשטען און וואָלסט דיך אַזוי בעמיהט וועגען שלמות (פולקאָמענהייט) פון דיין נפש, אַזוי ווי דו בעמיהסט דיך וועגען שלמות פון דיין גוף, דאַמאָלס וואָלסטו אַוודאי אויך דערגרייכט און פערשטאַנען די דרכים פון אייבערשטען דורך דיין יגיעה. (ספר רמתים צופים ח״ב דף י״ט ע״ב).

צו עמוד ק״כ סעיף 4. אַ קליינע טייל פון קאָצקער עולם האָט אויך בעשלאָסען, ווי מען זאָגט, צו פאָהרען צום סאָקאָלאָווער רבין שליט״א.

צו עמוד לא.

די גמרא זאָגט (ברכות ה׳ ע״א), אמר רבא, אם רואה אדם שיסורין באין עליו יפשפש במעשיו וכו׳, פשפש ולא מצא יתלה בביטול תורה. (ווען אַ מענש זעהט, אַז ס׳קומען אויף איהם יסורים, זאָל ער נאָכפאָרשען זיינע מעשים, אויב ער האָט נאָכגעפאָרשט און האָט נישט געפונען, זאָל ער עס אָנהענגען אין ביטול תורה). איז דאָך קשה, מען ברויכט נאָך מעהר צו געפונען ווי ביטול תורה, וועלכעס ס׳איז די גרעסטע זינד, ווי די גמרא זאָגט (סנהדרין צ״ט), דער וואָס קאָן עוסק זיין אין תורה און איז נישט עוסק, אויף דעם שטעהט (במדבר ט״ו) כי דבר ה׳ בזה ואת מצותו הפר הכרת תכרת וכו׳. האָט ער דאָך, אַלזאָ, געניג געפונען. אָבער ס׳דאַכט זיך, האָט דער קאָצקער רבי געזאָגט, אַז דער פשט איז „יתלה בביטול תורה״, אַז ער זאָל אָנהענגען דאָס, וואָס ער האָט נישט געפונען, אינם ביטול תורה, וואָרום דאָס אָבשיידען זיך פון לערנען תורה, מאַכט בלינד זיינע

אויגען פון זעהען דאָס שלעכטע, וואָס איז אין איהם בעהאַלטען, אויב אָבער ער וואָלט עוסק זיין אין דער תורה, וואָלט איהם די תורה פערלאָכטען די אויגען זיינע צו זעהן וואו, אין וועלכען סוג, ער האָט געפעהלט.

רש״י שרייבט אויפן פסוק (דברים ג׳ כ״ג) ואתחנן אל ה׳: אע״פ שיש להם לצדיקים לתלות במעשיהם הטובים אין מבקשים מאת המקום אלא מתנת חנם (כאָטש צדיקים קענען אָנהענגען אין זייערע גוטע מעשים, פונדעסט-וועגען בעטען זיי נאָר אַן אומזיסטע מתנה). אויף דעם האָט דער קאָצקער רבי געזאָגט, אַז נישט די כוונה איז, אַז זיי קענען אָנהענגען אין די גוטע מעשים, וועלכע זיי האָבען שוין געטהון, וואָרום ווער איז דען אַזאַ פתי צו גלויבען, אַז ער האָט עפעס צו פאָדערן ביים אייבערשטען, נאָר די כוונה איז, אַז זיי קענען אָנהענגען אין די גוטע מעשים, וואָס זיי וועלען ערשט טהון, פונדעסטוועגען קומען זיי נישט מיט אַ טענה נאָר מיט אַ געבעט-לשון.

אויף דעם פשט פון קאָצקער רבין האָט דער בעוואוסטער לובראַנצער רב ריח״ז גאָלדשלאג די בעמערקונג געמאַכט, אַז אַזוי איז טאַקי דאָ געוועזן לויט ווי די גמרא זאָגט (סוטה י״ד ע״א) „שלא נתאוה משה לכנוס לארץ כדי לאכול מפריה או לשבוע מטובה אלא כך אמר משה רבינו הרבה מצות נצטוו ישראל שאינם מתקיימות אלא בארץ אכנס אני לארץ כדי שיתקיימו על ידי". היינט האָט דאָך משה געקאָנט אָנהענגען זיין בקשה, אַריינצוקומען קיין ארץ ישראל צוליב אָט די מצות און מעשים טובים, וואָס ער האָט נאָך געוואָלט מקיים זיין אַריינקומענדיג קיין ארץ ישראל, פונדעסטוועגען האָט ער נישט געבעטען נאָר מיט אַ לשון חינון, אַ מתנת חנם. און אַזוי שרייבט אויך דער רמב״ם אין סוף פון הלכות מלכים: לא נתאוו החכמים והנביאים לימות המשיח, לא כדי שישלטו על כל העולם ולא כדי שירדו בעכו״ם, ולא שינשאו אותם העמים, ולא כדי לאכול ולשתות ולשמוח, אלא כדי שיהיו פנויין בתורה וחכמתה וכו׳ א).

---

א) אוהל תורה אות קנ״ט בשם הרי״מ מגאסטינין ששמע כן מפי אדמו״ר מקאצק זי״ע.

[illegible]

ב"ה יום א' שופטים [illegible]

לכבוד ידידי [illegible] הרב [illegible] הנכבד [illegible] שליט"א

יהי אורו בכוכב הזהר [illegible]

[illegible] חברה [illegible] [illegible] אשר עם [illegible] [illegible] [illegible]

[illegible] [illegible] עם ידיעות [illegible] [illegible]

[illegible] [illegible] [illegible] בפרט [illegible]

[illegible] [illegible] כי [illegible] [illegible]

[illegible] חי' [illegible] [illegible] [illegible] [illegible]

[illegible] [illegible] [illegible] [illegible]

[illegible] [illegible] [illegible] [illegible]

[illegible] [illegible] [illegible] [illegible]

[illegible] [illegible] בפרט [illegible]

[illegible] [illegible] [illegible] [illegible]

[illegible] [illegible] בפרט [illegible]

[illegible] [illegible] [illegible] [illegible]

[illegible] [illegible] [illegible] [illegible]

[illegible] [illegible] [illegible] [illegible]

[illegible] [illegible] [illegible] [illegible]

[illegible] [illegible] כי [illegible]

[illegible]

[illegible]

בה יום ד' [illegible]

[illegible] מחותני הה"ר [illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible] מחותני [illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

שלום ורפואה וישועות לנפש הטהרה הצנועה והחסידה המופלגת והמהוללת [illegible]

ברפואתה שלמה ז' ימים נקבה תי' [illegible]

[illegible]

שלמה [illegible]

[illegible]

[illegible]

[illegible]

ב"ה יום ה' פ' תשא תשס"ו [illegible]

[illegible] לכבוד [illegible] הרה"ג [illegible] החסיד [illegible]
[illegible] כמוהר"ר [illegible] שליט"א

השבוע נכנסה האם ובאה לביתנו עם התינוקת והודיעה
שהרופאים אמרו לה שאין מה לעשות [illegible] אם
[illegible] שנראה לה [illegible] בסטרואידים [illegible] הרב
מבורך לה שיהיה לה רפואה שלמה ותשוב לאיתנה הראשון
במהרה [illegible] חתום [illegible] ואמרה [illegible]
ביום 12-3 זה [illegible] שבוע [illegible] ושם [illegible]
אחרי הבדיקה והתברר [illegible] כל [illegible] כח [illegible]
[illegible] ג' [illegible] שלושה [illegible] גם [illegible]
והשם [illegible] לה שיהיה לה רפואה שלמה במהרה
[illegible] הרב [illegible]
הטוב [illegible] שיהיה לה רפואה שלמה במהרה

[illegible]

ב"ה אויפרוף פון דער חברה להשגחה ותק' מצבות קברי הצדיקים בארץ ישראל

## סניף בלודז רחוב-ציגעלניאנא 38 וו. 4

אויף דעם הייליגען רוף פון אונזערע גאונים ומקובלים פון ירושלים און די אדמורי"ם וצדיקים, גאונים ורבנים שליט"א פון אלע מדינות, ווענד איך זיך צו אייך, ברידער פון דער ברייטער וועלט: וואכט אויף אפצוגעבען כבוד אונזערע הייליגע נביאים, תנאים און צדיקים זי"ע, וואס זייערע הייליגע קברים ווערען ברוטאל געשענדעט דורך אלע סארטען בהמות און ווילדע בעשעפעניש[illegible]ען, און גאנץ פרעמדע הענד פערוואלטען איבער זיי. דער [illegible] ... גרוילט דאס הארץ פון יעדען בעזוכער.

מיר גיבען אייך אויף יודיש די איבערזעצונג פון דעם בריף פון ראש-הרבנים בארץ-ישראל הרה"ג ר' יעקב מאיר שליט"א פאר אונזער חברה. ער שרייבט, אז עס איז א גרויסע שאנדע פאר דעם יודישען פאלק מצד די פרעמדע טוריסטען, וואס בעזוכען דאס הייליגע לאנד און דריקען אויס זייער פעראכטונג אויף דעם יודישען פאלק, וואס ווייסט נישט צו עהרען און אפצוגעבען כבוד זיינע גרויסע צדיקים און דערלאזען דעם שרעקליכען בזיון, אז כולי-גאנעס זאלען פעראקערען אין די פעלדער די הייליגע ביינער פון די קדושי עליון און שטערען זייער רוה!

געדענקט ברידער, פאר וועמענס כבוד מיר רופען צו אייך, איהר זאלט גומל-חסד זיין מיט די קדושי-עליון וואס מיט זייער כח וקדושה האבען זיי דערהאלטען דעם קיום פון אונזער פאלק. אזוי ווי דער מדרש זאגט „שבזכותם החיים עומדין"!

געדענקט, אז אין דעם טרויעריגען בזיון, ווי עס געפינען זיך יעצט די קברות הצדיקים האבען זיי דעם דין פון א מת-מצוה (זעה אין אבן העזר סימן [illegible] ... מצבה שמציבין על הקבר הוא בכלל קבורה [illegible]

ליבע ברידער! נעמט אויף די הייליגע מצוה, וואס השי"ת האט אייך צוגעשיקט אין דעם ביטערן מצב און קריזיס וואס ס'געפינען זיך אונזערע ברידער אין אלע מקומות, השי"ת ירחם, און מיט א ווארעם הארץ העלפען אונז אין דער הייליגער מצוה, יעדער לויט זיין כח, און דערמיט וועט איהר מכבד זיין דעם ארון ד', [illegible] לויט ווי אונזערע ספרים שרייבען זענען די הייליגע ביינער פון די צדיקים זי"ע דער ארון ד', און געוויס אז איהר וועט העלפען טראגען דעם ארון ד' וועט דער ארון ד' אייך אויך העלפען, אזוי ווי די חז"ל זאגען „ארון נושא את נושאיו".

איך דערמאהן אייך אויך די ווערטער פון [illegible] אאמו"ר זצללה"ה זי"ע, וואס האט געזאגט אויף [illegible] מדרש, וואס ברענגט דעם משל פון רוכל, וואס איז [illegible] רומגעגאנגען און געזאגט: „מן בעי דמזבן סמא דח[illegible]". דער פירוש איז: דער רוכל האט געזאגט, אז ווער [illegible]

ווייל האבען סמא דחיי מוז מען ארייגלייגען אין דעם און קויפען, נישט אומזיסט.

דערמאהנט זיך, וואס פאר א סמא דחיי איהר קענט זיך קויפען און וואס פאר א זכיה די גרויסע מצוה איז פאר אייך אז זינט דעם חורבן פון אונזער לאנד ווערט איהר צום ערשטען מאל גערופען פון אלע צדיקי וגדולי הדור שליט"א, אז איר אלע, אן אונטערשיעד פון פארטיי-אנגעהעריגקייט, זאלט זיך [illegible] זיין, איז טובת נפשות הצדיקים זי"ע, וואס געווים עלען די הייליגע צדיקים זיין פאר אייך מליצי-יושר [illegible] אייערע גוטע וואונשען זאלען ערפילט ווערען, אזוי [illegible] דער ספר חסידים זאגט, אז די צדיקים אויף יענער וועלט פערלאנגען נישט קיין אומזיסטע טובה!

ליבע ברידער! נעמט אויף אונזערע אינקאסענטען מיט כבוד און נעמט יעדער א פושקע און שרייבט אייך איין אויף חודש-געלד!

לאזט אייך נישט פערפיהרען פון פערשיעדענע רשעים, וואס רעדען אייך אפ פון אזא גרויסע מצוה, און וועה צו דעם דור, אז ביי אזא מצוה זאל מען דארפען פיהרען מלחמות און עס זאלען זיך געפינען מענשען אן יודישען געוויסען און אן מורא פאר השי"ת און דעם כבוד פון די גרויסע צדיקים זי"ע.

(פאדער ביי די אינקאסענטען די פרעסע וועגען דעם [illegible]

איך דערמאהן דא נאר איין פאקט, וואס איך האב גערעדט מיט דעם גערער רבי'ן שליט"א אין ירושלים.

איך האב איהם אויפמערקזאם געמאכט, אז אזוי ווי איך זעה וועט דער שטן אונז לייגען גרויסע שטיינער אויף דעם וועג און וועט איינריידען די פערזארגערס און פיהרער פון יודישען כלל, אז די הייליגע זאך וועט זיין א קאנקורענץ פאר זייערע געזעלשאפטען און דערמיט שטערען דעם תמימותדיגען יוד פון אנטייל צו נעמען אין דער גרויסער מצוה.

דער גערער רבי שליט"א האט מיר געענטפערט, אז די זאך איז זייער א גרויסע און מען טאר זיך נישט אפשטעלען פאר קיין זאך. ער האט עטליכע מאהל איבערגעזאגט די ווערטער, אז עס איז א דבר גדול

ווי אויך דער גרויסער צדיק וקדוש דער אלעקסאנדערער רבי זי"ע דער מחבר פון ספר ישמח ישראל האט געשענקט א מצבה אויף דעם קבר פון רבינו בעל אור החיים ז"ל.

יעצט זאג איך אייך, זייט נישט מעורר קיין קטרוג אויף יודען מיט דעם נישט-בכבוד אנטיילנעמען אין דער גרויסער מצוה, נאר דער גאנצער כלל ישראל ברויך זיך שטעלען צו הילף די הייליגע ארבייט ראשיכם וכו' כל איש ישראל.

און מיר ברענגען דעם פסק פון מהר"ם גלאנטי און מהר"ם בן חביב זי"ע און די גרעסטע גאונים פון ארץ-ישראל אין דער צייט פון רבינו בית-יוסף זצ"ל, אז מען איז מחויב צו צו העלפען די וואס זענען משגיח אויף די קברות הצדיקים זי"ע און די שארפע ווערטער וואס דארט געפינען זיך: כל העושה והמעשה לקיום דברי חכמים ברכות יחולו על ראשו, ומכלל לאו אתה שומע הן. זעה דעם פסק אין ספר שו"ת זרע אנשים, געדרוקט אין הוסיאטין. אויך זעה דעם טעקסט פון אויפרוף פון רבינו הרי"ט אלגאזי, ז"ל מיט די גאוני ירושלים אין יאהר תקמ"ב, אז די מצוה פון קברות הצדיקים זי"ע איז א מצוה פון פדיון שבוים לקדושים אשר בארץ המה.

עס געפינט זיך ביי אונזערע אינקאסאנטען דער גאנצער אויפרוף און מיר דערמאהנען אייך דעם הייליגען רוף פון אונזער נביא נחמיה צום קעניג: איך לא ירע פני העיר קברות אבותי חרבה. אין דער צייט, וואס יעדע אומה ולשון זוכט צו פערשפרייטען איהר אפוטרופסות אויף אונזער הייליג לאנד און מיר קוקען זיך צו גלייכגילטיג צו דער פערוויסטונג פון אונזערע הייליגע ערטער וואס מיר קענען אויסלייזען און אויך מיט אייער הילף שטיצט איהר די גרויסע ישיבת המקובלים וואס טראגט דעם נאמען פון אונזער געוועזענעם נשיא דער צדיק און ראש פון די מקובלים רבינו הר' חיים שאול דוויך וצללה"ה אין ירושלים.

איך דערמאהן אייך די הייליגע וואונשען פון דעם סבא קדישא זי"ע פאר די מנדבים פון אונזער חברה פאראיאהרען ביי דעם שטעלן דעם אוהל אויפ'ן קבר פון רבינו הראשית חכמה זצ"ל אין חברון דורך אונזער חברה האט ער געוואונשען, אז זיי זאלען געהאלפען ווערן מיט יעדע הילף וואס יעדער פערלאנגט און האט אויסגעדריקט זיין הייליגען וואונש צום גאנצען יודישען פאלק אז מען זאל העלפען די הייליגע זאך מיט וואס יעדער קען.

זעה אין ירושלים'ער בלאט „דואר היום", וואס געפינט זיך ביי אונזערע אינקאסאנטען

געוויס ווען דער הייליגער וואונש פון אונזער גרויסען נשיא זי"ע זיין ביי אייך טייער און מיר ווענדען זיך אויך צו אונזערע יודישע שוועסטער וואס זיי זענען בכח משפיע צו זיין אויף זייערע מענער צו שטיצן די גרויסע מצוה און מיר דערמאהנען זיי דעם מדרש: אמר ר' יצחק אזוי ווי הקב"ה האט געגעבען די תורה מיט צוויי און צוואנציג אותיות אזוי איז מכבד הקב"ה די נשים הכשירות מיט צוויי און צוואנציג אותיות און אזוי ווי עס שטעהט אין פסוק: ויקברו את עצמות שאול ויהונתן בנו ויעתר ד' לארץ, האטען מיר אז אין דעם זכות וואס דער גאנצער כלל וועט עוסק זיין אין דער גרויסער מצוה וועט זיין דער רצון פון השי"ת אונז אויסצולייזען און מיר זאלען געהאלפען ווערן מיט דער גאולה שלימה, אזוי ווי דער רמב"ן ז"ל זאגט אויף דעם פסוק הת תעורי ומה תעוררי וכו' עד שתחפץ, אז עס ווערט דערוועקט א מצוה דארף מען פאר כען א חפץ, א מעשה

החותם בכל חיתמי ברכות בשם חברתנו הקדושה

**יחיאל מאיר מארגינשטערין**

**בהה"ט וצללה"ה זי"ע מלאסאן**

מנהל החברה להשגחת ותיקון מצבות

קברי הצדיקים בארץ ישראל

מיר בעטען יעדען וואס האט א פושקע אדער ער דעקלארירט זיך אויף חודש-געלד אליין אונטערצושרייבען וויפיעל געלד עס געפינט זיך אין דער פושקע אדער חודש-געלד אויף דעם קוויטאריוש על דעם אינקאסענט און אויך איינצושרייבען זיין נאמען און דער מוטערס נאמען צו דערמאהנען אויף די קברי הצדיקים זי"ע און מילייכט איינער וויל א ספעציעלע תפלה אדער בקשה מען זאל פאר איהם אפריכטען אין ארץ-ישראל אדער ער וויל אויף א סגולה ערד פון די קברי הנביאים וצדיקים זי"ע, אזוי ווי עס געפינט זיך אין דער גמרא מקברי דרב הוי שקלי עפרא לאשתא בת יומא, זאל ער זיך ווענדען אויף פאלגענדען אדרעס:

## חברה „להשגחה ותקון מצבת קברי הצדיקים בא"י"

## סניף בלודז, צעגעלניאנא 38 וו 4.

**Stowarzyszenie Ochrony Pomników i Grobów Cadyków w Palestynie**

**Oddział w Łodzi Cegielniana 38/4**

## שמות אדמו"ר"ים וצדיקים וגה"צ ראש"י בי"ל שנתנו הסכמתם ונדבתם עבור חברתינו הקדושה עפ"י סדר א' ב' דער אריגינאל פון די בריף געפינט זיך ביי אונזערע אינקאסענטען.

הה"צ ר' אברהם מרדכי אלטער גור
" ר' אלימלך פערלאוו קרלין
" ר' אורי יהושע אלחנן קאלביעל
" ר' אלטר ישראל שמעון זצ"ל נאוואמינסק
" ר' אברהם ווינבערג סלאנים
" ר' אלטר עזריאל מאיר איגר לובלין
הרב ר' אברהם יצחק הכהן קוק ירושלים
" ר' אליי קלאצקין זצ"ל ירושלים
" ר' אפרים וויינאס צפת
" ר' אברהם אבו כזיר אלכסנדריא מצרים
" ר' אליי ריגנה חיפה
" ר' ברוך מארקוס חיפה
" ר' בנציון עוזיאל תל אביב
הרה"צ ר' דוד בארענשטיין סאכטשאוו
הרב ר' חיים זוננפלד זצ"ל ירושלים
" ר' חיים נחום קהיר מצרים
" חיים יהושע נוסטעכמער ווארשא

הה"צ ר' ישראל פרידמאן טשארטקוב
הרב חיים יהודא גינצבערג ז"ל שעדליץ
הרה"צ ר' יוסף יצחק שניארסון לובאוויטש
" ר' יצחק מנחם מענדיל אלכסנדר
" ר' יצחק מאיר העשיל קאפישינץ
" ר' יוסף קאליש אמשינאוו
" ר' יוסף מארגנשטערן קאצק
" ר' ישראל פרידמאן הוסיאטין
" ר' יחזקאל אסטראווצי
" ר' ישראל שפירא בראדזיסק
" ר' יצחק זעליג מארגענשטערן סאקלוב
" ר' יהושע אשר פאריסאוו
" ר' יצחק קאליש אטוואצק
הרב הראשי יעקב מאיר ירושלים
הרב ר' יצחק מאיר קאנאל - ווארשא
" ר' [illegible] לאדז
" ר' מרדכי ליב רובין זצ"ל ירושלים

הרה"צ ר' משה זצ"ל פילעה
" ר' מרדכי יוסף אלעזר ליינער זצ"ל ראדזין
" ר' מרדכי מנחם מענדיל זצ"ל וקערנפוויטץ
" ר' מנחם נחום שטעפענעס
" ר' מנחם מענדיל לאנדא סטריקאוו
הרב ר' מאיר שפירא לובלין
" ר' משה מנחם לאדז
" ר' מרדכי ניסן קראל לאדז
" ר' משה דאמב לאדז
" פראפ. ד"ר משה שור ווארשא
הרה"צ ר' קלונימוס קלמיש שפירא פיאסעצנע
" ר' שמעון קאליש אמשינאוו
" ר' שלמה ליינער ראדזין
" ר' ישעי' גאלדמאן קיעלץ
הרב ר' שלמה דוד כהנא ווארשא
" ר' שמואל בראדט טאמשוב

בע"ה ה׳ אמור תרצ"ח, לאדז׳

רבי חיים שאול דויק זצ"ל, עם יבדל"ח
הרה"צ ר׳ י. מ. מורגנשטרן מקאצק לאמאז
עומדים בתפילה אצל מערת המכפלה בעת
הקמת המצבה על קברו של ה"פרי חדש" זצ"ל
ע"י חברת הקמת מצבות בארץ ישראל,
שהרה"צ י. מ. מקאצק שליט"א יסדה ועמד
בראשה משנת תרפ"ס.



